STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01267

HEYLIGE SHRIFTEN (KITVE HA-KODESH)

*Permanent preservation of this book was made possible
by Dr. Abe H. Kosik
in memory of
Sally H. Kosik*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

הייליגע שריפטען

(כִּתְבֵי־הַקֹּדֶשׁ).

תּוֹרָה, נְבִיאִים, כְּתוּבִים.

איבערזעצט פון א. ל. יעקאבוביץ

LIBRARY OF THE
BUREAU OF JEWISH EDUCATION
CLEVELAND, OHIO

The Cleveland Hebrew School and Institute
LIBRARY
No. 208

ארויסגעגעבען פון

פערלאג „השחר".

ווארשע, תרס״ט.

דרוק „הצפירה" פיינסקא 40.

ГЕЙЛИГЕ ШРИФТЕНЪ

т. е. Священныя Книги

Первая книга: БЫТІЕ.

Перев. на жаргон. яз. А. Л. ЯКУБОВИЧЪ.

Изданіе „ГАШАХАРЪ“

Варшава 1909

Типографія И. ЭДЕЛЬШТЕЙНА, Налевки 38.

HEILIGE SCHRIFTEN

oder Dos Alte Testament.

Iüdische Übersetzung von A. L. IAKUBOWITSCH.

Herausgegeben von Verlag „HASCHACHAR“

Warschaû 1909

משֶׁה'ס לעהרע.

(תּוֹרַת משֶׁה).

ערשטער סֵפֶר:

בְּרֵאשִׁית.

(די וועלט=בעשאַפונג).

ערשטע סֶדְרָה: בְּרֵאשִׁית.

קאפיטעל 1.

1. אוּן אָנהויב האָט גאָט בעֶשאַפעֶן דעֶם הימעֶל און די ערד.

2. און די ערד איז געוועֶן וויסט און לעֶער, און עֶס איז געֶוועֶן פינסטעֶר אויף דעֶם אָבגרונד, און גאָט'ס גייסט האָט געֶשוועֶבט אויפ'ן וואַסעֶר.

3. האָט גאָט געֶזאָגט: זאָל ווערעֶן ליכט. און עֶס איז געֶוואָרעֶן ליכט.

4. און גאָט האָט געֶזעֶהן דאָס ליכט, דאָס עֶס איז גוט, און גאָט האָט אָבגעֶטהיילט דאָס ליכט פון דעֶר פינסטעֶרניש.

5. און גאָט האָט אָנגעֶרופעֶן דאָס ליכט טאָג, און די פינסטעֶרניש האָט עֶר אָנגעֶרופעֶן נאַכט. און עֶס איז געֶוועֶן אָבעֶנד און עֶס איז געֶוועֶן פריהמאָרגעֶן: איין טאָג.

6. און גאָט האָט געֶזאָגט: זאָל ווערעֶן אַ שטייפעֶ פעֶרשפּריי-טונג צווישעֶן וואַסעֶר און זאָל אָבטהיילעֶן וואַסעֶר פון וואַסעֶר.

7. און גאָט האָט געֶמאַכט די שטייפעֶ פעֶרשפּרייטונג און האָט אָבגעֶטהיילט צווישעֶן דאָס וואַסעֶר, וואָס אונטעֶר דעֶר פעֶר-שפּרייטונג, און צווישעֶן דאָס וואַסעֶר, וואָס איבעֶר דעֶר פעֶרשפּריי-טונג. און עֶס איז אַזוי געֶוואָרעֶן.

8. און גאָט האָט אָנגעֶרופעֶן די פעֶרשפּרייטונג הימעֶל. און עֶס איז געֶוועֶן אָבעֶנד, און עֶס איז געֶוועֶן פריהמאָרגעֶן: דעֶר צווייטעֶר טאָג.

9. און גאָט האָט געֶזאָגט: עֶס זאָל זיך פעֶרזאַמלעֶן דאָס וואַסעֶר, וואָס אונטעֶר דעֶם הימעֶל, אין איין אָרט, און עֶס זאָל זיך אַרויסזעֶהן די טריקעֶניש. און עֶס איז אַזוי געֶוואָרעֶן.

10. און גאָט האָט אָנגעֶרופעֶן די טריקעֶניש ערד, און די

פערזאַמלונג פון וואַסער האָט ער אָנגערופען ים׳ען. און גאָט האָט געזעהן, אַז דאָס איז גוט.

11. און גאָט האָט געזאָגט: זאָל די ערד לאָזען אַרויסשפּראָצען פון זיך גרינס, גראָז, וואָס מאַכט זייען אַ זאָמען, אַ פרוכט־בּוים, וואָס גיעט אַרויס פרוכט לויט זיין אַרט, און זיין זאָמען איז אין איהם אויף דער ערד. און עס איז אַזוי געוואָרען.

12. און די ערד האָט געלאָזט אַרויס׳שפּראָצען פון זיך גרינס, גראָז, וואָס מאַכט זייען אַ זאָמען לויט זיין אַרט, און אַ פרוכט־בּוים, וואָס זיין זאָמען איז אין איהם לויט זיין אַרט. און גאָט האָט געזעהן, אַז דאָס איז גוט.

13. און עס איז געווען אָבענד, און עס איז געווען פריה־מאָרגען: דער דריטער טאָג.

14. און גאָט האָט געזאָגט: עס זאָלען ווערען לייכטער אין דער שטייפהייט פון הימעל, אונטערצושיידען צווישען דעם טאָג און צווישען דער נאַכט, און זיי זאָלען זיין אַלס צייכענס און צייטען און טעג און יאָהרען;

15. און זיי זאָלען זיין לייכטער אין דער שטייפהייט פון הימעל, צו בעלייכטען די ערד. און עס איז אַזוי געוואָרען.

16. און גאָט האָט געמאַכט די צוויי גרויסע לייכטער: דעם גרויסען לייכטער, צו געוועלטיגען ביי טאָג, און דעם קליינעם לייכטער, צו געוועלטיגען ביי נאַכט, און די שטערען.

17. און גאָט האָט זיי אַריינגעזעצט אין דער שטייפהייט פון הימעל, צו בעלייכטען די ערד,

18. און צו געוועלטיגען ביי טאָג און ביי נאַכט, און אָבצוטיילען דאָס ליכט פון דער פינסטערניש. און גאָט האָט געזעהן, אַז דאָס איז גוט.

19. און עס איז געווען אָבענד, און עס איז געווען פריה־מאָרגען: דער פיערטער טאָג.

20. און גאָט האָט געזאָגט: זאָל דאָס וואַסער אַרויסווימעלען בעוועגליכע, לעבעדיגע זעעלען, און פויגעל זאָלען פליהען איבּ

דער ערד , אונטער דער שטײַפהײַט פון הימעל.

21. און גאָט האָט בעשאַפען די גרויסע וואַלפיש , און אַלערלײַ לעבענדיגע זעעלען , וואָס קריעכען, וואָס דאָס וואַסער האָט אַרויסגעווימעלט , יעדע לויט איהר אַרט , און אַלערלײַ בע־פעדערטע פויגעל , יעדער לויט זײַן אַרט . און גאָט האָט געזעהען , אַז דאָס איז גוט .

22. און גאָט האָט זײ געבענשט און האָט אַזוי געזאָגט : פרוכפּערט זיך און פערמעהרט זיך און מאַכט פול דאָס וואַסער אין די ים'ען , און די פויגעל זאָלען זיך פערמעהרען אויף דער ערד .

23. און עס איז געוועזען אָבענד און עס איז געוועזען פריה־מאָרגען : דער פינפטער טאָג .

24. און גאָט האָט געזאָגט : זאָל די ערד אַרויסגעבען אַ לעבענדיגע זעעלע לויט איהר אַרט , פיה און ווערעם און חיות פון דער ערד לויט זײער אַרט . און עס איז אַזוי געוואָרען .

25. און גאָט האָט געמאַכט די חיות פון דער ערד לויט זײער אַרט , און די פיה לויט זײער אַרט , און אַלערלײַ ווערעם פון דער ערד לויט זײער אַרט . און גאָט האָט געזעהן , אַז דאָס איז גוט .

26. און גאָט האָט געזאָגט : לאָ'מיר מאַכען מענשען אין אונ־זער פאָרם , אַזוי ווי אונזער געשטאַלט , און זאָלען זײ געוועלטיגען איבער די פיש פון ים און איבער די פויגעל פון הימעל און אי־בער די פיה און איבער דער גאַנצער ערד און איבער די ווערעם , וואָס קריכען אויף דער ערד .

27. און גאָט האָט בעשאַפען דעם מענשען אין זײַן פאָרם , אין דער פאָרם פון גאָט האָט ער איהם בעשאַפען , אַ זָכָר און אַ נְקֵבָה האָט ער זײ בעשאַפען.

28. און גאָט האָט זײ געבענשט , און גאָט האָט צו זײ געזאָגט : פרוכפּערט זיך און פערמעהרט זיך און מאַכט פול די ערד און נעהמט זי אײַן און געוועלטיגט איבער די פיש פון ים און איבער די פויגעל פון הימעל און איבער אַלעס לעבענדיגען , וואָס קריעכט אויף דער ערד.

29. און גאָט האָט געזאָגט: אָט האָב איך אייך געגעבען אַלע גראָזען, וואָס זייען אַ זאָמען, אויף דער גאַנצער ערד, און אַלע בוימער, וואָס אין זיי איז דאָ אַ פרוכט פון אַ בוים, וואָס זייעט אַ זאָמען, פאַר אייך זאָל דאָס זיין צו'ם עסען.

30. און פאַר אַלע חיות פון דער ערד, און פאַר אַלע פויגעל פון הימעל, און פאַר אַלץ, וואָס קריעכט אויף דער ערד און האָט אין זיך אַ לעבענדיגע זעעלע, האָב איך געגעבען אַלע גרינס און גראָזען צום עסען. און עס איז אַזוי געוואָרען.

31. און גאָט האָט געזעהן אַלץ, וואָס ער האָט געמאַכט, און דאָס איז זעהר גוט. און עס איז געוועזען אָבענד, און עס איז געוועזען פריהמאָרגען: דער זעקסטער טאָג.

קאַפּיטעל 2.

1. און עס זײַנען פערענדיגט געוואָרען דער הימעל און די ערד און זייער גאַנצע העערשאַפט.

2. און גאָט האָט געענדיגט אין דעם זיבענטען טאָג זיין גאַנצע אַרבייט, וואָס ער האָט געמאַכט, און ער האָט גערוהט אין דעם זיבענטען טאָג פון זיין גאַנצער אַרבייט, וואָס ער האָט געמאַכט.

3. און גאָט האָט געבענשט דעם זיבענטען טאָג און האָט איהם געהייליגט, ווייל אין איהם האָט ער גערוהט פון זיין גאַנצער אַרבייט, וואָס גאָט האָט בעשאַפען און געמאַכט.

4. אָט דאָס איז די געבורט פון הימעל און ערד, ווען זיי זײַנען בעשאַפען געוואָרען, אין דעם טאָג, וואָס גאָט האָט געמאַכט ערד און הימעל.

5. און קיין בוים פון פעלד איז נאָך נישט געוועזען אויף דער ערד, און קיין גראָז פון פעלד האָט נאָך נישט געשפּראָצט, ווייל גאָט האָט נישט געלאָזט רעגענען אויף דער ערד. און עס איז נאָך נישט געוועזען קיין מענש צו בעאַרבייטען די ערד.

6. נאָר אַ נעבעל איז אויפגעגאַנגען פון דער ערד און האָט

אָנגעטרונקען דאָס גאַנצע אַנגעזיכט פון דער ערד.

7. און גאָט דער הערר האָט בעשאַפען דעם מענשען פון שטויב פון דער ערד, און ער האָט אַריינגעבלאָזען אין זיינע נאָזלעכער דעם לעבענדיגען אָטהעם, און דער מענש איז געוואָרען אַ לעבענדיגע זעעלע.

8. און גאָט דער הערר האָט געפלאַנצט אַ גאָרטען אין עֵדֶן פון מִזְרַח־זייט, און ער האָט דאָרט אַריינגעזעצט דעם מענשען, וואָס ער האָט בעשאַפען.

9. און גאָט דער הערר האָט געלאָזט אַרויסשפּראָצען פון דער ערד אַלערליי בוימער, וואָס זענען גלוסטיג אָנצוקוקען און גוט צו'ם עסען, און דעם בוים פון לעבען אין מיטען גאָרטען, און דעם בוים פון דערקענען גוטס און שלעכטס.

10. און אַ טייך געהט אַרוים פון עֵדֶן, אָנצוטרינקען דעם גאָרטען, און פון דאָרט ווערט ער פאַנאַנדערגעטיילט אין פיער הויפּט־טייכען.

11. דער נאָמען פון איינעם איז פִּישׁוֹן, דאָס איז דער, וואָס רינגעלט אַרום דאָס גאַנצע לאַנד חֲוִילָה, וואָס דאָרט איז דאָס גאָלד.

12. און דאָס גאָלד פון יענעם לאַנד איז גוט; דאָרט געפינט זיך דער בְּדֹלַח און דער טייערער שטיין אָניקס.

13. און דער נאָמען פון צווייטען טייך איז גִיחוֹן, דאָס איז דער, וואָס רינגעלט אַרום דאָס גאַנצע לאַנד כּוּשׁ.

14. און דער נאָמען פון דריטען טייך איז חִדֶּקֶל, דאָס איז דער, וואָס געהט אויף מזרח־זייט פון אַשּׁוּר. און דער פיערטער טייך איז פְּרָת.

15. און גאָט דער הערר האָט גענומען דעם מענשען און האָט איהם אַריינגעזעצט אין גאָרטען פון עדן, איהם צו בעאַרבייטען און איהם אָבצוהיטען.

16. און גאָט דער הערר האָט אָנגעזאָגט דעם מענשען און האָט אַזוי געזאָגט: פון יעדען בוים פון גאָרטען זאָלסטו עסען;

17. און פון דעם בוים פון דערקענען גוטס און שלעכטס, זאָלסטו נישט עסען פון איהם, וואָרום אין דעם טאָג, ווען דו וועסט עסען פון איהם, וועסטו שטאַרבען.

18. און גאָט דער העֶרר האָט געזאָגט: עס איז נישט גוט, דאָס דער מענש זאָל זיין אַליין; איך וועל איהם מאַכען אַ געהילף, ווי עס פּאַסט פאַר איהם.

19. און גאָט דער העֶרר האָט בעשאַפען פון דער ערד אַלערליי חיות פון פעלד און אַלערליי פויגעל פון הימעל, און ער האָט זיי געבראַכט צום מענשען, צו זעהן, ווי ער וועט זיי אָנרופען, און ווי דער מענש וועט אָנרופען יעדע לעבענדיגע זעעלע, אַזוי זאָל זי הייסען.

20. און דער מענש האָט אָנגערופען נעמען פאַר אַלע בהמות און פויגעל פון הימעל און פאַר אַלע חיות פון פעלד, און פאַר דעם מענשען האָט ער נישט געפונען קיין העלפער, ווי עס פּאַסט פאַר איהם.

21. און גאָט דער העֶרר האָט געמאַכט אָנפאַלען אַ טיעפען שלאָף אויפ'ן מענשען, און ער איז איינגעשלאָפען; און ער האָט גענומען איינע פון זיינע ריפען, און האָט דעם אָרט געשלאָסען מיט פלייש.

22. און גאָט דער העֶרר האָט געבויט אַ ווייב פון דער ריפּ, וואָס ער האָט גענומען פון מענשען, און ער האָט זי געבראַכט צו'ם מענשען.

23. און דער מענש האָט געזאָגט: דאָס מאָל איז דאָס אַ ביין פון מיינע ביינער און פלייש פון מיין פלייש; דאָס דאָזיגע זאָל ווערען אָנגערופען ווייב, ווייל דאָס איז גענומען געוואָרען פון מאַן.

24. דעריבער זאָל אַ מענש פערלאָזען זיין פאָטער און זיין מוטער און זאָל זיך בעהעפטען צו זיין ווייב, און זיי זאָלען ווערען איין לייב.

25. און זיי זענען ביידע געוועזען נאַקעט, דער מענש און זיין ווייב, און זיי האָבען זיך נישט געשעמט.

קאפיטעל 3.

1. און די שלאַנג איז געווען די קלינגסטע פון אַלע חיות פון פעלד, וואָס גאָט דער העֶרר האָט געמאַכט. און זי האָט געזאָגט צו'ם ווייב: צי האָט דען אין אמת'ען גאָט געזאָגט: איהר זאָלט נישט עסען פון אַלע בוימער פון גאָרטען?

2. האָט דאָס ווייב געזאָגט צו דער שלאַנג: פון די פרוכט פון די בוימער פון גאָרטען מעגען מיר עסען;

3. נאָר פון די פרוכט פון בוים, וואָס אין מיטען גאָרטען, האָט גאָט געזאָגט: איהר זאָלט נישט עסען פון איהם, און איהר זאָלט זיך נישט אָנריהרען אָן איהם, ווייל איהר וועט שטאַרבען.

4. האָט די שלאַנג געזאָגט צום ווייב: ניין, איהר וועט נישט שטאַרבען;

5. וואָרום גאָט ווייס, דאָס אין דעם טאָג, ווען איהר וועט עסען פון איהם, וועלען אויפגעעפענט ווערען אייערע אויגען, און איהר וועט זיין אַזוי ווי גאָט, וואָס ווייס גוטס און שלעכטס.

6. און די פרוי האָט געזעהן, דאָס דער בוים איז גוט צו'ם עסען און דאָס ער איז גלוסטיג פאַר די אויגען, און דער בוים איז לוסטיג צו מאַכען קלוג, האָט זי גענומען פון זיין פרוכט און האָט געגעסען, און האָט געגעבען אויך איהר מאַן מיט איהר, און ער האָט געגעסען.

7. און עס זענען אויפגעעפענט געוואָרען זייערע ביידעגס אויגען, און זיי האָבען געוואוסט, דאָס זיי זענען נאַקעט; האָבען זיי אויפגענעהט פייגען-בלעטער, און האָבען זיך געמאַכט גורטען.

8. און זיי האָבען דערהערט די שטימע פון גאָט דעם העֶרר, וואָס געהט אַרום אין גאָרטען, ווען דער טאָג איז קיהל געוואָרען. און אָדם האָט זיך בעהאַלטען מיט זיין ווייב פאַר גאָט דעם העֶרר אין די בוימער פון גאָרטען.

9. און גאָט דער העֶרר האָט גערופען אָדם'ן און האָט געזאָגט צו איהם: וואו ביזטו?

10. האָט ער געזאָגט: דיין שטימע האָב איך געהערט אין גאָרטען, און איך האָב מורא געהאַט, דען איך בין נאַקעט, האָב איך זיך בעהאַלטען.

11. האָט גאָט געזאָגט: ווער האָט דיר געזאָגט, דאָס דו בּיזט נאַקעט? צי האָסטו געגעסען פון דעם בוים, וואָס איך האָב דיר אָנגעזאָגט, דו זאָלסט נישט עסען פון איהם?

12. האָט אָדם געזאָגט: דאָס ווייב וואָס דו האָסט מיר געגעבען, זי האָט מיר געגעבען פון דעם בוים, און איך האָב געגעסען.

13. האָט גאָט געזאָגט צו'ם ווייב: וואָס האָסטו דאָס געטהון? האָט דאָס ווייב געזאָגט: די שלאַנג האָט מיך אָנגערעדט, האָב איך געגעסען.

14. האָט גאָט געזאָגט צו דער שלאַנג: דערפאַר וואָס דו האָסט דאָס געטהון, זאָלסטו זיין פערפלוכט פון אַלע בְּהֵמוֹת און פון אַלע חַיוֹת פון פעלד; אויף דיין בויך וועסטו געהן און ערד וועסטו עסען אַלע טעג פון דיין לעבען.

15. און אַ פיינדשאַפט וועל איך מאַכען צווישען דיר און צווישען דאָס ווייב, און צווישען דיינע קינדער און צווישען איהרע קינדער; זיי וועלען דיר צעטרעטען דעם קאָפּ, און דו וועסט זיי בייסען אין פוס.

16. צו'ם ווייב האָט ער געזאָגט: פיעל וועל איך פערמעהרען דיין וועהטאָג און דיין שוואַנגערשאַפט, מיט וועהטאָג וועסטו געבוירען קינדער, און צו דיין מאַן וועסטו גלוסטען, און ער וועט געוועלטיגען איבער דיר.

17. און צו אָדם'ן האָט ער געזאָגט: דערפאַר, וואָס דו האָסט געפאָלגט די שטימע פון דיין ווייב, און דו האָסט געגעסען פון דעם בוים, וואָס איך האָב דיר אָנגעזאָגט: דו זאָלסט נישט עסען פון איהם, פערפלוכט זאָל זיין די ערד פון דיינעטוועגען, מיט קומער זאָלסטו עסען פון איהר אַלע טעג פון דיין לעבען.

18. און דערנער און שטעכעדיגעס זאָל זי לאָזען אַרויס־שפּראָצען פאַר דיר, און דו זאָלסט עסען דאָס גראָז פון פעלד.

19. מיט שווייס פון דיין אנגעזיכט וועסטו עסען ברויט, ביז דו וועסט צוריקקעהרען צו דער ערד, דען פון איהר ביזטו גענומען געוואָרען; דען שטויב ביזט דו, און צו שטויב וועסטו צוריקקעהרען.

20. און אָדָם האָט אָנגערופען דעם נאָמען פון זיין ווייב: חַוָּה, דען זי איז געוועזען די מוטער פון אַלע לעבעדיגע.

21. און גאָט דער הערר האָט געמאַכט פאַר אָדם'ן און זיין ווייב קליידער פון פעל, און ער האָט זיי בעקליידט.

22. און גאָט דער הערר האָט געזאָגט: אָט איז אָדם געוואָרען אַזוי ווי איינער פון אונז, און ווייס גוטס און שלעכטס; און איצט קאָן ער נאָך אויסשטרעקען זיין האַנד און וועט נעהמען אויך פון בוים פון לעבען, און וועט עסען און וועט לעבען עביג.

23. און גאָט דער הערר האָט איהם אַרויסגעשיקט פון גאָרטען עֵדֶן, ער זאָל בעאַרבייטען די ערד, וואָס פון איהר איז ער גענומען געוואָרען.

24. און ער האָט אַרויסגעטריבען אָדם'ן, און ער האָט געלאָזט רוהען אויף מִזְרח-זייט פון גאָרטען עֵדֶן די כְּרוּבִים און אַ בלויזען שווערד, וואָס דרעהט זיך, אָבצוהיטען דעם וועג צו'ם בוים פון לעבען.

קאַפּיטעל 4.

1. און אָדם האָט דערקענט זיין ווייב חַוָּה, און זי איז געוואָרען שוואַנגער, און האָט געבאָרען קַיִן'ען, און האָט געזאָגט: איך האָב געקויפט אַ מענשען פון גאָט.

2. און זי האָט נאָך געבאָרען זיין ברודער הֶבֶל'ן. און הֶבֶל איז געוואָרען אַ פאַסטוך פון שאָף, און קין איז געוואָרען אַ ערד-אַרבייטער.

3. און עס איז געוועזען אין אַ געוויסע צייט אַרום, און קין האָט געבראַכט פון די פרוכט פון דער ערד אַ מַתָּנָה צו גאָט.

4. און הֶבל האָט אויך געבראַכט פון די בעסטע פון זיינע שאָף און פון זייער פעטס. און גאָט האָט זיך געווענדעט צו הבל'ן און צו זיין מַתָּנָה;

5. און צו קַיִנ'ען און צו זיין מתנה האָט ער זיך נישט געווענדעט. האָט דאָס קינ'ען זעהר פערדראָסען און ער האָט אַראָבגעלאָזט דאָס געזיכט.

6. האָט גאָט געזאָגט צו קינ'ען: פאַרוואָס האָט דאָס דיר פערדראָסען? און פאַר וואָס האָסטו אַראָבגעלאָזט דאָס געזיכט?

7. דען אויב דו וועסט גוטס טהון, וועסטו זיין אַנגענעהם, און אויב דו וועסט נישט גוטס טהון, רוהט די זינד פאַר דער טהיר, און צו דיר שטרעבט זי, נאָר דו קאָנסט געוועלטיגען איבער איהר.

8. האָט קין גערעדט צו זיין ברודער הבל. און עס האָט געטראָפען, ווען זיי זענען געווען אין פעלד, איז אויפגעשטאַנען קין אַקעגען זיין ברודער הבל, און האָט איהם געטויטעט.

9. האָט גאָט געזאָגט צו קינ'ען: וואו איז דיין ברודער הבל? האָט ער געזאָגט: איך ווייס נישט; צי דען בין איך דער היטער פון מיין ברודער?

10. האָט גאָט געזאָגט: וואָס האָסטו געטהון? די שטימע פון דיין ברודערס בלוט שרייט צו מיר פון דער ערד אַרויס.

11. און איצט זאָלסטו זיין מעהר פערפלוכט פון דער ערד, וואָס האָט געעפענט איהר מויל, צוצונעהמען דיין ברודערס בלוט פון דיינע הענד.

12. ווען דו וועסט בעאַרבייטען די ערד, זאָל זי דיר שוין מעהר נישט געבען איהר קראַפט. פעריאָגט און פערוואָגעלט זאָלסטו זיין אויף דער ערד.

13. האָט קין געזאָגט צו גאָט: מיין זינד איז צו גרויס, עס זאָל קאָנען פעטראָגען ווערען.

14. אָט האָסטו מיך היינט פערטריבען פון דער ערד אַראָב, און איך מוז מיך פאַר דיר בעהאַלטען, און איך וועל זיין פעריאָגט

און פערוואָגעלט אויף דער ערד, און איצט, ווער עס וועט מיך טרעפען, וועט מיך טוידטען.

15. האָט גאָט געזאָגט צו איהם: דעריבער, יעדער, וועך עס וועט טוידטען קין'ען, זאָל מען זיך אין איהם זיבען מאָל נוקם זיין. און גאָט האָט געמאַכט אויף קין'ען אַ צייכען, דאָס עס זאָל איהם ניט שלאָגען יעדער, ווער עס וועט איהם טרעפען.

16. און קין איז אַרויסגעגאַנגען פון פאַר גאָטס אַנגעזיכט, און ער האָט זיך בעזעצט אין לאַנד נוֹד, אויף מזרח-זייט פון עֵדן.

17. און קין האָט דערקענט זיין ווייב, און זי איז געוואָרען שוואַנגער, און זי האָט געבאָרען חֲנוֹך'ן. און ער האָט געבויט אַ שטאָדט, און האָט אָנגערופען דעם נאָמען פון דער שטאָדט אַזוי ווי דער נאָמען פון זיין זוהן חֲנוֹךְ.

18. און ביי חנוך'ן איז געבאָרען געוואָרען עִירָד. און עירד האָט געבאָרען מְחוּיָאֵל'ן. און מחויאל האָט געבאָרען מְתוּשָׁאֵל'ן. און מתושאל האָט געבאָרען לֶמֶךְ'ן.

19. און למך האָט זיך גענומען צוויי ווייבער: דער נאָמען פון איינער איז געוועזען עָדָה, און דער נאָמען פון דער צווייטער – צִלָּה.

20. און עדה האָט געבאָרען יָבָל'ן, ער איז געוועזען דער פאָטער פון די אַלע, וואָס זיצען אין געצעלטען מיט פיה.

21. און דער נאָמען פון זיין ברודער איז געוועזען יוּבָל. ער איז געוועזען דער פאָטער פון די אַלע, וואָס שפּיעלען אויף פידלען און אויף טרומייטען.

22. און צלה האָט אויך געבאָרען תּוּבַל־קַיִן'ען, דעם מייסטער פון אַלע ווערק פון קופּער און אייזען. און תובל-קין'ס שוועסטער איז געוועזען נַעֲמָה.

23. און למך האָט געזאָגט צו זיינע ווייבער: עדה און צלה, הערט מיין שטימע; למך'ס ווייבער, פעריעהמט מיינע רעד: דען אַ מענש האָב איך געטוידט צו מיין וואונד, און אַ קינד צו מיין בייל.

24. דען פאַר קין'ען זאָל מען זיך זיעבען מאָל נוקם זיין, און פאַר למך'ן זיעבען און זיעבציג מאָל.

25. און אָדם האָט נאָך דערקענט זיין ווייב, און זי האָט געבאָרען אַ זוהן און האָט אַנגערופען זיין נאָמען: שֵׁת, דען גאָט, האָט זי געזאָגט, האָט מיר געשענקט אַנ׳אַנדער נאָמען, אַנשטאָט הבל׳ן, וואָס קין האָט איהם געטוידט.

26. און שת׳ן איז אויך געבאָרען געוואָרען אַ זוהן, האָט ער אַנגערופען זיין נאָמען: אֱנוֹשׁ. דעמאָלט האָט מען אָנגעהויבען צו רופען אין נאָמען פון גאָט.

קאפיטעל 5.

1. דאָס איז דאָס בוך פון דעם מענשענס געשלעכט; אין דעם טאָג, ווען גאָט האָט בעשאַפען דעם מענשען, האָט ער איהם בעשאַפען אין דער געשטאַלט פון גאָט;

2. אַ זָכָר און אַ נְקֵבָה האָט ער זיי בעשאַפען. און ער האָט זיי געבענשט און ער האָט אַנגערופען זייער נאָמען מענש, אין דעם טאָג, ווען זיי זענען בעשאַפען געוואָרען.

3. און אָדם האָט געלעבט דרייסיג און הונדערט יאָהר, און ער האָט געבאָרען אַ זוהן אין זיין געשטאַלט, אַזוי ווי זיין פאָרם, און ער האָט אַנגערופען זיין נאָמען שת.

4. און אָדם האָט געלעבט נאָכדעם, ווי ער האָט געבאָרען שת׳ן, אַכט הונדערט יאָהר, און ער האָט געבאָרען זוהן און טעכטער.

5. און די גאַנצע צייט, וואָס אָדם האָט געלעבט, איז געווען ניין הונדערט און דרייסיג יאָהר, און ער איז געשטאָרבען.

6. און שת האָט געלעבט פינף יאָהר און הונדערט יאָהר, און ער האָט געבאָרען אֱנוֹשׁ׳ן.

7. און שת האָט געלעבט נאָכדעם, ווי ער האָט געבאָרען אנוש׳ן, זיבען יאָהר און אַכט הונדערט יאָהר, און ער האָט געבאָרען זוהן און טעכטער.

8. און די גאַנצע צייט פון שת׳ס לעבען איז געווען צוועלף יאָהר און ניין הונדערט יאָהר, און ער איז געשטאָרבען.

9. און אֱנוֹשׁ האָט געלעבט נײַנציג יאָהר, און ער האָט גע־בּאָרען קֵינָן׳ען.

10. און אנוש האָט געלעבט נאָכדעם, ווי ער האָט געבּאָרען קינג׳ען פופצעהן יאָהר און אַכט הונדערט יאָהר, און ער האָט גע־בּאָרען זיהן און טעכטער.

11. און די גאַנצע צײַט פון אנוש׳ם לעבען איז געווען פינף יאָהר און נײַן הונדערט יאָהר. און ער איז געשטאָרבען.

12. און קינן האָט געלעבט זיעבציג יאָהר, און ער האָט געבּאָרען מַהֲלַלְאֵל׳ן.

13. און קֵינָן האָט געלעבט נאָכדעם, ווי ער האָט געבּאָרען מהללאֵל׳ן, פיערציג יאָהר און אַכט הונדערט יאָהר, און ער האָט געבּאָרען זיהן און טעכטער.

14. און די גאַנצע צײַט פון קֵינָן׳ס לעבען איז געווען צעהן יאָהר און נײַן הונדערט יאָהר, און ער איז געשטאָרבען.

15. און מהללאל האָט געלעבט פינף יאָהר און זעכציג יאָהר, און ער האָט געבּאָרען יֶרֶד׳ן.

16. און מהללאל האָט געלעבט נאָכדעם, ווי ער האָט גע־בּאָרען ירד׳ן, דרײַסיג יאָהר און אַכט הונדערט יאָהר, און ער האָט געבּאָרען זיהן און טעכטער.

17. און די גאַנצע צײַט פון מהללאל׳ס לעבען איז געווען פינף און נײַנציג יאָהר און אַכט הונדערט יאָהר, און ער איז געשטאָרבען.

18. און ירד האָט געלעבט צוויי און זעכציג יאָהר און הונ־דערט יאָהר, און ער האָט געבּאָרען חֲנוֹך׳ן.

19. און ירד האָט געלעבט נאָכדעם, ווי ער האָט געבּאָרען חנוך׳ן, אַכט הונדערט יאָהר, און ער האָט געבּאָרען זיהן און טעכטער.

20. און די גאַנצע צײַט פון ירד׳ס לעבען איז געווען צוויי און זעכציג יאָהר און נײַן הונדערט יאָהר, און ער איז געשטאָרבען.

21. און חנוך האָט געלעבט פינף און זעכציג יאָהר, און ער האָט געבּאָרען מְתוּשֶׁלַח׳ן.

22. און חֲנוֹך איז אַרומגעגאַנגען מיט גאָט נאָכדעם, ווי ער האָט געבאָרען מְתוּשֶׁלַח׳ן, דריי הונדערט יאָהר, און ער האָט געבאָרען זיהן און טעכטער.

23. און די גאַנצע צייט פון חנוך׳ס לעבען איז געוועזען פינף און זעכציג יאָהר און דריי הונדערט יאָהר.

24. און חנוך איז אַרומגעגאַנגען מיט גאָט, און ער איז נישטאָ, דען גאָט האָט איהם צוגענומען.

25. און מתושלח האָט געלעבט זיעבען און אַכציג יאָהר און הונדערט יאָהר, און ער האָט געבאָרען לֶמֶך׳ן.

26. און מתושלח האָט געלעבט נאָכדעם, ווי ער האָט געבאָרען למך׳ן, צוויי און אַכציג יאָהר און זיעבען הונדערט יאָהר, און ער האָט געבאָרען זיהן און טעכטער.

27. און די גאַנצע צייט פון מתושלח׳ס לעבען איז געוועזען ניין און זעכציג יאָהר און ניין הונדערט יאָהר, און ער איז געשטאָרבען.

28. און למך האָט געלעבט צוויי און אַכציג יאָהר און הונדערט יאָהר, און ער האָט געבאָרען אַ זוהן.

29. און ער האָט אָנגערופען זיין נאָמען: נֹחַ, דאָס הייסט: דער דאָזיגער וועט אונז טרייסטען פון אונזער אַרבייט און פון דער מיה פון אונזערע הענד אויף דער ערד, וואָס גאָט האָט זי פערפלוכט.

30. און למך האָט געלעבט נאָכדעם, ווי ער האָט געבאָרען נח׳ן, פינף און נייַנציג יאָהר און פינף הונדערט יאָהר, און ער האָט געבאָרען זיהן און טעכטער.

31. און די גאַנצע צייט פון למך׳ס לעבען איז געוועזען זיעבען און זיעבציג יאָהר און זיעבען הונדערט יאָהר, און ער איז געשטאָרבען.

32. און נח איז אַלט געוועזען פינף הונדערט יאָהר, און נח האָט געבאָרען שֵׁם׳ן, חָם׳ן און יֶפֶת׳ן.

קאפיטעל 6.

1. און עֶס איז גֶעוֶועֶן ווען די מֶענשֶׁען הָאבֶּען אָנגֶעהויבֶּען זיך פֶערמֶעהרֶען אויף דֶער עֶרד, און עֶס זֶענֶען בּיי זיי גֶעבָּארֶען גֶעוואָרֶען טֶעכְטֶער,

2. הָאבֶּען דֶערזֶעהֶן די זיהן פון גָאט די טֶעכְטֶער פון די מֶענשֶׁען, אַז זיי זֶענֶען שֶׁענֶע, הָאבֶּען זיי גֶענוּמֶען ווייבֶּער, ווֶעלְכֶע זיי הָאבֶּען אויסגֶעקליבֶּען.

3. הָאט גָאט גֶעזָאגט: מיין גייסט ווֶעט נִישׁט מְשַׁפְּטֶען די מֶענשֶׁען עֶבּיג, דֶען זיי זֶענֶען פלֵייש; זָאל די צייט פון זייעֶר לֶעבֶּען זיין הונדֶערט און צוואַנציג יָאהר.

4. די רִיעזֶען זֶענֶען גֶעוֶועֶן אויף דֶער עֶרד אִין יֶענֶע טֶעג; און אויך נָאכְדֶעם, ווי די זיהן פון גָאט זֶענֶען גֶעקוּמֶען צו די טֶעכְטֶער פון די מֶענשֶׁען, און זיי הָאבֶּען זיי גֶעבָּארֶען קִינדֶער; דָאס זֶענֶען די שְׁטַארקֶע פון עֶבּיג אָן, די בֶּערִיהמטֶע לֵייט.

5. און גָאט הָאט גֶעזֶעהֶן, אַז עֶס איז גרויס דָאס שׁלֶעכְטֶס פון די מֶענשֶׁען אויף דֶער עֶרד, און אַלֶע גֶעדַאנקֶען און טראַכְטוּנגֶען פון זייעֶר הַארצֶען איז נָאר שׁלֶעכְטֶס אַ גַאנצֶען טָאג.

6. הָאט גָאט חֲרָטָה גֶעקְרִיגֶען, וואָס עֶר הָאט בֶּעשַׁאפֶען די מֶענשֶׁען אויף דֶער עֶרד, און עֶר הָאט זיך פֶערְאוּמֶעטִיגט אִין זיין הַארצֶען.

7. און גָאט הָאט גֶעזָאגט: איך ווֶעל אַראָבמֶעקֶען די מֶענשֶׁען, וואָס איך הָאב בֶּעשַׁאפֶען, פון דֶעם אַנגֶעזִיכְט פון דֶער עֶרד, פון מֶענשֶׁען בִּיז פִיה, בִּיז ווֶערֶעם און בִּיז פויגֶעל פון הִימֶעל, דֶען איך הָאב חֲרָטָה גֶעקְרִיגֶען, וואָס איך הָאב זיי בֶּעשַׁאפֶען.

8. נָאר נח הָאט גֶעפוּנֶען לֵייטזֶעלִיגקייט אִין די אויגֶען פון גָאט.

צווייטע סְדְרָה: נֹחַ.

9. דאָס איז די געשיכטע פון נֹחַ'ן. נֹחַ איז געווען אַ צַדִיק און אַ פרומער מאַן אין זיינע צייטען. מיט גאָט איז נח אַרומגעגאַנגען.

10. און נח האָט געבאָרען דריי זיהן: שֵם'ן, חָם'ן און יֶפֶת'ן.

11. און די ערד איז פערדאָרבען געוואָרען פאַר דעם אַנגע־זיכט פון גאָט, און די ערד איז געוואָרען פול מיט רויב.

12. און גאָט האָט געזעהן די ערד, אַז זי איז פערדאָרבען, דען יעדער לייב האָט פערדאָרבען זיין וועג אויף דער ערד.

13. האָט גאָט געזאָגט צו נח'ן: די ענדע פון יעדען לייב איז געקומען פאַר מיר, דען די ערד איז פול געוואָרען מיט רויב דורך זיי, און איך פערניכט זיי מיט דער ערד.

14. מאַך דיר אַ קאַסטען פון פיִמסען־האָלץ. קאַמערען זאָלסטו מאַכען אין קאַסטען. און דו זאָלסט איהם אויספעכען פון אינוועניג און פון אויסענוועניג מיט פעך.

15. און אַזוי זאָלסטו איהם מאַכען: דריי הונדערט איילען די לענג פון קאַסטען, פופציג איילען זיין ברייט און דרייסיג איילען זיין הויך.

16. אַ פענסטער זאָלסטו מאַכען אין קאַסטען, און אַ איילע די גרויס זאָלסטו איהם פערענדיגען אין דער הויך. און די טהיר פון קאַסטען זאָלסטו מאַכען ביי זיין זייט. דו זאָלסט מאַכען אין איהם אונטערשטע, מיטעלע און אויבערשטע קאַמערען.

17. און איך, אָט ברענג איך פערפלייצונג פון וואַסער אויף דער ערד, צו פערדאַרבען יעדען לייב, וואָס אין איהם איז דאָ אַ לעבעדיגער גייסט, פון אונטער דעם הימעל; אַלץ, וואָס איז דאָ אויף דער ערד, וועט אונטערגעהן.

18. נאָר מיט דיר וועל איך אויפשטעלען מיין בונד, און דו וועסט אַריינגעהן אין קאַסטען, דו און דיינע זיהן און דיין ווייב און די ווייבער פון דיינע זיהן מיט דיר.

19. און פון אַלעם לעבענדיגען, פון יעדען לייב, זאָלסטו ברענגען צוויי פון אַלץ אין קאַסטען אַריין, צו לאָזען לעבען מיט דיר; אַ זָכָר און אַ נְקֵבָה זאָלען זיי זיין.

20. פון די פויגעל לויט זייער אַרט און פון די פיה לויט זייער אַרט, פון אַלע ווערעם פון דער ערד לויט זייער אַרט. צוויי פון אַלץ זאָלען קומען צו דיר, זיי צו לאָזען לעבען.

21. און דו נעהם דיר פון יעדען עסענוואַרג, וואָס ווערט געגעסען, און פערזאַמעל דאָס ביי דיר, וועט דאָס זיין פאַר דיר און פאַר זיי צו'ם עסען.

22. און נֹחַ האָט געטהון אַלץ אַזוי ווי גאָט האָט איהם געהייסען, אַזוי האָט ער געטהון.

קאַפּיטעל 7.

1. און גאָט האָט געזאָגט צו נֹחַ'ן: געה אַריין דו און דיין גאַנצע הויז-געזינד אין קאַסטען, דען דיך האָב איך געזעהן, דאָס דו ביזט אַ צַדִיק פאַר מיר אין דעם דאָזיגען דוֹר.

2. פון אַלע ריינע פיה זאָלסטו דיר נעהמען צו זיעבען און זיעבען, אַ מאַן און זיין ווייב; און פון אַלע פיה, וואָס זענען נישט ריין, זאָלסטו נעהמען צו צוויי, אַ מאַן און זיין ווייב;

3. אויך פון די פויגעל פון הימעל — צו זיעבען און זיעבען, אַ זָכָר און אַ נְקֵבָה, צו לאָזען לעבען אַ זאָמען אויף דער גאַנצער ערד.

4. דען אין נאָך זיעבען טעג אַרום מאַך איך רעגענען אויף דער ערד פירציג טעג און פירציג נעכט, און איך וועל אַראָבמעקען יעדען וועזען, וואָס איך האָב געמאַכט, פון דער ערד אַראָב.

5. און נח האָט געטהון אַלץ אַזוי ווי גאָט האָט איהם געבאָטען.

6. און נח איז אַלט געוועזען זעקס הונדערט יאָהר, ווען די פערפלייצונג פון וואַסער איז געוואָרען אויף דער ערד.

7 און נח איז געקומען מיט זיינע זיהן און זיין ווייב און די ווייבער פון זיינע זיהן מיט איהם אין קאַסטען אַריין פאַר דאָס וואַסער פון דער פערפלייצונג.

8. פון די ריינע פיה און פון די פיה, וואס זענען נישט ריין, און פון די פויגעל און אלץ, וואס קריעכט אויף דער ערד

9. זענען זיי געקומען צוויי וויז צו נח'ן אין קאסטען אריין, א זָכָר און א נְקֵבָה, אזוי ווי גאט האט געבאטען נח'ן.

10. און עס איז געווען אין זיבען טעג ארום, און דאס וואסער פון דער פערפליצונג איז געווארען אויף דער ערד.

11. אין זעקס הונדערטסטען יאהר צו נח'ס לעבען, אין צווייטען מאנאט, אין זיבצעהנטען טאג פון מאנאט, אין דעם דאזיגען טאג זענען אויפגעשפאלטען געווארען אלע קוואלען פון גרויסען אבגרונד, און די פענסטער פון הימעל זענען אויפגעעפענט געווארען.

12. און עס איז געווען דער רעגען אויף דער ערד פיערציג טעג און פיערציג נעכט.

13. אין דעם דאזיגען טאג איז אריינגעגאנגען נֹחַ און שֵׁם און חָם און יֶפֶת און נח'ס ווייב און די וויבער פון זיינע דריי זוהן מיט זיי אין קאסטען אריין;

14. זיי און אלע חיות לויט זייער ארט, און אלע פיה לויט זייער ארט, און אלע ווערעם, וואס קריעכען אויף דער ערד, לויט זייער ארט, אלע פויגעל, אלע פליגעלדיגע.

15. און זיי זענען געקומען צו נח'ן אין קאסטען אריין, צוויי וויז פון יעדען לייב, וואס אין איהם איז דא א גייסט פון לעבען.

16. און די, וואס זענען אריינגעגאנגען זענען אריינגעגאנגען א זכר און א נקבה פון יעדען לייב, אזוי ווי גאט האט איהם געבאטען, און גאט האט פאר איהם פערשלאסען.

17. און עס איז געווען דער מַבּוּל פיערציג טעג אויף דער ערד. און דאס וואסער האט זיך פערמעהרט און האט אוועקגעטראגען דעם קאסטען און האט איהם אויפגעהויבען איבער דער ערד.

18. און דאס וואסער האט זיך געשטארקט און זיך זעהר פערמעהרט אויף דער ערד, און דער קאסטען איז געגאנגען אויפ'ן וואסער.

19. און דאס וואסער האט זיך זעהר און זעהר פערשטארקט אויף דער ערד, און עס זענען בעדעקט 'געווארען אלע הויכע

בערג, וואָס אונטער דעם גאַנצען הימעל.

20. פֿונפֿצעהן איילען אין דער הויך האָט זיך דאָס וואַסער פֿערשטאַרקט, און עס זענען בעדעקט געוואָרען די בערג.

21. און עס איז אונטערגעגאַנגען יעדער לייב, וואָס קריעכט אויף דער ערד, אי פֿויגעל, אי פֿיה, אי חיות, אי אַלין, וואָס ריהרט זיך אויף דער ערד, און אַלע מענשען.

22. אַלין, וואָס האָט אַ אָטעם פֿון אַ לעבענדיגען גייסט אין זיינע נאָזלעכער. אַלין, וואָס אויף דער טריקעניש, איז געשטאָרבען.

23. און עס איז אַראָבגעמעקט געוואָרען יעדער וועזען, וואָס אויף דער ערד, פֿון מענשען ביז פֿיה, ביז ווערעם און ביז פֿויגעל פֿון הימעל, און זיי זענען אַראָבגעמעקט געוואָרען פֿון דער ערד, און עס איז איבערגעבליבען נאָר נח און די, וואָס מיט איהם אין קאַסטען.

24 און דאָס וואַסער האָט זיך פֿערשטאַרקט אויף דער ערד פֿונפֿציג און הונדערט טעג.

קאַפּיטעל 8.

1. און גאָט האָט זיך דערמאָהנט אָן נח'ן און אַלע חיות און אַלע פֿיה, וואָס מיט איהם אין קאַסטען, און ער האָט אַריבערגעפֿיהרט אַ ווינד אויף דער ערד, און דאָס וואַסער איז אָבגעשטעלט געוואָרען.

2. און עס זענען פֿערשטאָפּט געוואָרען די קוואַלען פֿון אָבגרונד און די פֿענסטער פֿון הימעל, און עס איז איינגעהאַלטען געוואָרען דער רעגען פֿון הימעל.

3. און דאָס וואַסער איז צוריקגעגאַנגען פֿון דער ערד ביסלעכווייז, און דאָס וואַסער איז ווינציגער געוואָרען צו דער ענדע פֿון פֿונפֿציג און הונדערט טעג.

4. און דער קאַסטען האָט גערוהט דעם זיבענטען מאָנאַט, דעם זיבצעהנטען טאָג פֿון מאָנאַט, אויף די בערג פֿון אֲרָרָט.

5. און דאָס וואַסער איז געוואָרען אַלץ װוינציגער און װוינציגער, ביז דעם צעהנטען מאָנאַט. און דעם ערשטען טאָג פון צעהנטען מאָנאַט האָבען זיך אַרויסגעזעהן די שפּיצען פון די בערג.

6. און עס איז געװעזען צו דער ענדע פון פערציג טעג, האָט נח געעפענט דעם פענסטער פון קאַסטען, וואָס ער האָט געמאַכט,

7. און ער האָט אַרויסגעשיקט די קראָה; איז זי געגאַנגען הין און צוריק, ביז דאָס וואַסער איז אויסגעטריקענט געוואָרען פון דער ערד.

8. האָט ער אַרויסגעשיקט די טויב פון זיך, צו זעהן, אויב עס איז לייכטער געוואָרען דאָס וואַסער פון דער ערד.

9. האָט די טויב נישט געפונען קיין רוה פאַר איהרע פיס, איז זי צוריקגעקומען צו איהם אין קאַסטען אַריין, דען עס איז געװעזען וואַסער אויף דער גאַנצער ערד; האָט ער אויסגעשטרעקט זיין האַנד און האָט זי גענומען און האָט זי אַריינגעבראַכט צו זיך אין קאַסטען אַריין.

10. האָט ער אונטערגעוואַרט נאָך זיבען אַנדערע טעג, און ער האָט ווידער אַרויסגעשיקט די טויב פון קאַסטען.

11. איז די טויב צו איהם געקומען פאַרנאַכטס-צייט, און אָט האָט זי געטראָגען אין מויל אַ אָבגעריסענעם בלאַט פון אַ אויל-בערט-בוים. האָט נח געוואוסט, אַז דאָס וואַסער איז לייכטער געוואָרען פון דער ערד.

12. האָט ער אונטערגעוואַרט נאָך זיבען אַנדערע טעג און האָט אַרויסגעשיקט די טויב, איז זי שוין מעהר צו איהם נישט צוריקגעקומען.

13. און עס איז געװעזען אין דעם זעקס הונדערט און ערשטען יאָהר, אין דעם ערשטען טאָג פון ערשטען מאָנאַט, איז אויסגע-טריקענט געוואָרען דאָס וואַסער פון דער ערד, און נח האָט אַראָב-גענומען דעם צודעק פון קאַסטען, און ער האָט געזעהן, אַז דאָס אַנגעזיכט פון דער ערד איז טרוקען געוואָרען.

14. און אִין צווייטען מאָנאַט, אִין זִיעבּעֶן און צוואַנצִיגסטעֶן טאָג פון מאָנאַט אִיז טרוקעֶן געוואָרעֶן די עֶרד.

15. און גאָט האָט געֶרעֶדט צוּ נח'ן און האָט אַזוֹי געֶזאָגט:

16. געה אַרויס פון קאַסטעֶן, דו און דייַן ווייַב און דייַנעֶ זִיהן און די ווייַבּעֶר פון דייַנעֶ זִיהן מִיט דִיר.

17. אַלעֶ חיות וואָס מִיט דִיר, פון יעֶדעֶן לייַב, אִי פויגעֶל, אִי פִיה און אַלעֶ ווערעֶם, וואָס קרִיעכֶעֶן אויף דעֶר עֶרד, נעֶהם אַרויס מִיט זִיךְ, און זאָלעֶן זיי זִיךְ ווידמעֶנעֶן אויף דעֶר עֶרד, און זאָלעֶן זיי זִיךְ פרוכפּעֶרעֶן און מעֶהרעֶן אויף דעֶר עֶרד.

18. און נח אִיז אַרויסגעֶגאַנגעֶן און זייַנעֶ זִיהן און זייַן ווייַב און די ווייַבּעֶר פון זייַנעֶ זִיהן מִיט אִיהם.

19. אַלעֶ חיות, אַלעֶ ווערעֶם און אַלעֶ פויגעֶל און אַלץ, וואָס קרִיעכט אויף דעֶר עֶרד לויט זייעֶר אַרט, זעֶנעֶן אַרויס־געֶגאַנגעֶן פון קאַסטעֶן.

20. און נֹחַ האָט געֶבּויט אַ מִזְבֵּחַ פאַר גאָט, און עֶר האָט געֶנומעֶן פון אַלעֶ ריינעֶ פִיה און פון אַלעֶ ריינעֶ פויגעֶל, און עֶר האָט געֶאָפּפּעֶרט עולות *) אויפ'ן מִזְבֵּחַ.

21. און גאָט האָט געֶשמעֶקט דעֶם שמעֶקעֶדִיגעֶן רֵיחַ, און גאָט האָט געֶזאָגט צוּ זייַן האַרצעֶן: אִיךְ וועֶל שוין נִישט מעֶהר שעֶלטעֶן די עֶרד צוּלִיעב דעֶם מעֶנשעֶן, דעֶן דאָס טראַכטעֶן פון מעֶנשעֶנס האַרץ אִיז שלעֶכט פון זייַן יוגעֶנד אָן, און אִיךְ וועֶל שוין נִישט מעֶהר שלאָגעֶן אַלעֶ לעֶבּעֶנדִיגעֶ, אַזוֹי ווי אִיךְ האָב געֶטהון.

22. כָּל־יְמֵי די עֶרד וועֶט זייַן, זאָל נִישט אויפהעֶרעֶן דאָס זייעֶן און שנייַדעֶן און קעֶלט און הִיץ און זומעֶר און ווִינטעֶר און טאָג און נאַכט.

קאַפּיטעֶל 9.

1. און גאָט האָט געֶבּעֶנשט נח'ן און זייַנעֶ זִיהן און האָט

*) עוֹלָה = אַ קָרְבָּן, וואס ווערט אינגאנצען פערברענט.

געזאָגט צו זיי: פרוכפּערט זיך און מעהרט זיך און מאַכט פול די ערד.

2. און אייער פורכט און שרעק זאָל זיין אויף אַלע חיות פון דער ערד און אויף אַלע פויגעל פון הימעל, אויף אַלץ, וואָס קריעכט אויף דער ערד, און אויף אַלע פיש פון ים; אין אייערע הענד זענען זיי אָבגעגעבען.

3. אַלץ, וואָס בעוועגט זיך און לעבט, זאָל דאָס זיין פאַר אייך צו'ם עסען; אַזוי ווי דאָס גרינע גראָז האָב איך אייך אַלץ אָבגעגעבען.

4. נאָר דאָס פלייש, וואָס לעבט נאָך אין זיין בלוט, זאָלט איהר נישט עסען.

5. און נאָר פאַר אייער בלוט און אייער לעבען וועל איך בעשטראָפען, יעדע חיה וועל איך פאַר זיי בעשטראָפען, און יעדען מענשען וועל איך בעשטראָפען פאַר זיין ברודערס לעבען.

6. ווער עס פערגיעסט דעם מענשענס בלוט, זאָל זיין בלוט פערגאָסען ווערען דורך מענשען, דען אין דער פאָרם פון גאָט האָט גאָט געמאַכט דעם מענשען.

7. און איהר, פרוכפּערט זיך און פערמעהרט זיך, בעוועגט זיך אויף דער ערד און פערמעהרט זיך אויף איהר.

8. און גאָט האָט געזאָגט צו נח'ן און צו זיינע זיהן מיט איהם אַזוי:

9. און איך, אָט שטעל איך אויף מיין בונד מיט אייך און מיט אייערע קינדער נאָך אייך,

10. און מיט יעדער לעבענדיגער זעעלע, וואָס מיט אייך, אי פויגעל, אי פיה און אַלע חיות פון דער ערד, וואָס מיט אייך, פון אַלע, וואָס זענען אַרויסגעגאַנגען פון קאַסטען, לויט אַלע חיות פון דער ערד;

11. און איך שטעל אויף מיין בונד מיט אייך, און עס זאָל שוין נישט מעהר פערשניטען ווערען קיין לייב דורך אַ פערפלייצונג פון וואַסער, און עס זאָל שוין נישט זיין מעהר קיין פערפלייצונג צו פערדאַרבען די ערד.

12. און גאָט האָט געזאָגט: דאָס איז דער צייכען פון בונד

וואָס איך גיב צווישען מיר און צווישען אייך און צווישען יעדער לעבענדיגער זעעלע, וואָס מיט אייך, אויף עביגע צייטען:

13. מיין בויגען האָב איך געגעבען אין וואָלקען, און ער וועט זיין אַ צייכען פון בונד צווישען מיר און צווישען דער ערד.

14. און עס וועט זיין, ווען איך וועל פערוואָלקענען אַ וואָלקען אויף דער ערד, וועט זיך אַרויסזעהן דער בויגען אין וואָלקען.

15. און איך וועל זיך דערמאָהנען מיין בונד, וואָס צווישען מיר און צווישען אייך און צווישען יעדער לעבעדיגער זעעלע אין יעדען לייב, און דאָס וואַסער וועט שוין מעהר נישט ווערען קיין פערפלייצונג, צו פערדאַרבען יעדען לייב.

16. און עס וועט זיין דער בויגען אין וואָלקען, און איך וועל איהם זעהן, צו געדענקען דעם עביגען בונד צווישען גאָט און צווישען יעדער לעבענדיגער זעעלע אין יעדען לייב, וואָס אויף דער ערד.

17. און גאָט האָט געזאָגט צו נֹחַ'ן: דאָס איז דער צייכען פון בונד, וואָס איך האָב געשלאָסען צווישען מיר און צווישען יעדען לייב, וואָס אויף דער ערד.

18. און עס זענען געוועזען די זיהן פון נח'ן, וואָס זענען אַרויסגעגאַנגען פון קאַסטען, שֵׁם און חָם און יֶפֶת. און חָם איז דער פאָטער פון כְּנַעַן.

19. די דאָזיגע דריי זענען נח'ס זיהן, און פון די דאָזיגע איז בעזעצט געוואָרען די גאַנצע ערד.

20. און נח האָט אָנגעהויבען צו ווערען אַ ערד-אַרבייטער, און ער האָט געפלאַנצט אַ וויינגאָרטען.

21. און ער האָט געטרונקען פון וויין, און איז געוואָרען שִׁכּוֹר, און האָט זיך אָבגעדעקט אין זיין געצעלט.

22. און חם, דער פאָטער פון כנען, האָט געזעהן זיין פאָטער'ס נאַקטהייט, און ער האָט דאָס געזאָגט זיינע צוויי ברודער אין דרויסען.

23. האָבען שם און יפת גענומען די קלייד און אַרויפגעלעגט אויף זייער ביידענס אַקסעל, און זיי זענען געגאַנגען הינטערווייליכטס

אוּן הָאבּען פערדעקט זייער פּאַטערס נאַקטהייט, אוּן זייערע געזיכ־טער זענען געווען אויף הינטען, אוּן די נאַקטהייט פון זייער פאַטער הָאבּען זיי נישט געזעהן.

24. אוּן אַז נֹחַ האָט אויפגעוואַכט פון זיין ווײַן, האָט ער געוואוסט, וואָס זיין קלײנער זוהן האָט איהם געטהון.

25. האָט ער געזאָגט: פערפלוכט איז כְּנַעַן; אַ קנעכט פון קנעכט זאָל ער זיין ביי זײנע ברידער.

26. אוּן ער האָט געזאָגט: געבענשט איז גאָט דער הערר פון שֵׁם, אוּן כְּנַעַן זאָל זיין אַ קנעכט ביי זיי.

27. גאָט זאָל אויסברייטען פאַר יפת'ן אוּן ער זאָל רוהען אין די געצעלטען פון שם, אוּן כנען זאָל זיין אַ קנעכט ביי זיי.

28. אוּן נח האָט געלעבּט נאָכ'ן מַבּוּל דריי הונדערט יאָהר אוּן פופציג יאָהר.

29. אוּן די גאַנצע צייט פון נח'ס לעבען איז געווען ניין הונדערט יאָהר אוּן פופציג יאָהר, אוּן ער איז געשטאָרבּען.

קאפיטעל 10.

1. אוּן דאָס איז דאָס געשלעכט פון נח'ס זיהן: שם, חם אוּן יפת; אוּן עס זענען ביי זיי געבּאָרען געוואָרען קינדער נאָך דעם מַבּוּל.

2. די זיהן פון יֶפֶת זענען: גוֹמֶר אוּן מָגוֹג אוּן מָדַי אוּן יָוָן אוּן תוּבָל אוּן מֶשֶׁךְ אוּן תִּירָס.

3. אוּן די זיהן פון גוֹמֶר זענען: אַשְׁכְּנַז אוּן רִיפַת אוּן תוֹגַרְמָה.

4. אוּן די זיהן פון יָוָן זענען: אֱלִישָׁה אוּן תַּרְשִׁישׁ, כִּתִּים אוּן דוֹדָנִים.

5. פון די דאָזיגע זענען פערשפּרייט געוואָרען די אינזלען פון די פעלקער אין זייערע לענדער, יעדעס לויט זיין שפּראַך, לויט זיין געשלעכט אין זיין פאָלק.

6. אוּן די זיהן פון חָם זענען: כּוּשׁ אוּן מִצְרַיִם אוּן פּוּט אוּן כְּנַעַן.

7. און די זיהן פון כוש זענען: סְבָא און חֲוִילָה און סַבְתָּא און רַעְמָה און סַבְתְּכָא. און די זיהן פון רַעְמָה זענען: שְׁבָא און דְּדָן.

8. און כוש האָט געבאָרען נִמְרוֹד'ן. ער האָט אָנגעהויבען צו זיין מעכטיג אויף דער ערד.

9. ער איז געוועזען אַ מעכטיגער יעגער פאַר גאָט. דעריבער זאָגט מען: אַ מעכטיגער יעגער פאַר גאָט אַזוי ווי נִמְרוֹד.

10. און דער אָנהויב פון זיין קעניגרייך איז געוועזען בָּבֶל און אֶרֶךְ און אַכַּד און כַּלְנֵה אין לאַנד שִׁנְעָר.

11. פון יענעם לאַנד איז ער אַרויסגעגאַנגען אין אַשּׁוּר און ער האָט געבויט נִינְוֵה און רְחֹבוֹת עִיר און כֶּלַח,

12. און רֶסֶן צווישען נִינְוֵה און צווישען כֶּלַח, דאָס איז די גרויסע שטאָדט.

13. און מִצְרַיִם האָט געבאָרען די לוּדִים און די עֲנָמִים און די לְהָבִים און די נַפְתֻּחִים,

14. און די פַּתְרֻסִים און די כַּסְלֻחִים, וואָס פון זיי זענען אַרויס־געקומען די פְּלִשְׁתִּים, און די כַּפְתֹּרִים.

15. און כְּנַעַן האָט געבאָרען זיין עלטסטען זוהן צִידוֹן און חֵת'ן

16. און די יְבוּסִים און די אֱמוֹרִים און די גִּרְגָּשִׁים,

17. און די חִוִּים און די עַרְקִים און די סִינִים,

18. און די אַרְוָדִים און די צְמָרִים און די חֲמָתִים. און דער־נאָך זענען פערשפרייט געוואָרען די געשלעכטער פון די כְּנַעֲנִים.

19. און די גרענעץ פון די כנענים איז געוועזען פון צִידוֹן ווי מען קומט קיין גְּרָר ביז עַזָּה, און ווי מען קומט קיין סְדוֹם און עֲמוֹרָה און אַדְמָה און צְבוֹיִים ביז לָשַׁע.

20. דאָס זענען די זיהן פון חָם, לויט זייערע געשלעכטער, לויט זייערע שפּראַכען, אין זייערע לענדער, און זייערע פעלקער.

21. און ביי שֵׁם'ן זענען אויך געבאָרען געוואָרען קינדער, ער איז געוועזען דער פאָטער פון אַלע זיהן פון עֵבֶר דער עלטערער ברודער פון יֶפֶת.

22. די זיהן פון שֵׁם זענען: עֵילָם און אַשּׁוּר און אַרְפַּכְשַׁד און לוּד און אֲרָם.

23. און די זיהן פון אֲרָם זענען: עוּץ און חוּל און גֶתֶר און מַשׁ.

24. און אַרְפַּכְשַׁד האָט געבאָרען שֶׁלַח'ן, און שֶׁלַח האָט געבאָרען עֵבֶר'ן.

25. און בייא עֵבר'ן זענען געבאָרען געוואָרען צוויי זיהן: דער נאָמען פון איינעם איז פֶּלֶג, דען אין זיינע צייטען איז צעטיילט געוואָרען די ערד, און דער נאָמען פון זיין ברודער איז יָקְטָן.

26. און יקטן האָט געבאָרען אַלְמוֹדָד'ן און שָׁלֶף'ן און חֲצַרְמָוֶת'ן און יָרַח'ן.

27. און הֲדוֹרָם'ן און אוּזָל'ן און דִקְלָה'ן.

28. און עוֹבָל'ן און אֲבִימָאֵל'ן און שְׁבָא'ן.

29. און אוֹפִיר'ן און חֲוִילָה'ן און יוֹבָב'ן, די אַלע זענען יָקְטָן'ס זיהן.

30. און זייא האָבען געוואָהנט פון מֵשָׁא אָן, ווי מען קומט קיין סְפָר, דעם מזרח-באַרג.

31. דאָס זענען די זיהן פון שֵׁם לויט זייערע געשלעכטער, לויט זייערע שפּראַכען, אין זייערע לענדער, לויט זייערע פעלקער.

32. דאָס זענען די געשלעכטער פון נח'ס זיהן לויט זייער געבורט אין די פעלקער, און פון די דאָזיגע זענען פערשפּרייט געוואָרען די פעלקער אויף דער ערד נאָך דעם מַבּוּל.

קאַפּיטעל 11.

1. און אויף דער גאַנצער ערד איז געוועזען איין שפּראַך און איין אַרט רעדען.

2. און עס איז געוועזען, ווען זייא זענען אַרומגעצויגען אין מִזְרַח־

לאַנד, האָבען זיי געפונען אַ גלייכען פּלאַץ אין לאַנד שִׁנְעָר, און זיי האָבען דאָרט געוואָהנט.

3. האָבען זיי געזאָגט איינער צו'ם אַנדערן: ווייזט, לאָ'מיר מאַכען ציגעל און זיי אויסברענען אין פייער. איז בּיי זיי געוואָרען ציגעל אַנשטאָט שטיין און ערד אַנשטאָט קאַלך.

4. און זיי האָבען געזאָגט: לאָ'מיר אונז בויען אַ שטאָדט און אַ טורם, און זיין שפּיץ זאָל דערגרייכען אין הימעל, און מיר וועלען זיך מאַכען אַ נאָמען; אויב נישט וועלען מיר צעשפּרייט ווערען איבער דער גאַנצער ערד.

5. איז גאָט אַראָבגעגאַנגען זעהן די שטאָדט און דעם טורם, וואָס די מענשען-קינדער האָבען געבויט.

6. און גאָט האָט געזאָגט: אָט איז איין פאָלק און אַלע האָבען איין שפּראַך, און דאָס האָבען זיי אָנגעהויבען צו טהון; און איצט וועט זיי נישט שווער זיין צו טהון אַלץ, וואָס זיי רעכענען.

7. לאָ'מיר אַראָבגעהן און לאָ'מיר דאָרט צעמישען זייער שפּראַך, דאָס איינער זאָל נישט פערשטעהן דעם צווייטענס שפּראַך.

8. און גאָט האָט זיי צעשפּרייט פון דאָרטען אויף דער גאַנצער ערד, און זיי האָבען אויפגעהערט צו בויען די שטאָדט.

9. דעריבער האָט ער אָנגערופען דעם נאָמען פון אָרט בָּבֶל, ווייל דאָרט האָט גאָט צעמישט די שפּראַך פון דער גאַנצער ערד, און פון דאָרט האָט זיי גאָט צעשפּרייט איבער דער גאַנצער ערד.

10. דאָס זענען די געשלעכטער פון שֵׁם'ן. שֵׁם איז אַלט געוועזען הונדערט יאָהר און ער האָט געבאָרען אַרפּכשד'ן צוויי יאָהר נאָך דעם מבול.

11. און שם האָט געלעבט נאָכדעם, ווי ער האָט געבאָרען אַרפּכשד'ן, פינף הונדערט יאָהר, און ער האָט געבאָרען זיהן און טעכטער.

12. און אַרפּכשד האָט געלעבט פינף און דרייסיג יאָהר, און ער האָט געבאָרען שלח'ן.

13. און אַרפּכשד האָט געלעבט נאָכדעם, ווי ער האָט

געבאָרען שלח'ן, דריי יאָהר און פיער הונדערט יאָהר, און ער האָט געבאָרען זיהן און טעכטער.

14. און שלח האָט געלעבט דרייסיג יאָהר, און ער האָט געבאָרען עבר'ן.

15. און שלח האָט געלעבט נאָכדעם, ווי ער האָט געבאָרען עבר'ן, דריי יאָהר און פיער הונדערט יאָהר, און ער האָט געבאָרען זיהן און טעכטער.

16. און עבר האָט געלעבט פיער און דרייסיג יאָהר, און ער האָט געבאָרען פלג'ן.

17. און עבר האָט געלעבט נאָכדעם, ווי ער האָט געבאָרען פלג'ן, דרייסיג יאָהר און פיער הונדערט יאָהר, און ער האָט געבאָרען זיהן און טעכטער.

18. און פלג האָט געלעבט דרייסיג יאָהר, און ער האָט געבאָרען רעו'ן.

19. און פלג האָט געלעבט נאָכדעם, ווי ער האָט געבאָרען רעו'ן, נייך יאָהר און צוויי הונדערט יאָהר, און ער האָט געבאָרען זיהן און טעכטער.

20. און רעו האָט געלעבט צוויי און דרייסיג יאָהר, און ער האָט געבאָרען שרוג'ן.

21. און רעו האָט געלעבט נאָכדעם, ווי ער האָט געבאָרען שרוג'ן, זיעבען יאָהר און צוויי הונדערט יאָהר, און ער האָט געבאָרען זיהן און טעכטער.

22. און שרוג האָט געלעבט דרייסיג יאָהר, און ער האָט געבאָרען נחור'ן.

23. און שרוג האָט געלעבט נאָכדעם, ווי ער האָט געבאָרען נחור'ן, צוויי הונדערט יאָהר, און ער האָט געבאָרען זיהן און טעכטער.

24. און נחור האָט געלעבט נייך און צוואנציג יאָהר, און ער האָט געבאָרען תרח'ן.

25. און נחור האָט געלעבט נאָכדעם, ווי ער האָט געבאָרען

תֶּרַח'ן, נײַנצעהן יאָהר און הונדערט יאָהר, און ער האָט געבאָרען
זיהן און טעכטער.
26. און תֶּרַח האָט געלעבט זיעבציג יאָהר. און ער האָט
געבאָרען אַבְרָם'ן, נָחוֹר'ן, און הָרָנ'ען.
27. און דאָס זענען די געשלעכטער פון תֶּרַח'ן: תֶּרַח
האָט געבאָרען אַבְרָם'ן, נָחוֹר'ן און הָרָנ'ען, און הָרָן האָט געבאָ-
רען לוֹט'ן.
28. און הרן איז געשטאָרבען בײַ'ם לעבען פון זײַן פאָטער
תרח, אין זײַן געבורטס-לאַנד, אין אור כַּשְׂדִּים.
29. און אַבְרָם און נָחוֹר האָבען זיך גענומען װײַבער, דער
נאָמען פון אַבְרָם'ס װײַב איז געװעזען שָׂרַי, און דער נאָמען פון נָחוֹר'ס
װײַב איז געװעזען מִלְכָּה, די טאָכטער פון הָרָן, װאָס איז געװעזען
דער פאָטער פון מִלְכָּה און דער פאָטער פון יִסְכָּה.
30. און שָׂרַי איז געװעזען אַ עֲקָרָה, זי האָט נישט געהאַט
קײן קינד.
31. און תרח האָט גענומען זײַן זוהן אַברם און לוט'ן, דעם
זוהן פון הרן, זײַן אײניקעל, און זײַן שנור שרי, אַברם'ס װײַב, און
זײ זענען אַרױסגעגאַנגען מיט זײ פון אור כַּשְׂדִּים, צו געהן אין
לאַנד כְּנַעַן, און זײ זענען געקומען ביז חָרָן, און זײ האָבען דאָר-
טען געװאָהנט.
32. און די צײַט פון תרח'ס לעבען איז געװעזען פינף יאָהר
און צװײ הונדערט יאָהר, און תרח איז געשטאָרבען אין חרן.

דריטע סֵדְרָה: לֶךְ לְךָ.

קאַפּיטעל 12.

1. און גאָט האָט געזאָגט צו אַבְרָם'ן: געה דיר אַרױס פון
דײַן לאַנד, און פון דײַן געבורטס-אָרט און פון דײַן פאָטערס

הויז אין אַ לאַנד, וואָס איך וועל דיר ווייזען.

2. און איך וועל דיך מאַכען פאַר אַ גרויס פאָלק, און איך וועל דיך בענשען, און וועל גרויס מאַכען דיין נאָמען, און דו וועסט זיין אַ בענשונג.

3. און איך וועל בענשען די, וואָס בענשען דיך, און די, וואָס שעלטען דיך, וועל איך פערפלוכען, און עס וועלען זיך בענשען מיט דיר אַלע געשלעכטער פון דער ערד.

4. און אַבְרָם איז געגאַנגען, אַזוי ווי גאָט האָט צו איהם גערעדט, און מיט איהם איז מיטגעגאַנגען לוט. און אַברם איז אַלט געווען פינף יאָהר און זיבעציג יאָהר, ווען ער איז אַרויסגעגאַנגען פון חָרָן.

5. און אַברם האָט גענומען זיין ווייב שָׂרַי און לוט'ן, זיין ברודערס זוהן, און זייער גאַנץ פערמעגען, וואָס זיי האָבען אָנגעזאַמעלט, און די זעעלען, וואָס זיי האָבען זיך פערשאַפט אין חרן, און זיי זענען אַרויסגעגאַנגען, צו געהן אין לאַנד כְּנַעַן, און זיי זענען געקומען אין לאַנד כנען.

6. און אַברם איז דורכגעגאַנגען אין לאַנד ביז דעם אָרט שְׁכֶם, ביז דעם בוים מוֹרֶה. און דעמאָלט זענען די כְּנַעֲנִים געווען אין דעם לאַנד.

7. און גאָט האָט זיך בעוויזען צו אַברם'ן און געזאָגט: דיינע קינדער וועל איך געבען דאָס דאָזיגע לאַנד. און ער האָט דאָרט געבויט אַ מִזְבֵּחַ פאַר גאָט, וואָס האָט זיך בעוויזען צו איהם.

8. און פון דאָרט האָט ער זיך אָבגערוקט צו'ם באַרג־צו, אויף מִזְרַח־זייט צו בֵּית־אֵל, און ער האָט אויסגעלעגט זיין געצעהלט, אַזוי אַז בית־אל איז געווען פון מַעֲרִיב־זייט און עַי פון מזרח־זייט. און ער האָט געבויט אַ מזבח פאַר גאָט, און האָט גערופען אין נאָמען פון גאָט.

9. און דערנאָך האָט זיך אַברם געצויגען אַלץ ווייטער און ווייטער צו דָרוֹם־זייט.

10. און עס איז געוואָרען אַ הונגער אין לאַנד. האָט אַברם

אַראָבגעגנידערט קיין מִצְרַיִם, צו וואָהנען דאָרט, דען דער הונגער האָט זיך פערשטאַרקט אין לאַנד.

11. אין עס איז געוועזען, ווען ער איז אָנגעקומען נאָהנט, אַריינצוגעהן אין מצרים, האָט ער געזאָגט צו זיין ווייב שָׂרַי: איך ווייס גאַנץ גוט, דאָס דו בּיזט אַ ווייב שען פון געשטאַלט;

12. און עס וועט זיין, ווען די מִצְרִים וועלען דיך דער-זעהן, וועלען זיי זאָגען: דאָס איז זיין ווייב, און זיי וועלען מיך טוידטען און דיך וועלען זיי לאָזען לעבען;

13. זאָג דעריבער, דאָס דו בּיזט מיין שוועסטער, כְּדֵי עס זאָל מיר גוט זיין צוליעב דיר, און מיין זעעלע זאָל בלייבען לעבען פון דיינעטוועגען.

14. און עס איז געוועזען, ווען אַברם איז אַריינגעקומען אין מצרים, האָבען די מִצְרִים דערזעהן דאָס ווייב, דאָס זי איז זעהר שען.

15. און די פירשטען פון פַּרְעה האָבען זי געזעהן, האָבען זיי זי געלויבט פאַר פרעה'ן; איז די פרוי גענומען געוואָרען אין פַּרְעה'ס הויז.

16. און אַברם'ן האָט ער גוטס געטהון צוליעב איהר, און ער האָט געהאַט שאָף און רינדער און אייזלען און קנעכט און דיענסטען און אייזלינען און קעמלען.

17. האָט גאָט געפּלאָגט פרעה'ן מיט גרויסע פּלאָגען, און אויך זיין הויז, צוליעב שרי, אַברם'ס ווייב.

18. האָט פרעה גערופען אַברם'ן און האָט געזאָגט: וואָס האָסטו מיר געטהון! פאַרוואָס האָסטו מיר נישט געזאָגט, דאָס זי איז דיין ווייב?

19. פאַרוואָס האָסטו געזאָגט: זי איז מיין שוועסטער, און איך האָב זי גענומען פאַר אַ ווייב; און איצט אָט איז דיין ווייב, נעהם און געה.

20. און פרעה האָט אָנגעזאָגט וועגען איהם זיינע מענשען, האָבען זיי איהם בּעגלייט און זיין ווייב און אַלין, וואָס ער האָט געהאַט.

קאפיטעל 13 .

1. און אַבְרָם איז אַרויסגעגאַנגען פון מִצְרַיִם , ער און זיין ווייב און אַלץ , וואָס ער האָט געהאַט , און לוט מיט איהם , צו דָרום־זייט .

2. און אַברם איז געוועזן זעהר רייך מיט פיה , מיט זילבער און מיט גאָלד .

3. און ער האָט זיך אַלץ ווייטער געצויגען פון דרום־זייט און ביז בית־אֵל , ביז דעם אָרט , וואָס זיין געצעלט איז דאָרט פריהער געוועזן , צווישען בית־אֵל און צווישען עַי ;

4. צו דעם אָרט פון דעם מזבח , וואָס ער האָט דאָרט צו'ם אָנהויב געמאַכט . און דאָרט האָט אַברם גערופען אין גאָטס נאָמען .

5. און אויך לוט , וואָס איז געגאַנגען מיט אַברם'ן , האָט געהאַט שאָף און רינדער און געצעלטען .

6. און דאָס לאַנד האָט זיי נישט געקאָנט טראָגען , זיי זאָלען זיצען צוזאַמען , דען זייער פערמעגען איז געוועזן גרויס , און זיי האָבען נישט געקאָנט זיצען צוזאַמען .

7. און עס איז געוואָרען אַ קריעגעריי צווישען די פאַסטוכער פון אַברם'ס פיה און צווישען די פאַסטוכער פון לוט'ס פיה . און די כְּנַעֲנִים און די פְּרִיזִים זענען דעמאָלט געזעסען אין לאַנד .

8. האָט אַברם געזאָגט צו לוט'ן : זאָל נישט זיין , איך בעט דיך , קיין קריעגעריי צווישען מיר און צווישען דיר , און צווישען מיינע פאַסטוכער און צווישען דיינע פאַסטוכער , דען מיר זענען דאָך מענשען ברידער ;

9. אָט איז דאָך פאַר דיר די גאַנצע ערד ; שייד זיך דעריבער אָב פון מיר : וועסטו אויף לינקס , וועל איך אויף רעכטס , וועסטו אויף רעכטס , וועל איך אויף לינקס .

10. האָט לוט אויפגעהויבען זיינע אויגען און האָט געזעהן דעם גאַנצען געגענד פון יַרְדֵן , דאָס ער איז אינגאַנצען אָנגעטרונקען מיט וואַסער , דען איידער גאָט האָט פערדאָרבען סְדום און עֲמוֹרָה

איז דער געגענד געוועזען אזוי ווי א גארטען פון גאט, אזוי ווי דאס לאנד מִצְרַיִם, ביז מען קומט אין צוֹעַר.

11. האט זיך לוט אויסגעוועהלט דעם גאנצען געגענד פון יַרְדֵּן, און לוט האט אבגעצויגען פון מִזְרַח-זייט, און זיי האבען זיך אבגעשיידט איינער פון צווייטען.

12. אַבְרָם איז געזעסען אין לאנד כְּנַעַן, און לוט איז געזעסען אין די שטעדט פון געגענד, און ער האט אויסגעשפרייט זיינע געצעלטען ביז סְדוֹם.

13. און די מענשען פון סדום זענען געוועזען זעהר שלעכטע און זינדיגע צו גאט.

14. און גאט האט געזאגט צו אברם'ן, נאכדעם ווי לוט האט זיך אבגעשיידט פון איהם: הויב אויף דיינע אויגען און זעה פון דעם ארט, וואס דו ביזט דארטען, אויף צָפוֹן-זייט און אויף דָרוֹם-זייט און אויף מִזְרַח-זייט און אויף מַעֲרִיב-זייט;

15. דען דאס גאנצע לאנד, וואס דו זעהסט, וועל איך עס געבען דיר און דיינע קינדער ביז עביג.

16. און איך וועל מאכען דיינע קינדער אזוי ווי דאס שטויב פון דער ערד, וואס אויב א מענש וועט קאנען צעהלען דעם שטויב פון דער ערד, וועלען אויך דיינע קינדער געצעהלט ווערען.

17. שטעה אויף, געה ארום איבער'ן לאנד אין דער לענג און אין דער ברייט, דען דיר וועל איך דאס געבען.

18. און אברם האט אויסגעשפרייט זיינע געצעלטען, און ער איז געקומען און האט זיך בעזעצט צווישען די בוימער פון מַמְרֵא, וואס אין חֶבְרוֹן, און ער האט דארט געבויט א מזבח פאר גאט.

קאפיטעל 14.

1. און עס איז געוועזען אין די צייטען פון אַמְרָפֶל, דער קעניג פון שִׁנְעָר, אַרְיוֹךְ, דער קעניג פון אֶלָּסָר, כְּדָרְלָעוֹמֶר, דער קעניג פון עֵילָם, און תִּדְעָל, דער קעניג פון גוים.

2. זיי האָבען געמאַכט אַ מִלְחָמָה מיט בֶּרַע, דעם קעניג פון סְדוֹם, און מיט בִּרְשַׁע, דעם קעניג פון עֲמוֹרָה, שִׁנְאָב, דעם קעניג פון אַדְמָה, און שֶׁמְאֵבֶר, דעם קעניג פון צְבוֹיִים, און דעם קעניג פון בֶּלַע, דאָס איז צוֹעַר ·

3. די אַלע זענען זיך צוזאַמענגעקומען אין טאָל פון שִׂדִּים, וואו איצט איז דער געזאַלצענער יָם ·

4. צוועלף יאָהר האָבען זיי געדיענט כְּדָרְלָעוֹמֶר'ן, און אין דרייצעהנטען יאָהר האָבען זיי ווידערגעשפעניגט ·

5. און אין פירצעהנטען יאָהר איז געקומען כדרלעומר און די קעניגען, וואָס מיט איהם, און זיי האָבען געשלאָגען די רְפָאִים אין עַשְׁתְּרוֹת קַרְנַיִם, און די זוּזִים אין הָם, און די אֵימִים אין שָׁוֵה קִרְיָתַיִם,

6. און די חוֹרִים אין זייער באַרג שֵׂעִיר ביז אֵיל פָּארָן, וואָס בייַ'ם מִדְבָּר ·

7. און זיי זענען צוריקגעגאַנגען און געקומען צו דעם קוואַל מִשְׁפָּט, דאָס איז קָדֵשׁ, און זיי האָבען געשלאָגען דאָס גאַנצע פעלד פון עֲמָלֵק, און אויך דעם אֱמוֹרִי, וואָס זיצט אין חַצְצוֹן תָּמָר ·

8. איז אַרויסגעגאַנגען דער קעניג פון סדום און דער קעניג פון עמורה און דער קעניג פון אַדמה און דער קעניג פון צבויים און דער קעניג פון בלע, דאָס איז צוער, און זיי האָבען געמאַכט מיט זיי אַ מלחמה אין טאָל שִׂדִּים,

9. מיט כדרלעומר'ן, דעם קעניג פון עֵילם, און תדעל'ן, דעם קעניג פון גוֹיִים, און אַמרפל'ן, דעם קעניג פון שנער, און אַריוך'ן, דעם קעניג פון אלסר, פיער קעניגען קעגען פינף ·

10. און דער טאָל שִׂדִּים איז פול מיט גריבער פון לייהם; און די קעניגען פון סדום און עמורה זענען אַנטלאָפען געוואָרען, און זענען זיי דאָרטען אַרייַנגעפאַלען, און די איבעריגע זענען אַנטלאָפען צו'ם באַרג ·

11. האָבען זיי צוגענומען דאָס גאַנצע פערמעגען פון סדום און עמורה און זייערע גאַנצע עסעוואַרג, און זענען אוועקגעגאַנגען ·

12. און האָבען מיטגענומען לוט'ן, אַברם'ס ברודערס זוהן, און זיין גאַנץ פערמעגען, און זיי זענען אַוועקגעגאַנגען; און ער איז דעמאָלט געזעסען אין סדום.

13. איז געקומען איינער, וואָס איז אַנטרונען געוואָרען, און האָט אָנגעזאָגט אַברם'ן דעם עִבְרִי, און ער האָט דאַן געוואָהנט צווישען די בוימער פון מַמְרֵא דעם אֱמוֹרִי, דער ברודער פון אֶשְׁכּוֹל און דער ברודער פון עָנֵר, און זיי זענען געשטאַנען מיט אַברם'ן אין אַ בונד.

14. האָט אַברם געהערט, דאָס זיין ברודער איז געפאַנגען, האָט ער בעוואָפענט זיינע קנעכט, וואָס זענען געבאָרען אין זיין הויז, אַכטצעהן און דריי הונדערט, און ער האָט נאָכגעיאָגט ביז דָן.

15. און ער האָט זיך צעטיילט און ער איז בעפאַלען אויף זיי ביינאַכט, ער און זיינע קנעכט, און ער האָט זיי געשלאָגען און זיי נאָכגעיאָגט ביז חוֹבָה, וואָס פון לינקס צו דַמֶּשֶׂק,

16. און ער האָט צוריקגענומען דאָס גאַנצע פערמעגען, און אויך זיין ברודער לוט'ן און זיין פערמעגען האָט ער צוריקגענומען, און אויך די ווייבער און דאָס פאָלק.

17. און נאָכדעם, ווי ער האָט צוריקגעקעהרט פון צו שלאָגען כְּדָרְלָעוֹמֶר'ן און די קעניגען, וואָס מיט איהם, איז איהם אַרויס־געגאַנגען אַנטקעגען דער קעניג פון סְדוֹם אין טאָל שָׁוֵה, דאָס איז דער טאָל פון קעניג.

18. און מַלְכִּי־צֶדֶק, דער קעניג פון שָׁלֵם, האָט אַרויסגע־בראַכט ברויט און וויין; און ער איז אַ כֹּהֵן צו גאָט דעם העכסטען.

19. האָט ער איהם געבענשט און האָט געזאָגט: געבענשט איז אַברם ביי גאָט דעם העכסטען, וואָס האָט בעשאַפען הימעל און ערד;

20. און געבענשט איז גאָט דער העכסטער, וואָס האָט איבערגעגעבען דיינע פיינד אין דיינע הענד; און (אַברם) האָט איהם געגעבען אַ צעהנט־חֵלֶק פון אַלין.

21. האָט דער קעניג פון סדום געזאָגט צו אַברם'ן: גיעב

מיר די מענשען , און דאס פערמעגען נעהם פאר דיר .

22. האט אברם געזאגט צו'ם קעניג פון סדום : איך הויב אויף מיין האנד צו גאט , דעם העכסטען גאט , וואס האט בעשאפען הימעל און ערד :

23. אויב איך וועל נעהמען פון אלץ , וואס דו האסט , אפילו א פאדעם און אפילו א בענדעל פון א שוך ; און דו זאלסט נישט זאגען : איך האב רייך געמאכט אברם'ן ;

24. נאר אויסער דעם , וואס די יונגען האבען אויפגעגעסען , און דעם חלק פון די מענשען , וואס זענען געגאנגען מיט מיר ; ענר , אשכול און ממרא זיי זאלען נעהמען זייער חלק .

קאפיטעל 15.

1. נאך די דאזיגע געשעהעניששען האט גאט אזוי געזאגט צו אבר'ם אין א זעהעניש : זאלסט נישט מורא האבען , אברם ; איך בין דיין שילד , דיין לויהן איז זעהר גרויס .

2. האט אברם געזאגט : גאט מיין העדר , וואס וועסטו מיר געבען ? איך געה דאך ארום אהן קינדער , און דער פערוואלטער איבער מיין הויז , איז אליעזר פון דמשק .

3. און אברם האט געזאגט : דו האסט דאך מיר קיין קינדער נישט געגעבען , און אזוי וועט איינער פון מיין הויזגעזינד מיך ירשה'נען .

4. און דאן איז געוועזען גאטס ווארט צו איהם אזוי : נישט דער וועט דיך ירשה'נען , נאר דער , וואס וועט ארויסגעהן פון דיינע געדערם , דער וועט דיך ירשה'נען .

5, און ער האט איהם ארויסגעפיהרט אויף דרויסען און האט געזאגט : טהו נאר א קוק אויפ'ן הימעל און צעהל די שטערען , אויב דו וועסט זיי קאנען צעהלען . און ער האט איהם געזאגט : אזוי וועלען זיין דיינע קינדער .

6. און ער האט געגלויבט אין גאט . האט ער איהם דאס גערעכענט פאר גערעכטיגקייט .

7. און עֶר האָט געזאָגט צו אִיהם: אִיךְ בִּין דער גאָט, וואָס האָט דִיךְ אַרויסגעצויגען פון „אור-כַּשְׂדִּים, צו געבען דִיר דאָס דאָזִיגע לאַנד, עס צו בעזִיצען.

8. האָט עֶר געזאָגט: גאָט מײַן הערר, דורך וואָס קאָן אִיךְ ווִיסען, דאָס אִיךְ וועל עס בעזִיצען?

9. האָט עֶר צו אִיהם געזאָגט: נעהם מִיר אַ דרײַ-יעהרִיגע קאַלב און אַ דרײַ-יעהרִיגע צִיעג און אַ דרײַ-יעהרִיגען באַראַן און אַ טורטעל-טויב און אַ יונגע טויב.

10. האָט עֶר אִיהם דאָס אַלץ גענומען און האָט זיי צעשנִיטען אִין מִיטען, און האָט אַנִידערגעלעגט אײַן שטִיק קעגען דער צווײ-טער; און דִי פויגעל האָט עֶר נִישט צעשנִיטען.

11. זענען דִי רויב-פויגעל אַראָבגענִידערט אויף דִי נְבֵילוֹת, האָט זיי אַבְרָם אַוועקגעיאָגט.

12. און ווען דִי זון האָט געהאַלטען בײַ'ם אונטערגעהן, אִיז אַ טִיעפער שלאָף געפאַלען אויף אַברם'ן; און פון דער פִינסטערנִיש אִיז אויף אִיהם אַרויפגעפאַלען אַגרויסע מורא.

13. און עֶר האָט געזאָגט צו אַברם'ן: זײַ ווִיסען, אַז דײַנע קִינדער וועלען פרעמד זײַן אִין אַ לאַנד, וואָס אִיז נִישט זײַערס, און מען וועט זיי מאַכען פאַר קנעכט, און מען וועט זיי פײַנִיגען פִיער הונדערט יאָהר.

14. און אויך דאָס פאָלק, וועלכען זיי וועלען דִיענען, וועל אִיךְ משפּטען; און דערנאָךְ וועלען זיי אַרויסגעהן מִיט אַ גרויס פערמעגען.

15. און דו וועסט קומען צו דײַנע עלטערן אִין פרִידען, וועסט בעגראָבען ווערען אִין אַ גוּטען אַלטער.

16. און נאָר דער פִירטער דור וועט צורִיקקעהרען אַהער, דען עס אִיז נאָךְ בִּיז אִיצט נִישט פאָלענדעט געוואָרען דִי זִינד פון דִי אֱמֹרִים.

17. און ווִי דִי זון אִיז אונטערגעגאַנגען און עס אִיז געוואָ-רען אַ פִינסטערנִיש, האָט זִיךְ דערזעהן אַ רויךְ פון אַ אויווען און

אַ פלאַם פייער, וואָס איז דורכגעגאַנגען דורך די דאָזיגע שטיקער.

18. אין יענעם טאָג האָט גאָט געשלאָסען מיט אַבְרָם'ן אַ בונד און האָט צו איהם אַזוי געזאָגט: דיינע קינדער האָב איך געגעבען דאָס דאָזיגע לאַנד, פון טייך מִצְרַיִם ביז דעם גרויסען טייך, דעם טייך פְּרָת:

19. די קֵינִים און די קְנִזִּים און די קַדְמֹנִים,

20. און די חִתִּים און די פְּרִזִּים און די רְפָאִים,

21. און די אֱמוֹרִים און די כְּנַעֲנִים און די גִרְגָּשִׁים און די יְבוּסִים.

קאַפּיטעל 16

1. און שָׂרַי, אַברם'ס ווייב, האָט איהם נישט געבאָרען קיין קינד, און זי האָט געהאַט אַ מִצְרִישֶׁע דינסט, און איהר נאָמען איז געוועזען הָגָר.

2. האָט שרי געזאָגט צו אַברם'ן: אַזוי ווי גאָט האָט מיך פערהאַלטען פון צו געבוירען קינדער, דעריבער קום צו מיין דינסט, אֶפְשַׁר וועל איך געהאָלפען ווערען דורך איהר. און אַברם האָט געפאָלגט שרי'ס שטימע.

3. און שרי, אַברם'ס ווייב, האָט גענומען איהר דינסט הגר די מצרית, צו דער ענדע פון צעהן יאָהר, ווי אברה האָט געוואָהנט אין לאַנד כְּנַעַן, און האָט זי געגעבען איהר מאַן אַברם'ן פאַר אַ ווייב.

4. און ער איז געקומען צו הָגָר'ן, און זי איז שוואַנגער געוואָרען. און ווי זי האָט דערזעהן, דאָס זי איז שוואַנגער געוואָרען, האָט זי אָנגעהויבען איהר ווירטין ווייניג צו שעצען.

5. האָט שרי געזאָגט צו אַברם'ן: דו ביזט שולדיג אין מיין בעלײדיגונג. איך האָב אָבגעגעבען מיין דינסט אין דיין שויס, און ווי זי האָט דערזעהן, דאָס זי איז שוואַנגער, האָט זי מיך אָנגעהויבען ווייניג צו שעצען; זאָל גאָט משפּ'טען צווישען מיר און צווישען דיר.

6. האָט אַברם געזאָגט צו שרי'ן: אָט האָסטו דיין דינסט אין דיינע הענד, טהו מיט איהר ווי עס געפעלט דיר. האָט שרי זי געפּייניגט, איז זי אַנטלאָפען געוואָרען פון איהר.

7. האָט זי געטראָפען אַ מַלְאָךְ פון גאָט ביי'ם קוואַל פון וואַסער אין דער וויסטע, ביי דעם קוואַל, וואָס איז אויף דעם וועג קיין שור.

8. האָט ער געזאָגט: הָגָר, שָׂרַי'ס דינסט, פון וואַנען קומסטו דאָס און וואוהין געהסטו? האָט זי געזאָגט: איך אַנטלויף פון מיין ווירטין שרי.

9. האָט דער מלאָך פון גאָט צו איהר געזאָגט: קעהר צוריק צו דיין ווירטין, און ווער געפּייניגט אונטער איהרע הענד.

10. און דער מלאָך פון גאָט האָט צו איהר געזאָגט: איך וועל זעהר פערמעהרען דיינע קינדער, און זיי וועלען זיין אַזוי פיעל, דאָס מען וועט זיי נישט קאָנען איבערצעהלען.

11. און דער מלאָך פון גאָט האָט צו איהר געזאָגט: דו ביזט שוואַנגער, און דו וועסט געבוירען אַ זוהן, זאָלסטו אָנרופען זיין נאָמען יִשְׁמָעֵאל, דען גאָט האָט דערהערט דיין פּיין.

12. און ער וועט זיין אַ ווילדער מענש; זיין האַנד קעגען אַלעמען און אַלעמענס האַנד קעגען איהם; און ער וועט וואָהנען פאַר זיינע אַלע ברידער.

13. האָט זי אָנגערופען דעם נאָמען פון גאָט, וואָס האָט גערעדט צו איהר: דו גאָט פון זעהן; דען זי האָט געזאָגט: אויך דאָ האָב איך געזעהן, וואָס איך האָב שוין אַמאָל געזעהן.

14. דעריבער רופט מען יענעם ברונען: בְּאֵר לַחַי רֹאִי, און ער איז צווישען קָדֵשׁ און צווישען בָּרֶד.

15. און הגר האָט אַברם'ן געבאָרען אַ זוהן, און אַברם האָט אָנגערופען דעם נאָמען פון זיין זוהן, וואָס הגר האָט געבאָרען, ישמעאֵל.

16. און אברם איז אַלט געוועזען אַכציג יאָהר און זעקס יאָהר, ווען הגר האָט אַברם'ן געבאָרען ישמעאֵל'ן.

קאפיטעל 17.

1. און אַבְרָם איז אַלט געוואָרען נײַנציג יאָהר און נײַן יאָהר, און גאָט האָט זיך בעוויזען צו אַברם'ן און האָט געזאָגט צו איהם: איך בין גאָט דער אַלמעכטיגער; געה פאַר מיר און זײַ פרום;

2. און איך וועל געבען מײַן בונד צווישען מיר און צווישען דיר, און איך וועל דיך פערמעהרען זעהר און זעהר.

3. איז אַברם געפאַלען אויף זײַן אַנגעזיכט, און גאָט האָט מיט איהם אַזוי גערעדט:

4. איך בין עס, אָט מאַך איך מײַן בונד מיט דיר, און דו זאָלסט ווערען אַ פאָטער פון פיעל פעלקער.

5. און עס זאָל שוין מעהר ניט געררופען ווערען דײַן נאָמען אַבְרָם, נאָר דײַן נאָמען זאָל זײַן אַבְרָהָם, דען איך האָב דיך געמאַכט פאַר אַ פאָטער פון פיעל פעלקער.

6. און איך וועל דיך מאַכען זעהר און זעהר פרוכטבאַר, און איך וועל פון דיר מאַכען פעלקער, און קעניגען וועלען פון דיר אַרויסקומען.

7. און איך וועל אויפשטעלען מײַן בונד צווישען מיר און צווישען דיר און צווישען דײַנע קינדער נאָך דיר, לויט זייערע דורות, אַ עבּיגען בונד, דאָס איך זאָל דיר זײַן אַ גאָט און דײַנע קינדער נאָך דיר.

8. און איך וועל געבען דיר און דײַנע קינדער נאָך דיר דאָס לאַנד, וואו דו וואָהנסט איצט, דאָס גאַנצע לאַנד כְּנַעַן, פאַר אַ עבּיגע בעזיצונג, און איך וועל זיי זײַן פאַר אַ גאָט.

9. און גאָט האָט געזאָגט צו אַבְרָהָם'ן: און דו זאָלסט אָבּהיטען מײַן בונד, דו און דײַנע קינדער נאָך דיר לויט זייערע דורות.

10. דאָס איז מײַן בונד, וואָס איהר זאָלט אָבּהיטען צווישען מיר און צווישען אײַך און צווישען דײַנע קינדער נאָך דיר: עס זאָל בעשניטען ווערען בײַ אײַך יעדער זָכָר.

11. און בעשניידען זאָלט איהר די פאָרהויט פון אייער פלייש, און דאָס וועט זיין אלס צייכען פון בונד צווישען מיר און צווישען אייך.

12. און אין די קינפטיגע דורות זאָל בעשניטען ווערען ביי אייך יעדער זָכָר, ווען ער איז אַלט אַכט טאָג, צי ער איז געבאָרען אין הויז, צי ער איז געקויפט פאַר געלד פון פרעמדע, וואָס שטאַמען נישט אַרויס פון דיר.

13. בעשניטען זאָל ווערען דער געבאָרענער אין דיין הויז און דער געקויפטער פאַר דיין געלד, און מיין בונד זאָל זיין אין אייער לייב פאַר אַ עבּיגען בונד.

14. און אַ אונבעשניטענער זָכָר, וואָס וועט נישט בעשניידען די פאָרהויט פון זיין פלייש, זאָל זיין זעעלע פערשניטען ווערען פון איהר פאָלק, דען ער האָט צעשטערט מיין בונד.

15. און גאָט האָט געזאָגט צו אַבְרָהָם'ן: שָׂרַי דיין ווייב, זאָלסטו נישט אָנרופען איהר נאָמען שָׂרַי, דען שָׂרָה איז איהר נאָמען.

16. און איך וועל זי בענשען, און איך וועל דיר פון איהר אויך געבען אַ זוהן, און איך וועל זי בענשען, און עס וועלען ווערען פון איהר פעלקער, קעניגען איבער פעלקער וועלען פון איהר ווערען.

17. איז אַברהם געפאַלען אויף זיין אַנגעזיכט און האָט געלאַכט, און האָט געזאָגט אין זיין האַרצען: צי דען ביי איינעם, וואָס איז אַלט הונדערט יאָהר, זאָל געבאָרען ווערען אַ קינד, און צי דען שרה, וואָס איז אַלט נייַנציג יאָהר, זאָל געבוירען?

18. און אברהם האָט געזאָגט צו גאָט: הַלְוַאי זאָל יִשְׁמָעֵאל לעבען פאַר דיר.

19. האָט גאָט געזאָגט: ווירקליך, שרה דיין ווייב וועט דיר געבוירען אַ קינד, און דו זאָלסט אָנרופען זיין נאָמען יִצְחָק, און איך וועל אויפשטעלען מיין בונד מיט איהם פאַר אַ עבּיגען בונד און מיט זיינע קינדער נאָך איהם.

20. און וואָס דו האָסט געבעטען וועגען ישמעאל'ן, האָב

איך דיך אויך דערהערט, דען איך האב איהם געבענשט, און איך וועל איהם מאכען פרוכטבאר, און וועל איהם פערמעהרען זעהר און זעהר. צוועלף פירשטען זאל ער געבוירען, און איך וועל פון איהם מאכען א גרויס פאלק.

21. נאר מיין בונד וועל איך אויפשטעלען מיט יִצְחָק'ן, וואס שרה וועט דיר געבוירען צו דער דאזיגער צייט אין אנדער'ן יאהר.

22. און ער האט געענדיגט רעדען מיט איהם, און גאט איז ארויפגעגאנגען פון אַבְרָהָם'ן.

23. און אברהם האט גענומען זיין זוהן ישמעאל און אלע, וואס זענען געבארען געווארען אין זיין הויז, און אלע, וואס ער האט געקויפט פאר געלד, אלע זְכָרִים פון די מענשען פון אברהם'ס הויז, און ער האט בעשניטען די פארהויט פון זייער פלייש אין דעם דאזיגען זעלבינען טאג, ווען גאט האט מיט איהם גערעדט.

24. און אברהם איז אלט געווען ניין און ניינציג יאהר, ווען ער האט זיך בעשניטען די פארהויט פון זיין פלייש.

25. און זיין זוהן ישמעאל איז אלט געווען דרייצעהן יאהר, ווען ער האט זיך בעשניטען די פארהויט פון זיין פלייש.

25. אין דעם דאזיגען זעלבינען טאג איז בעשניטען געווארען אברהם און זיין זוהן ישמעאל,

27. און אלע מענשען פון זיין הויז, וואס זענען געבארען געווארען אין זיין הויז, און די, וואס זענען געקויפט געווארען פאר געלד פון פרעמדע, זענען בעשניטען געווארען מיט איהם.

פיערטע סֵדְרָה: וַיֵּרָא.

קאפיטעל 18

1. און גאט האט זיך צו איהם בעוויזען צווישען די בוימער פון מַמְרֵא, און ער איז געזעסען ביי'ם טהיר פון געצעלט, ווען דער טאג איז הייס געווארען.

2. האָט ער אויפגעהויבען זײנע אויגען און האָט דערזעהן, ווי דרײ מענער שטעהען פאַר איהם; און ווי ער האָט דערזעהן, איז ער זיי געלאָפען אַקעגען פון טהיר פון געצעלט, און האָט זיך געבוקט ביז צו דער ערד.

3. און האָט געזאָגט: מײן העִרר, אויב איך האָב געפונען ליִיטזעליגקײט אין דײנע אויגען, זאָלסטו נישט פאָריבערגעהן פאַר דײן קנעכט.

4. מען וועט ברענגען אַ ביסעל וואַסער, און וואַשט אָב אײערע פים, און לעהנט זיך אָן אונטער דעם בוים.

5. און איך וועל נעהמען אַ שטיקעל ברויט, און שטאַרקט אײער הארץ, דערנאָך וועט איהר ווײטער געהן, דען דעריבער זײנט איהר פערבײגעגאַנגען פאַר אײער קנעכט. האָבען זיי געזאָגט: אַזוי זאָלסטו טהון, ווי דו האָסט גערעדט.

6. האָט אברהם געאײלט אין געצעלט צו שרה׳ן און האָט געזאָגט: אײל, נעהם דרײ מאָס זעמעל־מעהל, קנעט און מאַך קוכענס.

7. און צו די רינדער איז אברהם געלאָפען, און האָט גענומען אַ יונגע, גוטע קאַלב, און האָט געגעבען דעם יונג, און ער האָט געאײלט זי צורעכט צו מאַכען.

8. און ער האָט גענומען פוטער און מילך און די קאַלב, וואָס ער האָט צורעכט געמאַכט, און האָט עס געגעבען פאַר זיי, און ער איז געשטאַנען נעבען זיי אונטער דעם בוים, און זיי האָבען געגעסען.

9. האָבען זיי געזאָגט צו איהם: וואו איז דײן ווײב שרה? האָט ער געזאָגט: זי איז אין געצעלט.

10. האָט (אײנער פון זיי) געזאָגט: איך וועל ווידער צוריקקעהרען צו דיר איבער אַ יאָהר אין דער צײט, און דאַן וועט דײן ווײב שרה שוין האָבען אַ זוהן. און שרה האָט דאָס געהערט אין טהיר פון געצעלט, הינטער איהם.

11. און אברהם און שרה זענען שוין געווען אַלטע, בע־

יאָהרטע, ביי שרה'ן האָט שוין אויפגעהערט צו זיין ווי דער שטייגער איז ביי ווייבער .

12. האָט שרה געלאַכט אין זיך און האָט געזאָגט : נאָכדעם, ווי איך בין שוין אַלט געוואָרען, זאָל איך נאָך האָבען פערגעניגען, ווען מיין הערר איז שוין אויך אַלט ?

13. האָט גאָט געזאָגט צו אברהם'ן : פאַרוואָס האָט דאָס שרה געלאַכט און האָט געזאָגט : צי דען וועל איך נאָך געבוירען, ווען איך בין שוין אַלט ?

14. צי דען איז פאַר גאָט עפּעס אונמעגליך? צו דער צייט, ווען איך וועל צו דיר ווידער קומען, איבער אַ יאָהר אין דער צייט, וועט שוין שרה האָבען אַ זוהן .

15. האָט שרה געלייקענט און האָט געזאָגט : איך האָב ניש געלאַכט, דען זי האָט מורא געהאַט . האָט ער געזאָגט : ניין, דען דו האָסט יאָ געלאַכט .

16. און די מענער זענען פון דאָרטען אויפגעשטאַנען און האָבען אַ קוק געטהון צו סדום צו, און אברהם געהט מיט זיי, זיי צו בעגלייטען .

17. און גאָט האָט געזאָגט: צי דען וועל איך פערבאָרגען פון אברהם'ן דאָס, וואָס איך טהו .

18. און אברהם וועט דאָך ווערען אַ גרויס מעכטיג פאָלק, און עס וועלען זיך מיט איהם בענשען אַלע פעלקער פון דער ערד .

19. דען איך קען איהם, דאָס ער וועט אָנזאָגען זיינע קינדער און זיין הויז נאָך איהם, דאָס זיי זאָלען אָבהיטען גאָט'ס וועג און זאָלען טהון גערעכטיגקייט און געזעץ, כּדי גאָט זאָל ברענגען אויף אברהם'ן דאָס, וואָס ער האָט גערעדט וועגען איהם .

20. האָט גאָט געזאָגט : דאָס געשריי פון סדום און עמורה איז געוואָרען זעהר גרויס, און זייער זינד איז געוואָרען זעהר שווער .

21. איך וועל דערביבער אַראָבגיידערען און זעהן : צי האָבען זיי אַליץ געטהון לויט דעם געשריי, וואָס איז געקומען צו מיר אָדער ניין, וועל איך וויסען .

22. און די מענער האבען זיך פון דארט אבגעווענדעט און זענען געגאנגען קיין סדום. און אברהם איז נאך געבליבען שטעהן פאר גאט.

23. און אברהם איז צוגעגאנגען און האט געזאגט: צי דען וועסטו אומברענגען א צדיק מיט א רשע?

24. אפשר זענען דא פופציג צדיקים אין דער שטאדט; צי דען וועסטו זיי אומברענגען, און וועסט נישט פערגעבען דעם ארט צוליעב די פופציג צדיקים, וואס אין איהם?

25. עס איז אונמעגליך, דאס דו זאלסט טהון אזא זאך, צו טויטען א צדיק מיט א רשע, און דער צדיק זאל זיין אזוי ווי דער רשע, עס איז אונמעגליך; צי דען דער, וואס משפט'ט די גאנצע ערד, זאל נישט טהון גערעכטיגקייט?

26. האט גאט געזאגט: אויב איך וועל געפינען אין סדום פופציג צדיקים אין דער שטאדט, וועל איך פערגעבען דעם גאנ-צען ארט צוליעב זיי.

27. האט אברהם געענטפערט און האט געזאגט: אט האב איך זיך געוואגט צו רעדען צו מיין העררן, און איך בין דאך נאר שטויב און אש.

28. אפשר וועלען פעהלען פון פופציג צדיקים פינף; צי דען וועסטו צוליעב די פינף פערדארבען די גאנצע שטאדט? האט ער געזאגט: איך וועל נישט פערדארבען, אויב איך וועל דארט געפינען פינף און פערציג.

29. האט ער נאך גערעדט צו איהם און האט געזאגט: אפשר וועלען זיך דארט געפינען פירציג? האט ער געזאגט: איך וועל דאס נישט טהון אויך צוליעב די פירציג.

30. האט ער געזאגט: זאל נישט פערדריסען מיין העררן, ווען איך וועל נאך רעדען: אפשר וועלען זיך דארט געפינען דרייסיג? האט ער געזאגט: איך וועל דאס נישט טהון, אויב איך וועל דארט געפינען דרייסיג.

31. האט ער געזאגט: אט האב איך זיך שוין געוואגט צו רעדען צו מיין הערר: אפשר וועלען זיך דארט געפינען צוואנציג?

האָט ער געזאָגט: איך וועל נישט פֿערדאַרבען צוליעב די צוואַנציג.

32. האָט ער געזאָגט: זאָל נישט פֿערדריסען מיין הערן, און איך וועל נאָך רעדען נאָר דאָס מאָל: אפשר וועלען זיך דאָרט געפֿינען צעהן? האָט ער געזאָגט: איך וועל נישט פֿערדאַרבען צוליעב די צעהן.

33. און גאָט איז אַוועקגעגאַנגען, ווי ער האָט געענדיגט רעדען צו אברהם'ן, און אברהם האָט צוריקגעקעהרט צו זיין אָרט.

קאַפּיטעל 19.

1. און די צוויי מַלְאָכִים זענען געקומען קיין סְדוֹם אין אָבענד; און לוט איז געזעסען ביי'ם טהויער פֿון סדום. און ווי לוט האָט זיי דערזעהן, איז ער אויפֿגעשטאַנען קעגען זיי און האָט זיך גע־בוקט מיט'ן אַנגעזיכט צו דער ערד.

2. און ער האָט געזאָגט: איך בעט אייך מיינע הערען, טרעט אָב אין הויז פֿון אייער קנעכט און נעכטיגט איבער און וואַשט אָב אייערע פֿיס, און אין דער פֿריה וועט איהר אויפֿשטעהן און וועט זיך געהן אייער וועג. האָבען זיי געזאָגט: ניין, נאָר אין גאַס וועלען מיר נעכטיגען.

3. האָט ער זיי שטאַרק געבעטען, האָבען זיי אָבגעטרעטען צו איהם, און זיי זענען אַריינגעקומען אין זיין הויז; האָט ער זיי געמאַכט אַ מאָהלצייט און האָט געבאַקען מַצוֹת, און זיי האָבען געגעסען.

4. נאָך איידער זיי האָבען זיך געלעגט, און די מענשען פֿון שטאָדט, די סדום־לייט, האָבען אַרומגערינגעלט דאָס גאַנצע הויז, פֿון יונג ביז אַלט, דאָס גאַנצע פֿאָלק פֿון אַלע עקען;

5. און האָבען גערופֿען לוט'ן און האָבען געזאָגט צו איהם: וואו זענען די מענשען, וואָס זענען צו דיר די נאַכט געקומען? פֿיהר זיי אַרויס צו אונז, און מיר וועלען זיי דערקענען.

6. איז לוט אַרויסגעגאַנגען צו זיי פֿאַר דער טהיר, און

די טהיר האָט ער פֿערשלאָסען הינטער זיך,

7. און האָט געזאָגט: איך בעט אייך, מיינע ברידער, איהר זאָלט נישט טהון קיין שלעכטס.

8. אָט האָב איך צוויי טעכטער, וואָס האָבען נאָך נישט דערקענט קיין מאַן; וועל איך זיי אַרויספֿיהרען צו אייך, און טהוט מיט זיי, ווי אייך איז בעליעבט, נאָר די דאָזיגע מענער זאָלט איהר קיין זאַך נישט טהון, דען זיי זענען דאָך אַריינגעקומען אין דעם שאָטען פֿון מיין דאַך.

9. האָבען זיי געזאָגט: געה אַוועק פֿון דאַנען! און זיי האָבען געזאָגט: איינער, וואָס איז געקומען אַהער וואָהנען, זאָל ער דאָ רעגירען? דערפֿאַר וועלען מיר דיר איצט ערגער טהון ווי זיי. און זיי זענען צו לוט'ן זעהר שטאַרק צוגעשטאַנען, און זענען צוגעגאַנגען צו צעברעכען די טהיר.

10. האָבען די מענער אַרויסגעשטרעקט זייער האַנד און האָבען אַריינגעבראַכט לוט'ן צו זיך אין שטוב אַריין, און די טהיר האָבען זיי פֿערשלאָסען,

11. און די מענשען, וואָס פֿאַר דער טהיר פֿון הויז, האָבען זיי געשלאָגען מיט בלינדשאַפֿט פֿון קליין ביז גרויס. און זיי זענען מיעד געוואָרען צו געפֿינען די טהיר.

12. און די מענער האָבען געזאָגט צו לוט'ן: וועמען דו האָסט דאָ נאָך, ציי אַ איידעם, ציי דיינע זיהן און דיינע טעכטער, ציי אַלין, וואָס דו האָסט די אין שטאָדט, פֿיהר אַרויס פֿון דאַנען;

13. דען מיר פֿערדאַרבען דעם דאָזיגען אָרט, ווייל עס איז גרויס זייער געשריי צו גאָט, און גאָט האָט אונז געשיקט צו פֿערדאַרבען די שטאָדט.

14. איז לוט אַרויסגעגאַנגען און האָט גערעדט צו זיינע איידעמס, וואָס האָבען גענומען זיינע טעכטער, און האָט געזאָגט: שטעהט אויף, געהט אַרויס פֿון דעם דאָזיגען אָרט, דען גאָט פֿערדאַרבט די שטאָדט. איז ער אויסגעקומען אין די אויגען פֿון זיינע איידעמס, ווי ער וואָלט געשפּאַסט.

15. אונ ווי דער מאָרגענשטערן איז אויפגעגאַנגען , האָבען די מלאָכים געדרונגען לוט'ן , ער זאָל זיך איילען , און האָבען געזאָגט : שטעה אויף, נעהם דיין ווייב און דיינע צוויי טעכטער , וואָס געפי־נען זיך דאָ, אויב ניט קאָנסטו אומקומען צוליעב דער זינד פון שטאָדט.

16. האָט ער זיך פערזאַמט , האָבען די מענשען אָנגענומען זיין האַנד און די האַנד פון זיין ווייב און די האַנד פון זיינע צוויי טעכטער , דען גאָט האָט זיך אויף איהם דערבאַרמט , און זיי האָ־בען איהם אַרויסגעפיהרט און איהם געלאָזען אויסער דער שטאָדט ·

17. און ווי זיי האָבען איהם אַרויסגעפיהרט אויף דרויסען , האָבען זיי געזאָגט : ווער אַנטרונען מיט דיין זעעלע . זאָלסט זיך ניט אומקוקען הינטער זיך און זאָלסט זיך ניט אָבשטעלען אין דעם גאַנצען געגענד , צו'ם באַרג ווער אַנטרונען , אויב ניט , ועסטו אומקומען .

18. האָט לוט געזאָגט צו זיי : אַח , ניין , מיין הערר !

19. אַזוי ווי דיין קנעכט האָט געפונען ליבטזעליגקייט אין דיינע אויגען , און דו האָסט גרויס געמאַכט דיין גנאָד , וואָס דו האָסט געטהון מיט מיר , צו לאָזען לעבען מיין זעעלע , נאָר איך קאָן ניט אַנטרונען ווערען צו'ם באַרג , טאָמער יאָגט מיך אָן דאָס אונגליק און איך וועל שטאַרבען ;

20. אָט איז די דאָזיגע שטאָדט נאָהנט צו אַנטלויפען אַהין , און זי איז קליין , וועל איך אַהין אַנטלויפען ; דאָס איז דאָך אַ קליי־ניגקייט , און מיין זעעלע וועט בלייבען לעבען .

21. האָט ער געזאָגט צו איהם : אָט גיעב איך דיר נאָך אויך אין דער דאָזיגער זאַך , ניט איבערצוקעהרען די שטאָדט , וואָס דו האָסט געזאָגט ;

22. איל און ווער אַנטרונען אַהין , דען איך קאָן קיין זאַך ניט טהון , ביז דו וועסט אַהין אָנקומען . דעריבער רופט מען דעם נאָמען פון דער שטאָדט צוער .

23. די זון איז אַרויסגעגאַנגען איבער דער ערד , און לוט איז געקומען קיין צוער .

24. און גאָט האָט געמאַכט רעגענען אויף סדום און אויף עמורה שוועבעל און פֿייער פֿון גאָט, פֿון הימעל;

25. און ער האָט איבערגעקעהרט די דאָזיגע שטעדט און דעם גאַנצען געגענד און אַלע איינוואָהנער פֿון די שטעדט און די שפּראָצונגען פֿון דער ערד.

26. האָט (לוט'ס) ווייב אַ קוק געטהון הינטער זיך, איז זי געוואָרען אַ זייל זאַלץ.

27. און אברהם איז אויפֿגעשטאַנען גאַנץ פֿריה (און איז געגאַנגען) צו'ם אָרט, וואו ער איז דאָרט געשטאַנען פֿאַר גאָט.

28. און ער האָט אַ קוק געטהון צו סדום צו און צו עמורה און אויף די גאַנצע ערד פֿון געגענד, און ער האָט דערזעהן, ווי אַ רויך האָט זיך אויפֿגעהויבען פֿון דער ערד, אַזוי ווי אַ רויך פֿון אַ קאַלך-אויווען.

29. און עס איז געווען, ווען גאָט האָט פֿערדאָרבען די שטעדט פֿון געגענד, האָט זיך גאָט דערמאָהנט אָן אברהם'ן, און ער האָט אַרויסגעשיקט לוט'ן פֿון דער איבערקעהרעניש, ווען ער האָט איבערגעקעהרט די שטעדט, וואָס לוט איז אין זיי געזעסען.

30. און לוט איז אַרויפֿגעגאַנגען פֿון צוער און האָט זיך בעזעצט אין באַרג, און מיט איהם זענען געווען זיינע צוויי טעכטער, דען ער האָט מורא געהאַט צו זיצען אין צוער, איז ער געזעסען אין אַ הייהל, ער און זיינע צוויי טעכטער.

31. האָט די עלטערע געזאָגט צו דער יונגערער: אונזער פֿאָטער איז אַלט, און קיין מענש איז נישטאָ אויף דער ערד, ער זאָל קומען צו אונז, אַזוי ווי דער שטייגער פֿון דער גאַנצער וועלט;

32. קום לאָ'מיר אָנטרינקען אונזער פֿאָטער וויין, און מיר וועלען ליגען מיט איהם, און מיר וועלען לאָזען לעבען פֿון אונזער פֿאָטער אַ זאָמען.

33. און זיי האָבען אָנגעטרינקען זייער פֿאָטער וויין אין יענער נאַכט, און די עלטערע איז געקומען און איז געלעגען מיט איהר

פֿאָטער, און ער האָט ניט געוואוסט. ווי זי האָט זיך געלעגט און ווי זי איז אויפֿגעשטאַנען.

34. און עס איז געוועזען אויף צו מאָרגענס, האָט די עלטערע געזאָגט צו דער יונגערער: איך בין דאָך נעכטען געלעגען מיט אונזער פֿאָטער, לאָמיר איהם אָנטרינקען ווײַן אויך די נאַכט, און קום, ליעג מיט איהם, און לאָמיר לאָזען לעבען פֿון אונזער פֿאָטער אַ זאָמען.

35. האָבען זיי אויך אין יענער נאַכט אָנגעטרונקען זייער פֿאָטער ווײַן, איז געקומען די יונגערע און איז געלעגען מיט איהם, און ער האָט ניט געוואוסט, ווי זי האָט זיך געלעגט און ווי זי איז אויפֿגעשטאַנען.

36. און ביידע טעכטער פֿון לוט'ן זענען שוואַנגער געוואָרען פֿון זייער פֿאָטער.

37. און די עלטערע האָט געבאָרען אַ זוהן און זי האָט אָנגערופֿען זיין נאָמען: מוֹאָב, ער איז דער פֿאָטער פֿון מוֹאָב ביז היינט.

38. און די יונגערע האָט אויך געבאָרען אַ זוהן, און זי האָט אָנגערופֿען זיין נאָמען: בֶּן־עַמִּי, ער איז דער פֿאָטער פֿון די זיהן פֿון עַמּוֹן ביז היינט.

קאַפּיטעל 20.

1. און אברהם האָט פֿון דאָרט געצויגען אין לאַנד פֿון דָרוֹם, און האָט זיך בעזעצט צווישען קָדֵשׁ און צווישען שׁוּר און האָט געוואָהנט אין גְרָר.

2. און אברהם האָט געזאָגט וועגען זיין פֿרוי שרה: זי איז מיין שוועסטער. האָט אֲבִימֶלֶךְ, דער קעניג פֿון גְרָר געשיקט, און האָט גענומען שרה'ן.

3. איז גאָט געקומען צו אבימלך'ן בײַ נאַכט אין חָלוֹם און האָט צו איהם געזאָגט: דו וועסט שטאַרבען צוליעב דער פֿרוי,

וואָס דוּ האָסט גענוּמען, דען זיא איז אַ ווייב פוּן אַ מאַן .

4. נאָר אבימלך האָט זיך ניט צוגערירט צוּ איהר און האָט געזאָגט: העֶרר, צי דען וועסטוּ טוידטען אפילוּ אַ גערעכטיג פאָלק?

5. צי דען האָט ער מיר ניט געזאָגט: זיא איז מיין שוועסטער, און אויך זיא האָט מיר געזאָגט: ער איז מיין ברוּדער. מיט אַ עהרליך הארץ און מיט ריינע הענד האָב איך דאָס געטהוּן.

6. האָט גאָט צוּ איהם געזאָגט אין חלום: איך ווייס אויך, אַז דוּ האָסט דאָס געטהוּן מיט אַ עהרליך הארץ, און איך האָב דיך אָבגעהאַלטען פוּן צוּ זינדיגען קעגען מיר, און דעריבער האָב איך דיך ניט געלאָזט זיך צוּריהרען צוּ איהר.

7. און איצט גיעב אָב דעם מאַן דאָס ווייב, דען ער איז אַ נביא, און ער וועט בעטען פאַר דיר, וועסטוּ לעבען; און אויב דוּ וועסט ניט אָבגעבען, זאָי וויסען, דאָס דוּ וועסט שטאַרבען, דוּ און אַלץ וואָס דיין איז.

8. איז אֲבִימֶלֶךְ אויפגעשטאַנען גאַנץ פריה און האָט צונויפגערוּפען זיינע אַלע קנעכט, און האָט אין זייערע אויערען גערעדט די דאָזיגע אַלע ווערטער, האָבען די מענשען זעהר מורא געהאַט.

9. און אבימלך האָט גערוּפען אברהם'ן און האָט צוּ איהם געזאָגט: וואָס האָסטוּ אונז געטהוּן? און וואָס האָב איך קעגען דיר געזינדיגט, וואָס דוּ האָסט אויף מיר און אויף מיין קעניגרייך געבראַכט אַזאַ גרויסע זינד? זאַכען, וואָס זאָלען ניט געטהוּן ווערען, האָסטוּ מיט מיר געטהוּן.

10. און אבימלך האָט געזאָגט צוּ אברהם'ן: וואָס איז דיר איינגעפאַלען, דאָס דוּ האָסט געטהוּן די דאָזיגע זאַך?

11. האָט אברהם געזאָגט: וויל איך האָב געטראַכט: טאָמער איז קיין מורא פאַר גאָט נישטאָ אין דעם דאָזיגען אָרט, און זיי וועלען מיך טוידטען צוליעב מיין ווייב.

12. און דערצוּ איז זיא ווירקליך מיין שוועסטער, די טאָכטער פוּן מיין פאָטער איז זיא, נאָר ניט די טאָכטער פוּן מיין מוּטער און זיא איז געוואָרען מיין ווייב.

13. און עס איז געוועזען, ווען גאָט האָט מיך געהייסען אַרויסוואַנ־דער׳ן פון מיין פאָטערס הויז, האָב איך צו איהר געזאָגט: אַט דאָס איז דיין גנאָד, וואָס דו וועסט מיט מיר טהון: אין יעדען אָרט, וואוהין מיר וועלען קומען, זאָג וועגען מיר: ער איז מיין ברודער.

14. און אבימלך האָט גענומען שאָף און רינדער און קנעכט און דינסטען און האָט געגעבען אברהם׳ן, און ער האָט איהם אָפּ־געגעבען זיין ווייב שרה.

15. און אבימלך האָט געזאָגט: אַט איז מיין לאַנד פאַר דיר, וואו דיר געפעלט, זיץ.

16. און צו שרה׳ן האָט ער געזאָגט: אַט האָב איך גע־געבען דיין ברודער טויזענד זילבער־מטבעות, דאָס וועט דיר זיין אַ צודעק אויף די אויגען פאַר אַלע, וואָס מיט דיר, און פאַר אַלעמען, און דיין רעכט איז צוריקגעקעהרט.

17. און אברהם האָט געבעטען גאָט, און גאָט האָט אויס־געהיילט אבימלך׳ן און זיין ווייב און זיינע דינסטען, און זיי האָ־בען געבאָרען;

18. דען גאָט האָט פערשלאָסען אַלע מוטערס און אבימלך׳ס הויז צוליעב שרה׳ן, אברהם׳ס ווייב.

קאפיטעל 21.

1. און גאָט האָט אויפגערוכט שרה׳ן אַזוי ווי ער האָט גע־זאָגט, און ער האָט געטהון שרה׳ן, אַזוי ווי ער האָט גערעדט.

2. און שרה איז שוואַנגער געוואָרען און האָט אברהם׳ן געבאָרען אַ זוהן אויף זיין עלטער, צו דער צייט, וואָס גאָט האָט מיט איהם גערעדט.

3. און אברהם האָט אָנגערופען דעם נאָמען פון זיין זוהן, וואָס איז איהם געבאָרען געוואָרען, וואָס שרה האָט איהם גע־באָרען: יצחק.

4. און אברהם האָט בעשניטען זיין זוהן יִצְחָק, ווען ער איז אַלט געוועזען אַכט טאָג, אַזוי ווי גאָט האָט איהם געבאָטען.

5. און אברהם איז אַלט געוועזען הונדערט יאָהר, ווען זיין זוהן יִצחק איז איהם געבאָרען געוואָרען.

6. און שרה האָט געזאָגט: אַ געלעכטער האָט מיר גאָט געמאַכט; ווער עס וועט הערען וועט לאַכען פֿון מיר.

7. און זי האָט געזאָגט: ווער וואָלט געקאָנט אברהם'ן זאָגען: שרה וועט זויגען קינדער? דען איך האָב געבאָרען אַ זוהן אויף זיין עלטער.

8. און דאָס קינד איז געוואַקסען און מען האָט עס ענט-וועהנט. און אברהם האָט געמאַכט אַ גרויסען מאָהלצייט אין דעם טאָג, ווען יִצחק איז ענטוועהנט געוואָרען.

9. און שרה האָט געזעהן דעם זוהן פֿון הגר דער מִצְרִית, וואָס זי האָט אברהם'ן געבאָרען, דאָס ער איז אַ שפּאָטער,

10. האָט זי געזאָגט צו אברהם'ן: טרייב אַרויס די דאָזיגע דינסט און איהר זוהן, דען דער זוהן פֿון דער דאָזיגער דינסט וועט נישט יַרְשֶׁה'נען מיט מיין זוהן, מיט יִצְחָק'ן.

11. האָט די זאַך זעהר פֿערדראָסען אברהם'ן, פֿון זיין זוהן וועגען.

12. האָט גאָט געזאָגט צו אברהם'ן: זאָל דיך נישט פֿער-דריסען פֿון וועגען דאָס יונגעל און פֿון וועגען דיין דינסט; אַלץ, וואָס שרה וועט דיר זאָגען, פֿאָלג איהר שטימע, דען אין יִצחק'ן זאָל דיר אָנגערופֿען ווערען דער זאָמען.

13. און אויך פֿון דעם זוהן פֿון דער דינסט וועל איך מאַכען אַ פֿאָלק, דען ער איז דיין זאָמען.

14. און אברהם איז אויפֿגעשטאַנען גאַנץ פֿריה און האָט גע-נומען ברויט און אַ לאָגעל וואַסער, און האָט דאָס געגעבען הגר'ן, אַרויפֿגעלייגט דאָס אויף איהר אַקסעל, און אויך דאָס קינד, און האָט זי אַרויסגעשיקט. איז זי געגאַנגען און האָט געבלאָנדזשעט אין דער מדבר... דער ווּסטע פֿון בְּאֵר שֶׁבַע.

15. און דאס וואסער איז אויסגעגאנגען פון דעם לאגעל, האט זי אוועקגעווארפען דאס קינד אונטער א בוים.

16. און זי איז געגאנגען און האט זיך געזעצט קעגען איבער, וויט ווי דער שאס פון א בויגען, דען זי האט געזאגט: לאמיך נישט זעהן, ווי דאס קינד שטארבט. איז זי געזעסען קעגענאיבער, און האט אויפגעהויבען איהר שטימע און האט געוויינט.

17. האט גאט דערהערט די שטימע פון יונגעל. און א מלאך פון גאט האט גערופען צו הגר'ן פון הימעל און האט צו איהר געזאגט: וואס איז דיר, הגר? דו זאלסט נישט מורא האבען, דען גאט האט דערהערט די שטימע פון דעם יונגעל, וואו ער איז.

18. שטעה אויף, טראג דאס יונגעל און האלט איהם מיט דיין האנד, דען איך וועל פון איהם מאכען א גרויס פאלק.

19. און גאט האט אויפגעעפענט איהרע אויגען, און זי האט דערזעהן א ברונען מיט וואסער. איז זי געגאנגען און האט אנגעפילט דעם לאגעל מיט וואסער און האט אנגעטרונקען דאס יונגעל.

20. און גאט איז געוועזען מיט'ן יונגעל, און ער איז אויפגעוואקסען, און ער איז געזעסען אין דער וויסטע, און איז געוועזען א שיסער פון בויגען.

21. און ער איז געזעסען אין דער וויסטע פארן, און זיין מוטער האט פאר איהם גענומען א ווייב פון לאנד מצרים.

22. און עס איז געוועזען אין יענער צייט, האט אבימלך און פיכול, דער הויפטמאן פון זיין מיליטער, אזוי געזאגט צו אברהם'ן: גאט איז מיט דיר אין אלץ וואס דו טהוסט.

23. און איצט שווער מיר דא ביי גאט, דאס דו וועסט זיך נישט בעגעהן פאלש נישט מיט מיר, נישט מיט מיין זוהן און נישט מיט מיין אייניקעל; נאר אזוי ווי די גנאד, וואס איך האב געטהון מיט דיר, וועסטו טהון מיט מיר און מיט דעם לאנד, וואו דו וואהנסט.

24. האט אברהם געזאגט: איך וועל שווערען.

25. און אברהם האט אויסגערעדט אבימלך'ן וועגען דעם

בּרוּנעֶן וואַסעֶר, וואָס אבימלך'ס קנעֶכט האָבעֶן אַוועֶקגעֶגזלט.

26. האָט אבימלך געֶזאָגט: איך האָב נישט געֶוואוסט, ווער עֶס האָט געֶטהוּן די דאָזיגעֶ זאַך, אוּן דוּ האָסט עֶס מיר אויך נישט געֶזאָגט, אוּן איך האָב עֶס אויך נישט געֶהערט אויסעֶר היינט.

27. אוּן אברהם האָט געֶנוּמעֶן שאָף אוּן רינדער אוּן האָט געֶגעֶבעֶן אבימלך'ן, אוּן זיי האָבעֶן בּיידעֶ געֶשלאָסעֶן אַ בּוּנד.

28. אוּן אברהם האָט אַוועֶקגעֶשטעֶלט זיבעֶן לעֶמעֶלעך בּעֶזוּנדער.

29. האָט אבימלך געֶזאָגט צוּ אברהם'ן: וואָס בּעֶדייטעֶן די דאָזיגעֶ זיבעֶן לעֶמעֶלעך, וואָס דוּ האָסט געֶשטעֶלט בּעֶזוּנדער?

30. האָט ער געֶזאָגט: דאָס דוּ זאָלסט נעֶהמעֶן פוּן מיר זיבעֶן לעֶמעֶלעך, אוּם דאָס זאָל מיר זיין אַ עֵדוּת, דאָס איך האָב געֶגראָבעֶן דעֶם דאָזיגעֶן בּרוּנעֶן.

31. דעֶריבּער האָט מעֶן אָנגעֶרוּפעֶן יעֶנעֶם אָרט בְּאֵר־שֶׁבַע דעֶן דאָרט האָבעֶן זיי בּיידעֶ געֶשוואָרעֶן.

32. אוּן זיי האָבעֶן געֶשלאָסעֶן אַ בּוּנד אין בְּאֵר־שֶׁבַע. אוּן אֲבִימֶלֶךְ אוּן פִּיכֹל, דער הויפּטמאַן פוּן זיין מיליטער, זעֶנעֶן אויפגעֶשטאַנעֶן אוּן האָבעֶן צוּריקגעֶקעֶהרט אין לאַנד פוּן די פְּלִשְׁתִּים.

33. אוּן אברהם האָט געֶפלאַנצט אַ טאַמאַריס-בּוים אין בּאֵר־שבע, אוּן ער האָט דאָרט געֶרוּפעֶן אין נאָמעֶן פוּן גאָט דעֶם עֶבּיגעֶן גאָט.

34. אוּן אברהם האָט געֶוואָהנט אין'ם לאַנד פוּן די פלשתים אַ לאַנגעֶ צייט.

קאפיטעל 22.

1. אוּן עֶס איז געֶוועֶן נאָך די דאָזיגעֶ געֶשעֶהעֶנישעֶן, אוּן גאָט האָט געֶפּרוּבט אברהם'ן אוּן האָט געֶזאָגט צוּ איהם: אברהם! האָט ער געֶזאָגט: דאָ בּין איך.

2. האָט ער געֶזאָגט: נעֶהם דיין זוהן דיין איינציגעֶן, וואָס

דו האָסט ליעב, יִצְחָקן, און געה דיר אין לאַנד מוֹרִיָה, און אָפּפֿער איהם דאָרט פֿאַר אַ עוֹלָה אויף איינעם פֿון די בערג, וואָס איך וועל דיר זאָגען.

3. איז אברהם אויפֿגעשטאַנען גאַנץ פֿריה, און האָט אָנגעגורט זיין אייזעל, און האָט גענומען זיינע צוויי יונגען מיט זיך און זיין זוהן יצחק, און ער האָט געשפּאָלטען האָלץ צו דער עוֹלָה, און ער איז אויפֿגעשטאַנען און איז געגאַנגען צו דעם אָרט, וואָס גאָט האָט איהם געזאָגט.

4. דעם דריטען טאָג האָט אברהם אויפֿגעהויבען זיינע אויגען און האָט דערזעהן דעם אָרט פֿון דער וויטען.

5. האָט אברהם געזאָגט צו זיינע יונגען: זיצט אייך דאָ מיט'ן אייזעל, און איך און דאָס יונגעל וועלען מיר געהן ביז אַהינצו, און מיר וועלען זיך בוקען, און מיר וועלען צוריקקעהרען צו אייך.

6. און אברהם האָט גענומען דאָס האָלץ צו דער עוֹלָה און האָט עס אַרויפֿגעלעגט אויף זיין זוהן יצחק, און אין זיין האַנד האָט ער גענומען דאָס פֿייער און דעם מעסער, און זיי זענען ביידע געגאַנגען צוזאַמען.

7. האָט יצחק גערעדט צו זיין פֿאָטער אברהם און האָט געזאָגט: פֿאָטער! האָט ער געענטפֿערט: דאָ בין איך, מיין זוהן! האָט ער געזאָגט: אָט איז דאָס פֿייער און דאָס האָלץ, און וואו איז דאָס שאָף פֿאַר אַ עולה?

8. האָט אברהם געזאָגט: גאָט וועט שוין זעהן זיך שאַפֿען אַ שאָף פֿאַר אַ עולה, מיין זוהן! און זיי זענען ביידע געגאַנגען צוזאַמען.

9. און זיי זענען געקומען צו'ם אָרט, וואָס גאָט האָט צו איהם געזאָגט, און אברהם האָט דאָרט געבויט דעם מִזְבֵּחַ, און האָט אויסגעלעגט דאָס האָלץ, און האָט געבונדען זיין זוהן יצחק, און האָט איהם אַרויפֿגעלעגט אויפ'ן מזבח, אויף דאָס האָלץ.

10. און אברהם האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנד און האָט גענומען דעם מעסער צו שעכטען זיין זוהן.

LIBRARY OF THE
BUREAU OF JEWISH EDUCATION
CLEVELAND, OHIO

11. האָט צוּ אִיהם אַ מַלְאַךְ פֿוּן גאָט גערוּפֿען פֿוּן הִימעל, און האָט געזאָגט: אברהם, אברהם! האָט ער געזאָגט: דאָ בִּין אִיךְ.

12. האָט ער געזאָגט: דוּ זאָלסט נִישט אויסשטרעקען דייַן האַנד צוּ'ם יוּנגעל און דוּ זאָלסט אִיהם גאָרנִישט טהוּן, דען אִיצט ווייס אִיךְ, דאָס דוּ בִּיזט אַ גאָטס־פֿורכטִיגער, און דוּ האָסט נִישט געשוינט צוּלִיעב מִיר דייַן זוּהן, דייַן אֵיינצִיגען.

13. האָט אַברהם אויפֿגעהויבען זייַנע אויגען און האָט געזעהן הִינטער זִיךְ אַ באַראַן הענגענדִיג מִיט זייַנע הערנער צווִישען דִי צווייַגען. אִיז אברהם געגאַנגען און האָט גענוּמען דעם באַראַן און האָט אִיהם געאָפּפֿערט פֿאַר אַ עולה אַנשטאָט זייַן זוּהן.

14. און אברהם האָט אָנגערוּפֿען דעם נאָמען פֿוּן יענעם אָרט: גאָט וועט זעהן, דערִיבער זאָגט מען נאָךְ הייַנט: אִין דעם באַרג, וואוּ גאָט בעווייַזט זִיךְ.

15. און אַ מלאַךְ פֿוּן גאָט האָט גערוּפֿען אברהם'ן צוּ'ם צווייטען מאָל פֿוּן הִימעל,

16. און האָט געזאָגט: אִיךְ שווער מִיט זִיךְ, האָט גאָט געזאָגט, דאָס ווייַל דוּ האָסט געטהוּן דִי דאָזִיגע זאַךְ, און האָסט נִישט געשוינט דייַן זוּהן, דייַן אֵיינצִיגען,

17. דערִיבער וועל אִיךְ דִיךְ בענשען, און אִיךְ וועל פִֿיעל פֿערמעהרען דייַנע קִינדער, אַזוֹי ווִי דער זאַמד, וואָס אויפֿ'ן ברעג יַם, און דייַנע קִינדער וועלען בעזִיצען דעם טויער פֿוּן זייערע פֿייַנד;

18. און עס וועלען זִיךְ בענשען מִיט דייַנע קִינדער אַלע פֿעלקער פֿוּן דער ערד, דערפֿאַר, וואָס דוּ האָסט געפֿאָלגט מייַן שטִימע.

19. און אברהם האָט צוּרִיקגעקעהרט צוּ זייַנע יוּנגען, און זיי זענען אויפֿגעשטאַנען און געגאַנגען צוּזאַמען קִיין בְּאֵר־שֶׁבַע, און אברהם האָט געוואָהנט אִין בּאֵר־שבע.

20. און עס אִיז געווען נאָךְ דִי דאָזִיגע געשעהנִישען, האָט מען אברהם'ן אַזוֹי אָנגעזאָגט: אָט האָט מִלְכָּה אויךְ געבאָרען קִינדער פֿוּן דייַן ברוּדער נָחוֹר:

21. זיין עלטסטען עוץ, און זיין ברודער בוז און קְמוּאֵל'ן, דעם פאָטער פון אֲרָם,
22. און כֶּשֶׂד'ן און חֲזוֹ'ן און פִּלְדָּשׁ'ן און יִדְלָף'ן און בְּתוּאֵל'ן.
23. און בְּתוּאֵל האָט געבאָרען רבקה'ן. די דאָזיגע אַכט האָט מִלְכָּה געבאָרען נָחוֹר'ן, אברהם'ס ברודער.
24. און זיין קעבס־ווייב, וואָס איהר נאָמען איז געוועזען רְאוּמָה, האָט איהם אויך געבאָרען: טֶבַח'ן און גַּחַם'ן און תַּחַשׁ'ן און מַעֲכָה'ן

פינפטע סדרה: חַיֵּי שָׂרָה.

קאפיטעל 23.

1. און עס איז געוועזען דאָס לעבען פון שרה: הונדערט יאָהר און צוואַנציג יאָהר און זיעבען יאָהר, די יאָהרען פון שרה'ס לעבען.
2. און שרה איז געשטאָרבען און קִרְיַת־אַרְבַּע, דאָס איז חֶבְרוֹן, און לאַנד כְּנַעַן; און אברהם איז געקומען בעקלאָגען שרה'ן און בעוויינען זי.
3. און אברהם איז אויפגעשטאַנען פון זיין מֵת און האָט אַזוי גערעדט צו די זיהן פון חֵת:
4. אי אַ פרעמדער אי אַ איינוואָהנער בין איך דאָ ביי אייך; גיעט מיר אַ איינענעם בעגרעבניש־אָרט צווישען אייך, און איך וועל בעגראָבען מיין מֵת, וואָס ליעגט פאַר מיר.
5. האָבען די זיהן פון חֵת געענטפערט אברהם'ן און האָבען צו איהם אַזוי געזאָגט:
6. הער אונז אוים, אונזער הערר, דו ביזט אַ פירשט פון גאָט צווישען אונז; און די בעסטע פון אונזערע קְבָרִים בעגראָב דיין מת, קיין מענש פון אונז זאָל דיר ניעשט ענטזאָגען זיין קֶבֶר צו בע־גראָבען און איהם דיין מת.

7. אִיז אברהם אויפגעשטאַנען און האָט זיך געבוקט פאַר דאָס פאָלק פון לאַנד, פאַר די זיהן פון חֵת,

8. און האָט מיט זיי אַזוי גערעדט: אויב איהר ווילט בע־גראָבען מיין מֵת, וואָס ליעגט פאַר מיר, אַזוי פאָלגט מיך און בעט פאַר מיר ביי עֶפְרוֹן דעם זוהן פון צוֹחַר,

9. דאָס ער זאָל מיר געבען זיין דאָפּעלטע הויהל (מְעָרַת־הַמַּכְפֵּלָה), וואָס ער האָט אין עק פון זיין פעלד, פאַר גוט געלד זאָל ער עס מיר געבען צווישען אייך פאַר אַנ'אייגען בעגרעבניש־אָרט.

10. און עֶפרוֹן איז געזעסען צווישען די זיהן פון חת; האָט עֶפרוֹן דער חת'ער געענטפערט אברהם'ן, ווען עס האָבען געהערט די זיהן פון חת און אַלע, וואָס קומען אריין אין טויער פון זיין שטאָדט, און האָט אַזוי געזאָגט:

11. ניין, מיין העֶרר, פאָלג מיך: דאָס פעלד גיעב איך דיר אַוועק, און די הויהל, וואָס אין פעלד, גיעב איך דיר אַוועק, אין די אויגען פון די זיהן פון מיין פאָלק גיעב איך עס דיר, בע־גראָב דיין מת.

12. האָט זיך אברהם געבוקט פאַר דאָס פאָלק פון לאַנד,

13. און האָט אַזוי גערעדט צו עֶפרוֹן, ווען דאָס פאָלק פון לאַנד האָט געהערט: נאָר ווען דו וואָלסט מיך געפאָלגט, גיעב איך דיר דאָס געלד פאַר דאָס פעלד, נעהם עס פון מיר, וועל איך דאָרט בעגראָבען מיין מת.

14. האָט עֶפרוֹן געענטפערט אברהם'ן און האָט צו איהם אַזוי געזאָגט:

15. מיין העֶרר, פאָלג מיך, אַ ערד פון פיער הונדערט זילבער־שְׁקָלִים, וואָס האָט דאָס פאַר אַ ווערט צווישען מיר און צווישען דיר; און דיין מת בעגראָב.

16. האָט אברהם געפאָלגט עֶפרוֹנ'ען, און אברהם האָט אָב־געוועגט עֶפרוֹנ'ען דאָס געלד, וואָס ער האָט גערעדט ווען עס האָבען געהערט די זיהן פון חת, פיער הונדערט זילבער־שְׁקָלִים, גאַנגבאַרע צווישען סוֹחֲרִים.

17. און דאָס פֿעלד פֿון עֶפֿרון, וואָס בײַ דער דאָפּעלטער הויהל, וואָס פֿאַר מַמְרֵא, דאָס פֿעלד און די הויהל, וואָס אין איהם, און אַלע בוימער, וואָס אין פֿעלד אין דעם גאַנצען גרענעץ אַרום און אַרום,

18. איז געוואָרען אברהם׳ס געקויפֿטע אייגענטום, אין די אויגען פֿון די זיהן פֿון חֵת און פֿון אַלע, וואָס קומען אַרײַן אין דעם טויער פֿון זײַן שטאָדט.

19. און דערנאָך האָט אברהם בעגראָבען זײַן ווײַב שרה אין דער מְעָרַת הַמַּכְפֵּלָה, וואָס בײַ׳ם פֿעלד קעגען ממרא, דאָס איז חברון אין לאַנד כנען.

20. און דאָס פֿעלד און די הויהל, וואָס אין איהם, איז געוואָרען אברהם׳ס אייגענעס בעגרעבניש־אָרט, וואָס ער האָט בעקומען פֿון די זיהן פֿון חת.

קאַפּיטעל 24.

1. און אברהם איז געוואָרען אַלט און בעיאָהרט, און גאָט האָט געבענשט אברהם׳ן מיט אַלץ.

2. האָט אברהם געזאָגט צו זײַן קנעכט, דעם עלטסטען אין זײַן הויז, וואָס האָט צו שאַפֿען איבער אַלץ, וואָס ער האָט געהאַט: לעג אַרונטער דײַן האַנד אונטער מײַן זײַט,

3. און איך וועל דיך בעשווערען מיט גאָט, דעם גאָט פֿון הימעל און דעם גאָט פֿון דער ערד, דאָס דו זאָלסט נישט נעהמען קיין ווײַב פֿאַר מײַן זוהן פֿון די טעכטער פֿון די כְּנַעֲנִים, וואָס איך זיץ צווישען זיי;

4. נאָר אין מײַן לאַנד און אין מײַן געבורטס־אָרט זאָלסט נעהן, און זאָלסט (דאָרט) נעהמען אַ ווײַב פֿאַר מײַן זוהן, פֿאַר יִצחק׳ן.

5. האָט דער קנעכט צו איהם געזאָגט: אפשר וועט דאָס ווײַב נישט וועלען געהן מיט מיר אין דאָס דאָזיגע לאַנד; צו זאָל איך דאַן צוריקפֿיהרען דײַן זוהן אין דאָס לאַנד, וואָס דו ביזט פֿון דאָרט אַרויסגעגאַנגען?

6. האָט אברהם צו איהם געזאָגט : היט זיך , דאָס דו זאָלסט מיין זוהן אַהין נישט צוריקפֿיהרען .

7. גאָט , דער גאָט פֿון הימעל , וואָס האָט מיך אַרויסגענומען פֿון מיין פֿאָטער'ס הויז און פֿון מיין געבורטס-לאַנד , און וואָס האָט מיט מיר גערעדט און האָט מיר געשוואָרען און געזאָגט : דיינע קינדער וועל איך געבען דאָס דאָזיגע לאַנד , — ער וועט שיקען זיין מַלְאַךְ פֿאַר דיר , און דו וועסט נעהמען אַ ווייב פֿאַר מיין זוהן פֿון דאָרטען .

8. און אויב דאָס ווייב וועט נישט וועלען געהן מיט דיר , ביזטו ריין פֿון דער דאָזיגער שְׁבוּעָה מיינער , נאָר מיין זוהן זאָלסטו אַהין נישט צוריקפֿיהרען .

9. האָט דער קנעכט אונטערגעלעגט זיין האַנד אונטער דער זייט פֿון זיין העררן אברהם , און האָט איהם געשוואָרען וועגען דער דאָזיגער זאַך .

10. און דער קנעכט האָט גענומען צעהן קעמלען פֿון זיין העררנ'ס קעמלען , און ער איז געגאַנגען , און דאָס גאַנצע פֿערמעגען פֿון זיין העררן איז געוועזען אין זיין האַנד . און ער איז אויפֿגעשטאַנען און איז געגאַנגען קיין אֲרַם נַהֲרַיִם , אין די שטאָדט פֿון נָחוֹר .

11. און ער האָט געלאָזט קניהען די קעמלען הינטער דער שטאָדט , ביי אַ ברונען וואַסער , פֿאַרנאַכטס-צייט , ווען די שעפּערינס קומען אַרויס ,

12. און ער האָט געזאָגט : גאָט , דער גאָט פֿון מיין העררן אברהם ! מאַך מיך בעגליקען היינטיגען טאָג און טהו אַ גנאָד מיט מיין העררן אברהם ;

13. אָט שטעה איך ביי'ם קוואַל וואַסער , און די טעכטער פֿון די שטאָדט-לייט קומען אַרויס שעפּען וואַסער .

14. און עס וועט זיין , אַז דאָס מעדעל , וואָס איך וועל צו איהר זאָגען : ביג אָן דיין קרוג , וועל איך טרינקען , וועט זי זאָגען : טרינק און אויך דיינע קעמלען וועל איך אָנטרינקען , — איז זי דאָס , וואָס דו האָסט בעשערט פֿאַר דיין קנעכט פֿאַר יִצְחָק'ן .

און דורך איהר וועל איך וויסען, דאָס דו האָסט געטהון אַ גנאָד מיט מיין העררן.

15. און עס איז געוועזען נאָך איידער ער האָט געענדיגט רעדען, און עס קומט אַרויס רִבְקָה, וואָס איז געבאָרען געוואָרען ביי בְּתוּאֵל׳ן, דעם זוהן פון מִלְכָּה, דאָס וויב פון נָחוֹר, אברהם׳ס ברודער, און איהר קרוג אויף איהר אַקסעל.

16. און דאָס מעדעל איז געוועזען זעהר שען פון געשטאַלט, אַ יונג-פרוי, וואָס קיין מאַן האָט זי נאָך נישט דערקענט; און זי איז אַראָבגעגאַנגען צו׳ם קוואַל און האָט אָנגעפילט איהר קרוג און איז אַרויפגעגאַנגען.

17. איז דער קנעכט געלאָפען איהר אַ קעגען און האָט געזאָגט: לאָז מיך אַ טרונק טהון אַ ביסעל וואַסער פון דיין קרוג.

18. האָט זי געזאָגט: טרינק, מיין הערר. און זי האָט געאיילט און האָט אַראָבגעלאָזט איהר קרוג אויף איהר האַנד, און האָט איהם אָנגעטרונקען.

19. און ווי זי האָט געענדיגט איהם אָנטרינקען, האָט זי געזאָגט: אויך פאַר דיינע קעמלען וועל איך אָנשעפּען, ביז זיי וועלען ענדיגען טרינקען.

20. און זי האָט געאיילט און האָט אויסגעלעערט איהר קרוג אין דער טרינק-קאָריטע, און איז ווידער געלאָפען צו׳ם ברונען אָנצושעפען, און האָט אָנגעשעפּט פאַר זיינע אַלע קעמלען.

21. און דער מאַן קוקט אויף איהר ערשטוינט, שווייגט און קלערט נאָך, צי האָט גאָט בעגליקט זיין וועג אָדער ניין?

22. און עס איז געוועזען, ווען די קעמלען האָבען געענדיגט טרינקען, האָט דער מאַן גענומען אַ גאָלדענעם נאָז-באַנד, וואָס זיין וואָג איז געוועזען אַ האַלבער שֶׁקֶל, און צוויי אָרעם-בענדער אויף איהרע הענד, וואָס זייער וואָג איז געוועזען צעהן גאָלד-רענדלעך,

23. און האָט געזאָגט: וועמענס טאָכטער ביזטו? זאָג מיר, צי איז פערהאַן אין דיין פאָטערס הויז פאַר אונז אַ אָרט צו בעכטיגען?

24. האָט זי געזאָגט צו איהם: איך בין די טאָכטער פון בְּתוּאֵל, דעם זוהן פון מִלְכָּה, וואָס זי האָט געבאָרען נחור׳ן.

25. און זי האָט געזאָגט צו איהם: אויך שטרוי און פַּאשע האָבען מיר גענוג, און אויך אַ אָרט צו נעכטיגען.

26. האָט דער מאַן געקניעט און זיך געבוקט צו גאָט,

27. און האָט געזאָגט: געבענשט איז גאָט, דער גאָט פון מיין הערין אברהם, וואָס האָט נישט פערלאָזען זיין גנאָד און זיין טריַיהייט פון מיין הערין. איך בין אויף דעם וועג, וואָס גאָט האָט מיך געפיהרט צו׳ם הויז פון מיין הערינס ברודער.

28. און דאָס מעדעל איז געלאָפען און האָט אָנגעזאָגט און איהר מוטערס הויז די דאָזיגע ווערטער.

29. און רִבְקָה האָט געהאַט אַ ברודער, און זיין נאָמען איז געוועזען לָבָן: איז לבן געלאָפען צו דעם מאַן אויף דרויסען צו׳ם קוואַל.

30. און ווי ער האָט דערזעהן דעם נאָז-באַנד און די אָרעם-בענדער אויף זיין שוועסטערס הענד, און ווי ער האָט געהערט די רעד פון זיין שוועסטער רבקה, וואָס האָט געזאָגט: אַזוי און אַזוי האָט צו מיר דער מאַן גערעדט, — איז ער געקומען צו דעם מאַן, און ער איז נאָך געשטאַנען נעבען די קעמלען ביי׳ם קוואַל,

31. און האָט געזאָגט: קום, געבענשטער פון גאָט! פאַר וואָס שטעהסטו אין דרויסען, איך האָב דאָך שוין אויפגערוימט דאָס הויז און געמאַכט אַ אָרט פאַר די קעמלען.

32. איז דער מאַן געקומען אין הויז, און האָט אויפגעצוימט די קעמלען, און האָט געגעבען שטרוי און פַּאשע פאַר די קעמלען, און וואַסער, צו וואַשען זיינע פיס, און די פיס פון די מענשען, וואָס מיט איהם.

33. און מען האָט געלעגט פאַר איהם צו׳ם עסען, האָט ער געזאָגט: איך וועל נישט עסען, ביז איך וועל רעדען מיינע ווערטער. האָט ער געזאָגט: רעד.

34. האָט ער געזאָגט: איך בין אברהם׳ס קנעכט.

35. און גאָט האָט מיין הערין זעהר געבענשט, און ער איז

גרוים געוואָרען, און ער האָט איהם געגעבען שאָף און רינדער און זילבער און גאָלד און קנעכט און דינסטען און קעמלען און אייזלען.

36. און שרה, מיין הערנס ווייב, האָט מיין הערן געבאָרען א זוהן אויף איהר עלטער, האָט ער איהם אוועקגעגעבען אלין, וואס ער האָט.

37. און מיין הערר האָט מיך אזוי בעשוואָרען: זאָלסט נישט נעהמען קיין ווייב פאר מיין זוהן פון די כנענים, וואס איך זיץ אין זייער לאנד;

38. נאָר סיידען דו זאָלסט געהן אין מיין הויז פון מיין פאָטער און צו מיין פאמיליע, און דו זאָלסט נעהמען א ווייב פאר מיין זוהן.

39. האָב איך געזאָגט צו מיין העררן: אפשר וועט דאָס ווייב נישט געהן מיט מיר?

40. האָט ער צו מיר געזאָגט: דער גאָט, וואס איך בין פאר איהם געגאנגען, וועט שיקען זיין מלאך מיט דיר, און ער וועט בעגליקען דיין וועג, און דו וועסט נעהמען א ווייב פאר מיין זוהן פון מיין פאמיליע און פון מיין פאָטערס הויז.

41. דעמאָלט וועסטו ריין ווערען פון מיין שבועה, ווען דו וועסט קומען צו מיין פאמיליע, און אויב זיי וועלען דיר נישט געבען, וועסטו ריין זיין פון מיין שבועה.

42. בין איך היינט געקומען צו׳ם קוואל און האָב געזאָגט: גאָט, דער גאָט פון מיין הערן אברהם! אויב דו ווילסט בעגליקען מיין וועג, וואס איך געה אויף איהם,

43. איז אָט שטעה איך ביי׳ם קוואל וואסער, און אויב די יונג-פרוי, וואס וועט ארויסגעהן שעפען וואסער, און איך וועל איהר זאָגען: טרינק מיך אן אביסעל וואסער פון דיין קרוג,

44. וועט זי זאָגען: טרינק אויך דו, און אויך פאר דיינע קעמלען וועל איך אָנשעפען, — איז זי דאָס ווייב, וואס גאָט האָט בעשערט פאר מיין הערר׳ס זוהן.

45. אִידער אִיך ענדיג נאָך רעדען צוּ מײַן הארצען, אוּן עֶס קוּמט אַרוֹיס רִבְקָה, אוּן אִיהר קרוּג אוֹיף אִיהר אַקסעל, אוּן זִי אִיז אַראָבגעגאַנגען צוּ׳ם קוואַל אוּן האָט אָנגעשעפּט. האָב אִיך צוּ אִיהר געזאָגט: טרִינק מִיך אָן.

46. האָט זִי געאײַלט אוּן האָט אַראָבגעלאָזט דעם קרוּג פוּן זִיך אוּן האָט געזאָגט: טרִינק אוּן אוֹיך דײַנע קעמלען וועל אִיך אָנטרִינקען. האָט אִיך געטרוּנקען, אוּן אוֹיך דִי קעמלען האָט זִי אָנגעטרוּנקען.

47. האָב אִיך זִי געפרעגט אוּן האָב געזאָגט: וועמענס טאָכטער בִּיזטוּ? האָט זִי געזאָגט: דִי טאָכטער פוּן בְּתוּאֵל, דעם זוּהן פוּן נָחוֹר, וואָס מִלְכָּה האָט אִיהם געבאָרען. האָב אִיך אַרוֹיפגעזעצט דער נאָז-באַנד אוֹיף אִיהר נאָז אוּן דִי אָרעם-בענדער אוֹיף אִיהרע הענד.

48. אוּן אִיך האָב געקנִיעט אוּן זִיך געבוּקט צוּ גאָט אוּן געבענשט גאָט, דעם גאָט פוּן מײַן העררן אברהם, וואָס האָט מִיך געפִיהרט אִין דעם רִיכטִיגען וועג, צוּ נעהמען דִי טאָכטער פוּן מײַן העררנ׳ס בּרוּדער פאַר זײַן זוּהן.

49. אוּן אִיצט, אוֹיב אִיהר ווִילט טהוּן גנאָד אוּן טרײַהײַט מִיט מײַן העררן, זאָגט מִיר, אוּן אוֹיב נִישט, זאָגט מִיר, וועל אִיך מִיר ווענדען אוֹיף רעכטס אָדער אוֹיף לִינקס.

50. האָבען לבן אוּן בתוּאֵל געענטפערט אוּן געזאָגט: פוּן גאָט אִיז דִי זאַך אַרוֹיסגעקוּמען, מִיר קאָנען דִיר נִישט רעדען שלעכטס אָדער גוּטס.

51. אָט אִיז רבקה פאַר דִיר, נעהם אוּן געה, אוּן זאָל זִי זײַן אַ ווײַב פאַר דײַן העררנ׳ס זוּהן, אַזוֹי ווִי גאָט האָט גערעדט.

52. אוּן ווִי אברהם׳ס קנעכט האָט געהערט זײערע רײד, האָט ער זִיך געבוּקט בִּיז צוּ דער ערד צוּ גאָט.

53. אוּן דער קנעכט האָט אַרוֹיסגענוּמען גאָלדענע זאַכען אוּן זִילבערנע זאַכען אוּן קלײדער אוּן האָט געגעבען רבקה׳ן, אוּן טײַערע זאַכען האָט ער געגעבען אִיהר בּרוּדער אוּן אִיהר מוּטער.

54. און זיי האָבען געגעסען און געטרונקען , ער און די מענשען , וואָס מיט איהם , און זיי האָבען גענעכטיגט , און זענען אויפגעשטאַנען און דער פריה , און ער האָט געזאָגט : שיקט מיך אָב צו מיין הערן .

55. האָט איהר ברודער און איהר מוטער געזאָגט : זאָל דאָס מעדעל נאָך זיצען מיט אונז אַ יאָהר אָדער צעהן מאָנאַטען , דערנאָך וועסטו געהן .

56. האָט ער געזאָגט צו זיי : האַלט מיך נישט אָב , ווי באַלד גאָט האָט בעגליקט מיין וועג ; שיקט מיך אָב , וועל איך געהן צו מיין הערן .

57. האָבען זיי געזאָגט : לאָ'מיר רופען דאָס מעדעל און זי פרעגען .

58. האָבען זיי גערופען רבקה'ן און האָבען געזאָגט צו איהר : צי וועסטו געהן מיט דעם דאָזיגען מאַן . האָט זי געזאָגט : איך וועל געהן .

59. האָבען זיי אַרויסגעשיקט זייער שוועסטער רבקה און איהר אַם , און אברהם'ס קנעכט און זיינע מענשען ,

60. און האָבען געבענשט רבקה'ן און האָבען געזאָגט צו איהר : אונזער שוועסטער ביזט ; עס זאָל פון דיר ווערען צעהנדליגער טויזענד , און דיינע קינדער זאָלען בעזיצען דעם טויער פון זייערע פיינד .

61. און רבקה איז אויפגעשטאַנען מיט איהרע מעדליך און זיי האָבען געריטען אויף קעמלען און זענען מיטגעגאַנגען מיט דעם מאַן . און דער קנעכט האָט גענומען רבקה'ן און איז אַוועקגעגאַנגען .

62. און יצחק איז אָנגעקומען פון בְּאֵר לַחַי רוֹאִי , דען ער האָט געוואָהנט אין דרום־לאַנד .

63. איז יצחק אַרויסגעגאַנגען שפּאַצירען אין פעלד פאַר־נאַכט־צייט ; האָט ער אויפגעהויבען זיינע אויגען און האָט געזעהן , ווי קעמלען קומען אָן .

64. און רבקה האָט אויפגעהויבען איהרע אויגען און האָט דערזעהן יצחק'ן , האָט זי זיך אַראָבגעלאָזט פון דעם קעמעל .

65. און האָט געזאָגט צו'ם קנעכט: ווער איז דער דאָזיגער מאַן, וואָס געהט אונז אַ קעגען אין פֿעלד? האָט דער קנעכט געזאָגט: דאָס איז מיין העררֿ. האָט זי גענומען דעם שלייער און זיך פֿערדעקט.

66. און דער קנעכט האָט דערצעהלט יצחק'ן די אַלע זאַכען, וואָס ער האָט געטהון.

67. האָט יצחק זי געבראַכט אין געצעהלט פֿון זיין מוטער שרה, און ער האָט גענומען רבקה'ן, און זי איז געוואָרען זיין ווייב, און ער האָט זי ליעב געהאַט, און יצחק האָט זיך געטרייסט נאָך זיין מוטער.

קאַפּיטעל 25.

1. און אברהם האָט ווידער גענומען אַ ווייב, און איהר נאָמען איז געווען קְטוּרָה.

2. און זי האָט איהם געבאָרען די זיהן: זִמְרָן און יָקְשָׁן און מְדָן און מִדְיָן און יִשְׁבָּק און שׁוּחַ.

3. און יָקְשָׁן האָט געבאָרען די זיהן: שְׁבָא און דְּדָן. און די זיהן פֿון דְּדָן זיינען געווען די אַשּׁוּרִים און די לְטוּשִׁים און די לְאֻמִּים.

4. און די זיהן פֿון מִדְיָן: עֵיפָה און עֵפֶר און חֲנוֹךְ און אֲבִידָע און אֶלְדָּעָה. די אַלע זיינען די זיהן פֿון קְטוּרָה.

5. און אברהם האָט אָבגעגעבען אַלין, וואָס ער האָט געהאַט, יִצְחָק'ן.

6. און די זיהן פֿון די קעבס-ווייבער, וואָס אברהם האָט געהאַט, האָט אברהם געגעבען מַתָּנוֹת, און ער האָט זיי אַוועקגעשיקט פֿון זיין זוהן יִצְחָק, נאָך ביי זיין לעבען, אויף מִזְרָח־זייט, אין מזרח-לאַנד.

7. און דאָס איז די צייט פֿון אברהם'ס לעבען, וואָס ער האָט געלעבט: הונדערט יאָהר און זיעבציג יאָהר און פֿינף יאָהר.

8. און אברהם איז אויסגעגאַנגען און איז געשטאָרבען אין אַ גוטער עלטער, אַלט און זאַט מיט יאָהרען, און ער איז צוגעהעפּט געוואָרען צו זיין פאָלק.

9. און זיינע זיהן יצחק און ישמעאל האָבען איהם בע־גראָבען אין דער מְעָרַת הַמַּכְפֵּלָה, ביי'ם פעלד פון עֶפְרוֹן, דעם זוהן פון צוֹחַר דעם חת'ער, וואָס פאַר מַמְרֵא;

10. דאָס פעלד, וואָס אברהם האָט געקויפט פון די זיהן פון חֵת; דאָרט זענען בעגראָבען געוואָרען אברהם און זיין ווייב שרה.

11. און עס איז געווען נאָך אברהם'ס טוידט, גאָט האָט געבענשט זיין זוהן יצחק, און יצחק האָט זיך בעזעצט ביי בְּאֵר לַחַי רוֹאִי.

12. און דאָס איז דאָס געשלעכט פון ישמעאל, אברהם'ס זוהן, וואָס הָגָר די מִצְרִית, שרה'ס דיענסט, האָט געבאָרען פון אברהם'ן.

13. און דאָס זענען די נעמען פון ישמעאל'ס זיהן מיט די נעמען פון זייערע געשלעכטער: ישמעאל'ס בְּכוֹר איז געווען נְבָיוֹת, און קֵדָר און אַדְבְּאֵל און מִבְשָׂם.

14. און מִשְׁמָע און דוּמָה און מַשָּׂא.

15. חֲדַד און תֵּימָא, יְטוּר, נָפִישׁ און קֵדְמָה.

16. דאָס זענען ישמעאל'ס זיהן, און דאָס זענען זייערע נעמען אין זייערע הויפען און אין זייערע וואָהנ־ערטער, צוועלף פירשטען איבער זייערע פעלקער.

17. און דאָס זענען די יאָהרען פון ישמעאל'ס לעבען: הונדערט יאָהר און דרייסיג יאָהר און זיעבען יאָהר, און ער איז אויסגעגאַנגען און איז געשטאָרבען און צוגעהעפּט געוואָרען צו זיין פאָלק.

18. און זיי האָבען גערוהט פון חֲוִילָה ביז שוּר, וואָס פאַר מִצְרַיִם, און ביז מען קומט קיין אַשּׁוּר. זיי האָבען זיך בעזעצט פאַר דעם אַנגעזיכט פון זייערע אַלע ברידער.

זעקסטע סֶדְרָה: תּוֹלְדוֹת.

19. און דאָס איז דאָס געשלעכט פון יִצחק, אברהם'ס זוהן: אברהם האָט געמאַכט געבאָרען יִצחק'ן.

20. און יִצחק איז אַלט געוועזען פֿירציג יאָהר, ווען ער האָט גענומען פאַר אַ ווייב רבקה'ן, די טאָכטער פון בְּתוּאֵל דעם אֲרַמִי פון פַּדַן אֲרָם, די שוועסטער פון לָבָן דעם אֲרַמִי.

21. האָט יִצחק געבעטען גאָט פון וועגען זיין ווייב, דען זי איז געוועזען אַ עֲקָרָה, האָט איהם גאָט דערהערט, און זיין ווייב רבקה איז שוואַנגער געוואָרען.

22. און עס האָבען זיך געשטויסען די קינדער אין איהר לייב, האָט זי געזאָגט: אויב אַזוי, טאָ צו וואָס דאַרף איך דאָס? און זי איז געגאַנגען זיך נאָכפרעגען ביי גאָט.

23. האָט גאָט צו איהר געזאָגט: צוויי שטאַמען זענען אין דיין בויך און צוויי פעלקער וועלען זיך פאַנאַנדערשיידען פון דיינע אינגעווייַדע, און איין פאָלק וועט זיין שטאַרקער פון אַנדערען, און דער עלטערער וועט דינען דעם יונגער'ן.

24. און עס איז אָנגעקומען איהר צייט צו געבוירען, און אָט איז אַ צווילינג אין איהר בויך.

25. איז אַרויסגעגאַנגען דער ערשטער אַ רויטער, אינגאַנצען ווי אַ האָריגע קלייד, האָט מען אָנגערופען זיין נאָמען: עֵשָׂו.

26. און דערנאָך איז אַרויס זיין ברודער, און זיין האַנד האָט געהאַלטען עֵשָׂו'ס פּערזע, האָט מען אָנגערופען זיין נאָמען יַעֲקֹב. און יִצחק איז אַלט געוועזען זעכציג יאָהר, ווען זיי זענען געבאָרען געוואָרען.

27. און ווען די יונגלעך זענען אויפגעוואַקסען, איז עשו געוואָרען אַ יעגער, אַ פעלד-מענש, און יעקב – אַ פרומער מאַן, וואָס זיצט אין געצעלטען.

28. האָט יִצחק ליעב געהאַט עשו'ן, דען ער האָט איהם

געבראַכט צו עסען פֿון זיין יאַגד , און רבקה האָט ליעב געהאַט יעקב'ן .

29. און יעקב האָט געקאָכט אַ געקעכץ; און עשו איז געקומען פֿון פֿעלד , און ער איז געוועזען מיעד .

30. האָט עשו געזאָגט צו יעקב'ן : לאָז מיך עסען פֿון דעם דאָזיגען רויטען געקעכץ, דען איך בין מיעד ; דעריבער האָט מען אָנגערופֿען זיין נאָמען אֱדוֹם.

31. האָט יעקב געזאָגט : פֿערקויף מיר היינט דיין בְּכוֹרָה.

32. האָט עשו געזאָגט : אָט האַלט איך ביי'ם שטאַרבען , טאָ צו וואָס טויג מיר די בְּכוֹרָה ?

33. האָט יעקב געזאָגט : שווער מיר דאָס איצט צו. האָט ער איהם צוגעשוואָרען און האָט פֿערקויפֿט זיין בכורה יעקב'ן .

34. און יעקב האָט געגעבען עשו'ן ברויט און אַ געקעכץ פֿון לינזען , און ער האָט געגעסען און געטרונקען און איז אויפֿגעשטאַנען און אַוועקגעגאַנגען. אַזוי האָט עשו פֿעראַכטעט די בכורה .

קאַפּיטעל 26.

1. און עס איז געוואָרען אַ הונגער אין לאַנד , אויסער דעם ערשטען הונגער , וואָס איז געוועזען אין אברהם'ס צייטען . און יצחק איז געגאַנגען צו אבימלך'ן , דעם קעניג פֿון די פְּלִשְׁתִּים, קיין גְּרָר .

2. און גאָט האָט זיך באַוויזען צו איהם און געזאָגט : זאָלסט נישט אַראָבנידערן קיין מִצְרַיִם; זיין אין דעם לאַנד , וואָס איך וועל דיר זאָגען .

3. וואָהן אין דעם דאָזיגען לאַנד , און איך וועל זיין מיט דיר און וועל דיך בענשען , דען דיר און דיינע קינדער האָב איך אָבגעגעבען די דאָזיגע אַלע לענדער , און איך וועל בעשטעטיגען די שְׁבוּעָה , וואָס איך האָב געשוואָרען צו דיין פֿאָטער אברהם.

4. און איך וועל פֿערמעהרען דיינע קינדער אַזוי ווי די שטערען פֿון הימעל , און איך וועל געבען דיינע קינדער די דאָזיגע

אַלֶע לֶענדער, און עס װעלען זיך בֶּענשען מִיט דײַנע קינדער אַלֶע פֶעלקער פון דער ערד;

5. דערפאַר, װאָס אברהם האָט געפאָלגט מײַן שטימע און האָט אָפּגעהִיט מײַן בֶּעשטִימונג, מײַנע געבאָטען, מײַנע געזעצען און מײַן לֶעהרע.

6. און יִצחק האָט זיך בֶּעזעצט און גְרָר.

7. און װען די מענשען פון דעם אָרט האָבען זיך נאָכגעפרעגט װעגען זײַן װײַב, האָט ער געזאָגט: זי איז מײַן שװעסטער, דען ער האָט מורא געהאַט צו זאָגען: מײַן װײַב, טאָמער װעלען מיך טוידטען די מענשען פון אָרט צוליעב רבקה׳ן, דען זי איז אַ שֶׁענע פון געשטאַלט.

8. און עס איז געװען, װען ער איז שוין דאָרט געזעסען אַ לאַנגע צײַט, האָט אבימלך, דער קעניג פון די פְּלִשְׁתִּים, אַ קוק געטהון דורכ׳ן פענסטער, און האָט געזעהן, װי יִצחק שפּיעלט זיך מִיט זײַן װײַב רבקה.

9. האָט אבימלך גערופען יִצחק׳ן און האָט געזאָגט: זי איז דאָך גאָר דײַן װײַב, פאַר װאָס האָסטו דען געזאָגט: זי איז מײַן שװעסטער? האָט יִצחק צו איהם געזאָגט: װײַל איך האָב זיך געטראַכט: טאָמער װעל איך געטוידט װערען צוליעב איהר.

10. האָט אבימלך געזאָגט: צו װאָס האָסטו דאָס אונז געטהון? שיער װאָלט זיך אײנער פון פאָלק גֶעלֶעגט מִיט דײַן װײַב, און דו װאָלסט אויף אונז געבראַכט אַ זינד.

11. און אבימלך האָט אַזוי אָנגעזאָגט דאָס גאַנצע פאָלק: װער עס װעט אָנריהרען דעם דאָזיגען מאַן און זײַן װײַב, זאָל גע־טוידט װערען.

12. און יִצחק האָט געזײַעט און יענעם לאַנד און האָט און יענעם יאָהר געפונען הונדערט מאָל אַזוי פיעל, דען גאָט האָט איהם געבֶּענשט.

13. און דער מאַן איז גרויס געװאָרען און איז געװאָרען אַלץ גרעסער און גרעסער, בִּיז ער איז געװאָרען זעהר גרויס,

14. און ער האט געהאט סטאַדעס שאָף און רינדער און פיעל גוטס. האָבען די פלשתים איהם מקנא געווען.

15. און אַלע ברונענס, וואָס די קנעכט פון זיין פאָטער האָבען געגראָבען און די צייטען פון זיין פאָטער אברהם, האָבען די פלשתים פערשטאָפט און פערשיט מיט ערד.

16. האָט אבימלך געזאָגט צו יצחק'ן: געה אַוועק פון אונז, דען דו ביזט פיעל מעכטיגער געוואָרען פון אונז.

17. איז יצחק פון דאָרט אַוועקגעגאַנגען און האָט גערוהט אין טאָל פון גרר און האָט זיך דאָרט בעזעצט.

18. און יצחק האָט ווידער אויפגעגראָבען די ברונענס וואַסער, וואָס מען האָט געגראָבען אין די צייטען פון זיין פאָטער אברהם און די פלשתים האָבען זיי פערשטאָפט נאָך אברהם'ס טוידט, און ער האָט זיי אָנגערופען נעמען אַזוי ווי די נעמען, וואָס זיין פאָטער האָט זיי אָנגערופען.

19. און יצחק'ס קנעכט האָבען געגראָבען אין טהאָל און האָבען דאָרט געפונען אַ ברונען פון לעבעדיגעס וואַסער.

20. האָבען די פאַסטוכער פון גרר זיך געקריעגט מיט יצחק'ס פאַסטוכער און האָבען געזאָגט: אונז געהער דאָס וואַסער. האָט ער אָנגערופען דעם נאָמען פון ברונען עשק, דען זיי האָבען זיך געקריעגט מיט איהם.

21. האָבען זיי געגראָבען אַנ'אַנדער ברונען, האָבען זיי זיך צוליעב איהם אויך געקריעגט. האָט ער אָנגערופען זיין נאָמען שטנה.

22. האָט ער זיך אָבגערוקט פון דאָרטען און האָט גע-גראָבען אַנ'אַנדער ברונען, האָבען זיי זיך שוין ניט געקריעגט צוליעב איהם. האָט ער אָנגערופען זיין נאָמען רחובות און האָט געזאָגט: ווייל איצט האָט אונז גאָט פערברייטערט און מיר וועלען זיך פרוכ-פערן אין לאַנד.

23. און ער איז פון דאָרטען אַרויפגעגאַנגען קיין באר־שבע.

24. האָט זיך גאָט צו איהם בעוויזען אין יענער נאַכט און האָט געזאָגט: איך בין דער גאָט פון דיין פאָטער אברהם, די

זאָלסט נִישט מוֹרא האָבען, דען איך בִּין מִיט דִיר, און אִיך וועל דִיך בּעֶנשׁעֶן און וועל פֿעֶרמעֶהרעֶן דייַנעֶ קִינדעֶר צוּלִיעב מייַן קְנעֶכט אברהם.

25. האָט עֶר דאָרט געֶבּוֹיט אַ מִזְבֵּחַ און האָט געֶרוּפֿעֶן אִין נאָמעֶן פֿוּן גאָט. און עֶר האָט דאָרט פֿעֶרשׁפּרֵייט זייַן געֶצעֶהלט, און יִצחק׳ס קנעֶכט האָבען דאָרט געֶגראָבעֶן אַ ברוּנעֶן.

26. און אבִימלך אִיז צוּ אִיהם געֶגאַנגעֶן פֿוּן גרר און מִיט אִיהם זייַן פֿרייַנד אֲחֻזַּת און פִּיכוֹל זייַן מִילִיטעֶר-הויפּטמאַן.

27. האָט יצחק געֶזאָגט צוּ זיי: פֿאַרוואָס זעֶנט אִיהר געֶקוּמעֶן צוּ מִיר, און אִיהר האָט דאָך מִיך פֿייַנד, און אִיהר האָט מִיךְ פֿעֶרטרִיבעֶן פֿוּן אייַך.

28. האָבעֶן זיי געֶזאָגט: מִיר האָבעֶן אייַנגעֶזעֶהן, אַז גאָט אִיז מִיט דִיר, דעֶרִיבּעֶר האָבעֶן מִיר געֶזאָגט: זאָל זייַן אַ שְׁבוּעָה צווִישׁעֶן אוּנז, צווִישׁעֶן אוּנז און צווִישׁעֶן דִיר, און מִיר וועֶלעֶן שׁלִיעסעֶן אַ בּוּנד מִיט דִיר,

29. דוּ זאָלסט אוּנז נִישט טהוּן קיין שׁלעֶכטס, אַזוֹי ווִי מִיר האָבעֶן דִיך נִישט אָנגעֶרִיהרט, און אַזוֹי ווִי מִיר האָבעֶן געֶטהוּן מִיט דִיר נאָר גוּטס און מִיר האָבעֶן דִיךְ אַוועֶקגעֶשׁיקט אִין פֿרִיעדעֶן. דוּ בִּיזט אִיצט געֶבּעֶנשׁט פֿוּן גאָט.

30. האָט עֶר זיי געֶמאַכט אַ מאָלצייַט, און זיי האָבעֶן געֶגעֶסעֶן און געֶטרוּנקעֶן.

31. און זיי זעֶנעֶן אוֹיפֿגעֶשׁטאַנעֶן גאַנץ פֿרִיה און האָבעֶן געֶשׁוואָרעֶן אֵיינֶער דעֶם צווייטעֶן, און יִצחק האָט זיי אָבגעֶשׁיקט, און זיי זעֶנעֶן פֿוּן אִיהם אַוועֶקגעֶגאַנגעֶן אִין פֿרִיעדעֶן.

32. און עֶס אִיז געֶווען אִין יעֶנעֶם טאָג, זעֶנעֶן געֶקוּמעֶן יִצחק׳ס קנעֶכט און האָבעֶן אִיהם געֶזאָגט וועֶגעֶן דעֶם ברִינעֶן, וואָס זיי האָבעֶן געֶגראָבעֶן, און זיי האָבעֶן געֶזאָגט צוּ אִיהם: מִיר האָבעֶן געֶפֿוּנעֶן וואַסעֶר.

33. האָט עֶר אִיהם אָנגעֶרוּפֿעֶן: שִׁבְעָה, דעֶרִיבּעֶר אִיז דעֶר נאָמעֶן פֿוּן דעֶר שׁטאָדט בְּאֵר שֶׁבַע, בִּיז הייַנטִיגעֶן טאָג.

34. און עשׂו איז אַלט געוואָרען פֿירציג יאָהר און האָט גענומען ווייבער: יְהוּדִית׳ן, די טאָכטער פֿון בְּאֵרִי דעם חִתּ׳ער. און בָּשְׂמַת׳ן, די טאָכטער פֿון אֵילוֹן דעם חִתּ׳ער.

35. זיינען זיי געווען דערוויעדער דעם גייסט פֿון יִצְחָק און פֿון רִבְקָה.

קאפיטעל 27.

1. און עס איז געווען, ווען יצחק איז אַלט געוואָרען, און זיינע אויגען זיינען דונקעל געוואָרען צו זעהן, האָט ער גערופֿען עשו׳ן, זיין עלטערן זוהן, און האָט געזאָגט צו איהם: מיין זוהן! האָט ער געזאָגט: דאָ בין איך!

2. האָט ער געזאָגט: אָט בין איך שוין אַלט געוואָרען, און איך ווייס נישט, און וועלכען טאָג איך וועל שטאַרבען.

3. און איצט נעהם דיינע כֵּלִים, דיין שווערד און דיין בויגען און געה אַרויס אין פֿעלד און פֿאַנג מיר אַ געפֿאַנג,

4. און מאַך מיר אַ געקעכץ, אַזוי ווי איך האָב ליעב, און ברענג עס מיר, וועל איך עסען, כְּדֵי מיין זעעלע זאָל דיך בענשען, איידער איך וועל שטאַרבען.

5. און רבקה האָט געהערט, ווי יצחק האָט גערעדט צו זיין זוהן עשו. און עשו איז געגאַנגען אין פֿעלד צו פֿאַנגען אַ געפֿאַנג און ברענגען.

6. האָט רבקה אַזוי געזאָגט צו איהר זוהן יעקב: אָט האָב איך געהערט, ווי דיין פֿאָטער האָט אַזוי גערעדט צו דיין ברודער עשו:

7. ברענג מיר אַ געפֿאַנג און מאַך מיר אַ געקעכץ, וועל איך עסען און וועל דיך בענשען פֿאַר גאָט פֿאַר מיין טוידט.

8. און איצט, מיין זוהן, פֿאָלג מיין שטימע, וואָס איך זאָג דיר אָן:

9. געה צו די שאָף און נעהם מיר פֿון דאָרטען צוויי גוטע ציקעלעך, וועל איך פֿון זיי מאַכען אַ געקעכץ פֿאַר דיין פֿאָטער, אַזוי ווי ער האָט ליעב,

10. אוּן דוּ ווֶעסט עֶס בּרֶענגֶען צוּ דיין פָאטֶער אוּן עֶר וועט עֶסֶען, כְּדֵי עֶר זָאל דיך בֶּענשֶׁען פַאר זיין טוֹידט.

11. האָט יעקב געזאָגט צוּ זיין מוּטער רבקה: מיין בּרוּדער עשו איז דאָך אָבער אַ האָריגער מענש אוּן איך בּין אַ גלאַטיגער מענש;

12. טאָמער וועט מיך מיין פָאטער בּעטאַפּען, וועל איך אוֹיסקוּמען אין זיינע אוֹיגען אַזוֹי ווי אַ אָבּנאַרער, אוּן איך וועל בּרענגען אוֹיף מיר אַ קְלָלָה אוּן נישט קיין בְּרָכָה.

13. האָט זיין מוּטער צוּ איהם געזאָגט: אוֹיף מיר זאָל פַאלען דיין קללה, מיין זוהן; נאָר פָאלג מיין שטימע אוּן גֶעה אוּן בּרענג מיר.

14. איז ער געגאַנגען אוּן האָט גענוּמען אוּן געבּראַכט צוּ זיין מוּטער; האָט זיין מוּטער געמאַכט אַ געקעכץ, אַזוֹי ווי זיין פָאטער האָט ליעב געהאַט.

15. אוּן רבקה האָט גענוּמען די פּרעכטיגע קליידער פוּן איהר עלטערן זוהן עשו, וואָס זי האָט געהאַט בּיי זיך אין הויז, אוּן האָט אָנגעקליידט איהר יוּנגערן זוהן יעקב.

16. אוּן די פעל פוּן די ציקעלעך האָט זי בּעקליידט אוֹיף זיינע הענד אוּן אוֹיף די גלאַטקייט פוּן זיין האַלז.

17. אוּן זי האָט געגעבען דאָס געקעכץ אוּן דעם בּרוֹיט, וואָס זי האָט געמאַכט, אין די הענד פוּן איהר זוהן יעקב.

18. אוּן ער איז געקוּמען צוּ זיין פָאטער אוּן האָט געזאָגט: מיין פָאטער! האָט ער געזאָגט: דאָ בּין איך; ווער בּיזטוּ, מיין זוהן?

19. האָט יעקב געזאָגט צוּ זיין פָאטער: איך בּין עשו, דיין עלטערער, איך האָב געטהוּן אַזוֹי ווי דוּ האָסט צוּ מיר גערעדט. שטעה אוֹיף, זעץ דיך אוּן עס פוּן מיין געפאַנג, כְּדֵי דיין זעעלע זאָל מיך בּענשען.

20. האָט יצחק געזאָגט צוּ זיין זוהן: וואָס האָסטוּ עפּעס אַזוֹי גיך געפוּנען, מיין זוהן? האָט ער געזאָגט: וויל גאָט דיין

גאָט האָט עס מיר אַרויסגעשיקט אַקעגען.

21. האָט יצחק געזאָגט צו יעקב'ן: קום נאָר צו נעהנטער, וועל איך דיך בעטאַפּען, מיין זוהן: צי ביזטו דאָס מיין זוהן עשו, אָדער ניין?

22. איז יעקב צוגעגאַנגען צו זיין פּאָטער יצחק, און ער האָט איהם בעטאַפּט און האָט געזאָגט: די שטימע איז יעקב'ס שטימע אָבער די הענד זענען עשו'ס הענד.

23. און ער האָט איהם נישט דערקענט, דען זיינע הענד זענען געוועזען האָריגע אַזוי ווי די הענד פון זיין ברודער עשו, און ער האָט איהם געבענשט.

24. און ער האָט געזאָגט: דו ביזט דאָס מיין זוהן עשו? האָט ער געזאָגט: איך.

25. האָט ער געזאָגט: דערלאַנג מיר, וועל איך עסען פון מיין זוהנס געפּאַנג, כדי מיין זעעלע זאָל דיך בענשען. האָט ער איהם דערלאַנגט, און ער האָט געגעסען; און ער האָט איהם געבראַכט ויין, האָט ער געטרונקען.

26. האָט זיין פּאָטער יצחק צו איהם געזאָגט: קום נאָר אַהער און טהו מיר אַ קוש, מיין זוהן.

27. איז ער צוגעגאַנגען און האָט איהם אַ קוש געטהון. האָט ער דערשמעקט דעם ריח פון זיינע קליידער און ער האָט איהם געבענשט און געזאָגט: זעה, דער ריח פון מיין זוהן איז אַזוי ווי דער ריח פון פעלד, וואָס גאָט האָט עס געבענשט.

28. און גאָט זאָל דיר געבען פון טוי פון הימעל און פון דער פעטקייט פון דער ערד, און פיעל קאָרן און ויין.

29. שטאַמען זאָלען דיר דיענען און פעלקער זאָלען זיך צו דיר בוקען; זיי אַ הערר איבער דיינע ברידער, און די זיהן פון דיין מוטער זאָלען זיך צו דיר בוקען. די, וואָס שעלטען דיך, זאָלען זיין געשאָלטען. און די, וואָס בענשען דיך, זאָלען זיין געבענשט.

30. און עס איז געוועזען, ווען יצחק האָט געענדיגט בענשען

יעקב'ן, און ווי יעקב איז נאָר אַרויסגעגאַנגען פֿון זיין פֿאָטער יִצחק, איז זיין ברודער עֵשו אָנגעקומען פֿון זיין געפֿאַנג.

31. און ער האָט אויך געמאַכט אַ געקעכץ און האָט עס געבראַכט צו זיין פֿאָטער און האָט געזאָגט צו זיין פֿאָטער: זאָל מיין פֿאָטער אויפֿשטעהן און זאָל עסען פֿון זיין זוהנס געפֿאַנג, כדי דיין זעעלע זאָל מיך בענשען.

32. האָט זיין פֿאָטער יִצחק צו איהם געזאָגט: ווער ביזטו? האָט ער געזאָגט: איך בין דיין זוהן, דיין בְּכוֹר, עֵשָׂו.

33. איז יִצחק זעהר שטאַרק אויפֿגעציטערט געוואָרען און האָט געזאָגט: ווער־זשע איז עס דער, וואָס האָט געפֿאַנגען אַ געפֿאַנג, און מיר געבראַכט און איך האָב געגעסען פֿון אַלץ, נאָך איידער דו ביזט געקומען, און איך האָב איהם געבענשט? און זאָל ער טאַקי זיין געבענשט.

34. ווי עֵשו האָט דערהערט די רייד פֿון זיין פֿאָטער, האָט ער אויסגעשריען אַ זעהר גרויסען און ביטערען געשריי, און האָט געזאָגט צו זיין פֿאָטער: בענש מיך אויך, מיין פֿאָטער.

35. האָט ער געזאָגט: דיין ברודער איז געקומען מיט קלוגשאַפֿט, און האָט צוגענומען דיין בְּרָכָה.

36. האָט (עֵשו) געזאָגט: ניט אומזיסט האָט מען אָנגערופֿען זיין נאָמען יעקב, דען ער האָט מיך גענאַרט שוין צוויי מאָל: מיין בכורה האָט ער צוגענומען, און איצט האָט ער צוגענומען מיין ברכה. און ער האָט געזאָגט: דו האָסט דאָך נאָך פֿאַר מיר אויך איבערגעלאָזט אַ ברכה.

37. האָט יִצחק געענטפֿערט און געזאָגט צו עֵשו'ן: איך האָב דאָך איהם געמאַכט פֿאַר דיין הערר, און זיינע אַלע ברידער האָב איך געמאַכט פֿאַר זיינע קנעכט, און מיט קאָרן און וויין האָב איך איהם בעשענקט, וואָס־זשע קאָן איך דיר איצט טהון, מיין זוהן?

38. האָט עֵשו געזאָגט צו זיין פֿאָטער: ציז דען איז דאָס ביי דיר נאָר איין ברכה, מיין פֿאָטער? בענש מיך אויך, מיין פֿאָטער. און עֵשו האָט אויפֿגעהויבען זיין שטימע און האָט געוויינט.

39. האָט זײַן פֿאָטער יִצחק געענטפֿערט און געזאָגט צו איהם: אַזוי וועט דײַן וואָהנונג זײַן פֿון דער פֿעטסקײַט פֿון דער ערד און פֿון טוי פֿון הימעל פֿון דער הויך;

40. און דורך דײַן שווערד וועסטו לעבען, און דײַן ברודער וועסטו דיענען, און עס וועט זײַן, ווען דו וועסט געוועלטיגען, וועסטו אַראָברײַסען זײַן יאָך פֿון דײַן האַלז.

41. האָט עשו פֿײַנד בעקומען יעקב'ן צוליעב דער ברכה, וואָס זײַן פֿאָטער האָט איהם געבענשט, און עשו האָט געזאָגט אין זײַן האַרצען: זאָלען נאָר אָנקומען די טרויער-טעג נאָך מײַן פֿאָטער, וועל איך טויטען מײַן ברודער יעקב.

42. האָט מען רבקה'ן דערצעהלט די רעד פֿון איהר גרעסערן זוהן עשו, האָט זי געשיקט רופֿען איהר קלענערן זוהן יעקב, און האָט צו איהם געזאָגט: אַזוי ווי דײַן ברודער עשו בערייט זיך דיך צו טוידטען,

43. דעריבער, מײַן זוהן, פֿאָלג איצט מײַן שטימע, און שטעה אויף, אַנטלויף דיר צו מײַן ברודער לָבָן אין חָרָן;

44. און דו וועסט זיצען מיט איהם איניגע טעג, ביז עס וועט זיך אָבווענדען דײַן ברודערס צאָרן,

45. ביז עס וועט זיך אָבווענדען פֿון דיר דײַן ברודערס כּעס, און ער וועט פֿערגעסען, וואָס דו האָסט איהם געטהון, וועל איך שיקען און וועל דיך אָבנעהמען פֿון דאָרטען. דען צו וואָס זאָל איך אײַך בײדען פֿערליערען אין איין טאָג?

46. און רבקה האָט געזאָגט צו יִצחק'ן: מיר איז מיאוס געוואָרען דאָס לעבען צוליעב די טעכטער פֿון חֵת. אויב יעקב וועט נעהמען אַ ווײַב פֿון די טעכטער פֿון חת, אַזוי ווי די, פֿון די טעכטער פֿון לאַנד, צו וואָס טויג מיר דאַן דאָס לעבען?

קאַפּיטעל 28.

1. האָט יִצחק גערופֿען יעקב'ן און האָט איהם געבענשט און איהם אָנגעזאָגט: דו זאָלסט ניט נעהמען קיין ווײַב פֿון די טעכטער פֿון כּנען.

2. שטעה אויף, געה אין פַּדַן אֲרָם, אין הויז פון בְּתוּאֵל, דיין מוטערם פאטער, און נעהם דיר פון דארט אַ ווייב פון די טעכטער פון לָבָן, דיין מוטערם ברודער.

3. און דער אַלמעכטיגער גאָט זאָל דיך בענשען און זאָל דיך מאַכען פרוכטבאַר און דיך פערמעהרען, און עס זאָל ווערען פון דיר אַ מענגע פעלקער;

4. און ער זאָל דיר געבען די ברכה פון אברהם'ן, דיר און דיינע קינדער מיט דיר, דו זאָלסט בעזיצען דאָס לאַנד, וואו דו וואָהנסט, וואָס גאָט האָט געגעבען אברהם'ן.

5. און יצחק האָט אַוועקגעשיקט יעקב'ן, און ער איז גע־גאַנגען אין פַּדַן אֲרָם צו לָבָן, דעם זוהן פון בתואל דעם אֲרַמִּי־דעם ברודער פון רבקה, די מוטער פון יעקב'ן און עשו'ן.

6. און עשו האָט געזעהן, דאָס יצחק האָט געבענשט יעקב'ן און האָט איהם אַוועקגעשיקט קיין פדן ארם, צו נעהמען זיך דאָרט אַ ווייב, און ביי'ם בענשען האָט ער איהם אָנגעזאָגט: דו זאָלסט נישט נעהמען קיין ווייב פון די טעכטער פון כנען,

7. און יעקב האָט געפאָלגט זיין פאָטער און זיין מוטער און איז געגאַנגען קיין פדן אַרם;

8. האָט עשו געזעהן, אַז די טעכטער פון כנען געפעל'ען נישט אין די אויגען פון זיין פאָטער יצחק,

9. איז עשו געגאַנגען צו ישמעאל'ן און האָט גענומען, אויסער זיינע איבריגע ווייבער, נאָך אַ ווייב: מַחֲלַת'ן, די טאָכטער פון ישמעאל, אברהם'ס זוהן, די שוועסטער פון נְבָיוֹת.

זיעבענטע סֵדְרָה: וַיֵּצֵא.

10. און יעקב איז אַרויסגעגאַנגען פון בְּאֵר־שֶׁבַע און איז גע־גאַנגען קיין חָרָן.

11. און ער איז אָנגעקומען אין אַ אָרט און האָט דאָרט גע־נעכטיגט, דען די זון איז שוין אונטערגעגאַנגען. און ער האָט גע־נומען פון די שטיינער פון אָרט און געלעגט צוקאָפּענס, און האָט זיך געלעגט אויף דעם דאָזיגען אָרט.

12. און עס האָט זיך איהם געחלומט, ווי אַ לייטער שטעהט אויף דער ערד, און זיין שפּיץ דערגרייכט ביז'ן הימעל, און מַלְאָכִים פון גאָט געהען דורך איהם אַרויף און אַראָב.

13. און גאָט איז געשטאַנען אויף איהם און האָט געזאָגט: איך בין גאָט, דער גאָט פון דיין פאָטער אברהם און דער גאָט פון יִצחק. די ערד, וואָס דו ליעגסט אויף איהר, וועל איך אָבגעבען דיר און דיינע קינדער.

14. און דיינע קינדער וועלען זיין אַזוי ווי שטויב פון דער ערד, און דו וועסט זיך פערשפּרייטען אויף מַעֲרִיב און מִזְרָח און צָפוֹן און דָרוֹם, און עס וועלען זיך מיט דיר און מיט דיינע קינדער בענשען אַלע געשלעכטער פון דער ערד.

15. און אייטש בין איך מיט דיר, און איך וועל דיך אָב־היטען אומעטום וואוהין דו וועסט געהן, און איך וועל דיך צוריק־פיהרען צו דער דאָזיגער ערד, דען איך וועל דיך נישט פערלאָזען, ביז איך וועל טהון דאָס, וואָס איך האָב גערעדט צו דיר.

16. און יעקב האָט אויפגעוואַכט פון זיין שלאָף און האָט געזאָגט: ווירקליך, גאָט איז אין דעם דאָזיגען אָרט, און איך האָב נישט געוואוסט.

17. און ער האָט מורא געהאַט און געזאָגט: ווי שרעקליך איז דאָס דאָזיגע אָרט! נישט אַנדערש, נאָר דאָ איז גאָט'ס הויז, און דאָס איז דער טויער פון הימעל.

18. און יעקב איז אויפגעשטאַנען גאַנץ פריה און האָט גע־נומען דעם שטיין, וואָס ער האָט געלעגט צוקאָפּענס, און האָט איהם געשטעלט אַלס אַ דענקמאָל און האָט געגאָסען בוימאייל אויף זיין שפּיץ.

19. און ער האָט אָנגערופען דעם נאָמען פון יענעם אָרט

בֵּית־אֵל, נאָר צוּ'ם ערשטען איז דער נאָמען פֿון דער שטאָדט געווען לוּז.

20. און יעקב האָט אַ נֶדֶר געטהון און האָט אַזוֹי געזאָגט: אויב גאָט וועט זיין מיט מיר און וועט מיך אָבהיטען אין דעם דאָזיגען וועג, וואָס איך געה, און ער וועט מיר געבען ברויט צו'ם עסען און אַ קלייד אָנצוטהון,

21. און איך וועל צוריקקעהרען אין פֿריעדען צו מיין פֿאָטערס הויז, — וועט גאָט זיין מיין גאָט,

22. און דער דאָזיגער שטיין, וואָס איך האָב געשטעלט אַ דענקמאַל, וועט זיין גאָטס הויז, און פֿון אַלץ, וואָס דו וועסט מיר געבען, וועל איך אַ צעהנט־חֵלֶק דיר אָבגעבען.

קאַפּיטעל 29.

1. און יעקב האָט אויפֿגעהויבען זיינע פֿיס און איז געגאַנגען אין לאַנד פֿון מִזְרַח־זייט;

2. האָט ער דערזעהן אַ ברונען אין פֿעלד, און דריי סטאַדעס שאָף ליגען דאָרט נעבען ברונען, דען פֿון יענעם ברונען פֿלעגט מען אָנטרינקען די סטאַדעס, און אַ גרויסער שטיין איז געלעגען אויף דער לאָך פֿון ברונען.

3. און עס פֿלעגען זיך דאָרט פֿערזאַמלען אַלע סטאַדעס און פֿלעגען אַראָבקוילערן דעם שטיין פֿון דער לאָך פֿון ברונען, און פֿלעגען אָנטרינקען די שאָף און צוריק אַרויפֿלעגען דעם שטיין אויף דער לאָך פֿון ברונען אויף זיין אָרט.

4. האָט יעקב צו זיי געזאָגט: מיינע ברידער, פֿון וואַנען זענט איהר? האָבען זיי געזאָגט: פֿון חָרָן זענען מיר.

5. האָט ער געזאָגט צו זיי: צי קענט איהר לָבָן, דעם זוהן פֿון נָחוֹר? האָבען זיי געזאָגט: מיר קענען.

6. האָט ער צו זיי געזאָגט: צי איז ער געזונד? האָבען זיי געזאָגט: געזונד, און אָט קומט אָן זיין טאָכטער רָחֵל מיט די שאָף.

7. האָט ער געזאָגט: דער טאָג איז דאָך נאָך גרויס, עס איז נאָך ניט צייט צו פערזאַמלען די פיה; טרינקט אָן די שאָף און געהט פאַשען.

8. האָבען זיי געזאָגט: מיר קאָנען ניט, ביז עס וועלען זיך פערזאַמלען אַלע סטאַדעס, וועלען זיי אַראָבקוילערן דעם שטיין פון דער לאָך פון ברונען, וועלען מיר אָנטרינקען די שאָף.

9. ווי ער רעדט אַזוי מיט זיי, קומט אָן רָחֵל מיט די שאָף פון איהר פאָטער, דען זי איז געוועזען אַ פאַסטוכערין.

10. און ווי יעקב האָט דערזעהן רָחֵל'ן, די טאָכטער פון לָבָן, זיין מוטערס ברודער, און די שאָף פון לבן, זיין מוטערס ברודער, איז ער צוגעגאַנגען און האָט אַראָבגעקוילערט דעם שטיין פון דער לאָך פון ברונען און האָט אָנגעטרונקען די שאָף פון לבן, זיין מוטערס ברודער.

11. און יעקב האָט אַ קוש געטהון רחל'ן, און האָט אויפגעהויבען זיין שטימע און האָט געוויינט.

12. און יעקב האָט רחל'ן געזאָגט, דאָס ער איז איהר פאָטערס קְרוֹב און דאָס ער איז רבקה'ס זוהן, איז זי געלאָפען און האָט אָנגעזאָגט איהר פאָטער.

13. און ווי לבן האָט דערהערט וועגען יעקב'ן, איז ער געלאָפען איהם אַקעגען און האָט איהם געהאַלזט און געקושט און איהם געבראַכט אין זיין הויז. האָט ער לבנ'ן דערצעהלט די דאָזיגע אַלע זאַכען.

14. האָט לבן צו איהם געזאָגט: דו ביזט דאָך מיין ביין און מיין פלייש. איז ער מיט איהם געזעסען אַ חודש צייט.

15. האָט לבן געזאָגט צו יעקב'ן: צי דען וויל דו ביזט מיין ברודער, זאָלסטו מיך דיענען אומזיסט? זאָג מיר, וואָס איז דיין לויהן?

16. און לבן האָט געהאַט צוויי טעכטער: דער נאָמען פון דער גרעסערער איז געוועזען לֵאָה, און דער נאָמען פון דער קלענערער — רָחֵל.

17. און לֵאה'ס אויגען זֶענֶען גֶעוועֶן שוואַכֿע, און רחל איז גֶעוועֶן מיט אַ שֶׁען גֶעשׁטאַלט און אַ שֶׁען אויסזעֶהן.

18. און יעקב האָט ליעב גֶעהאַט רחל'ן. האָט עֶר גֶעזאָגט: איך וועֶל דיך דיענֶען זיעבען יאָהר פֿאַר דיין קליינֶע טאָכֿטעֶר רחל.

19. האָט לבן גֶעזאָגט: גלייכֿער איך זאָל זי דיר גֶעבען, איידעֶר איך זאָל זי גֶעבען אַנ'אַנדעֶרן; וואָהן מיט מיר.

20. האָט יעקב גֶעדיענט פֿאַר רחל'ן זיעבען יאָהר, זֶענֶען זיי איהם אויסגֶעקומען ווי איינִיגע טעג, ווייל עֶר האָט זי ליעב גֶעהאַט.

21. האָט יעקב גֶעזאָגט צו לבנ'ן: גיעב מיר מיין ווייב, דען עֶס איז שוין פֿאָלעֶנדעֶט גֶעוואָרען מיין צייט, און איך וועֶל קומען צו איהר.

22. האָט לבן פֿעֶרזאַמעֶלט אַלֶע מענשען פֿון אָרט און האָט גֶעמאַכֿט אַ מאָלצייט.

23. און ווען עֶס איז גֶעוואָרען אָוועֶנד, האָט עֶר גֶענומען זיין טאָכֿטעֶר לֵאָה און האָט זי גֶעבראַכֿט צו איהם, און עֶר איז גֶעקומען צו איהר.

24. און לבן האָט איהר גֶעגֶעבען זיין דיענסט זִלְפָּה, אַלס דיענסט פֿאַר זיין טאָכֿטעֶר לֵאָה.

25. ווי עֶס איז אָנגֶעקומען דעֶר פֿריהמאָרגען, וויַיזט זיך גאָר אַרויס, אַז דאָס איז לֵאָה. האָט עֶר גֶעזאָגט צו לבנ'ן: וואָס האָסטו דאָס מיר אָבגֶעטהון? איך האָב דאָך דיך גֶעדיענט פֿאַר רחל'ן, טאָ פֿאַר-וואָס האָסטו מיך אָבגֶענאַרט?

26. האָט לבן גֶעזאָגט: מען טהוט נישט אַזוי אין אונזעֶר אָרט, מען זאָל גֶעבען די יונגעֶרע פֿריהעֶר פֿאַר דעֶר עֶלטעֶרעֶר.

27. לאָז אַריבעֶרגעֶהן די וואָך מיט דעֶר, וועֶלען מיר דיר גֶעבען אויך די אַנדעֶרע פֿאַר דעֶר דיענסט, וואָס דו וועֶסט ביי מיר דיענען נאָך אַנדעֶרע זיעבען יאָהר.

28. האָט יעקב אַזוי גֶעטהון און האָט גֶעלאָזט אַריבעֶרגעֶהן די וואָך מיט דעֶר. און עֶר האָט איהם גֶעגֶעבען זיין טאָכֿטעֶר רחל פֿאַר אַ ווייב.

29. און לבן האָט געגעבען זיין טאָכטער רָחֵל'ן זיין דינסט בִּלְהָה, צו זיין איהר דינסט.

30. און ער איז געקומען אויך צו רחל'ן, און ער האָט רחל'ן מעהר ליעב געהאַט ווי לֵאָה'ן. און ער האָט ביי איהם געדינט נאָך זיעבען אַנדערע יאָהר.

31. האָט גאָט געזעהן, דאָס לֵאָה איז נישט געליעבט, האָט ער זי געמאַכט פרוכטבאַר, און רחל איז געווען אַ עֲקָרָה.

32. און לֵאָה איז שוואַנגער געוואָרען און האָט געבאָרען אַ זוהן, האָט זי אָנגערופען זיין נאָמען: רְאוּבֵן, דען זי האָט געזאָגט: וויל גאָט האָט אָנגעזעהן מיין פיין, דען איצט וועט מיך מיין מאַן ליעב האָבען.

33. און זי איז ווידער שוואַנגער געוואָרען און האָט געבאָרען אַ זוהן און האָט געזאָגט: וויל גאָט האָט געהערט, דאָס איך בין נישט בעליעבט, האָט ער מיר אויך דעם געגעבען; און זי האָט אָנגערופען זיין נאָמען: שִׁמְעוֹן.

34. און זי איז ווידער שוואַנגער געוואָרען און האָט געבאָרען אַ זוהן און האָט געזאָגט: איצט, דאָס מאָל וועט מיין מאַן שוין ווערען צוגעניגט צו מיר, דען איך האָב איהם שוין געבאָרען דריי זיהן. דעריבער האָט מען אָנגערופען זיין נאָמען: לֵוִי.

35. און זי איז ווידער שוואַנגער געוואָרען און האָט געבאָרען אַ זוהן און האָט געזאָגט: דאָס מאָל דאַנק איך גאָט. דעריבער האָט זי אָנגערופען זיין נאָמען: יְהוּדָה. און זי האָט אויפגעהערט צו געבוירען.

קאַפּיטעל 30.

1. און רחל האָט געזעהן, דאָס זי האָט יעקב'ן נישט געבאָרען קיין קינדער, האָט רָחֵל מְקַנֵּא געווען איהר שוועסטער און האָט געזאָגט צו יעקב'ן: גיעב מיר קינדער, און אויב נישט — שטאַרב איך.

2. האָט יעקב'ן פֿערדראָסען אויף רחל'ן און ער האָט געזאָגט: צוּ דען בין איך אַזוי ווי גאָט, וואָס האָט דיר פֿערזאָגט די פּרוּכט פֿון לייב?

3. האָט זי געזאָגט: אָט איז מיין דיענסט בִּלְהָה; קום צוּ איהר און זי וועט געבוירען אויף מיינע קניה, וועל איך אויך גע־האָלפֿען ווערען דורך איהר.

4. האָט זי איהם געגעבען איהר דיענסט בלהה פֿאַר אַ ווייב. און יעקב איז געקומען צוּ איהר.

5. און בִּלְהָה איז שוואַנגער געוואָרען און האָט יעקב'ן גע־באָרען אַ זוהן.

6. האָט רחל געזאָגט: גאָט האָט מיך גערִיכטעט און האָט אויך דערהערט מיין שטימע, און האָט מיר געגעבען אַ זוהן. דעריבער האָט זי אָנגערופֿען זיין נאָמען: דָן.

7. און זי איז ווידער שוואַנגער געוואָרען, און בלהה, רחל'ס דיענסט, האָט יעקב'ן געבאָרען אַ צווייטען זוהן.

8. האָט רחל געזאָגט: אַ שטאַרקען קאַמפּף האָב איך גע־קעמפּפֿט מיט מיין שוועסטער, און איך האָב בייגעקומען; דעריבער האָט זי אָנגערופֿען זיין נאָמען: נַפְתָּלִי.

9. און לֵאָה האָט דערזעהן, דאָס זי האָט אויפֿגעהערט צוּ געבוירען, האָט זי גענומען איהר דיענסט זִלְפָּה, און האָט זי געגעבען יעקב'ן פֿאַר אַ ווייב.

10. האָט זלפה, לאָה'ס דיענסט, יעקב'ן געבאָרען אַ זוהן.

11. האָט לאָה געזאָגט: דאָס גליק איז געקומען. און זי האָט דעריבער אָנגערופֿען זיין נאָמען: גָּד.

12. און זלפה, לאָה'ס דיענסט, האָט יעקב'ן געבאָרען אַ צווייטען זוהן.

13. האָט לאָה געזאָגט: דאָס איז צוּ מיין לויב, דען עס וועלען מיך לויבען די טעכטער. און זי האָט אָנגערופֿען זיין נאָמען: אָשֵׁר.

14. און ראובן איז געגאַנגען אין דער צייט פֿון ווייצען־שניט

און האָט געפֿונען מאַנדראַגאָרען-עפּעלעך אין פֿעלד, האָט ער זיי געבראַכט צו זיין מוטער לֵאָה. האָט רָחֵל געזאָגט צו לֵאָה'ן: גיב מיר אַביסעל פֿון דיין זוהנס מאַנדראַגאָרען-עפּעלעך.

15. האָט זי געזאָגט צו איהר: נאָך ווייניג, וואָס דו נעהמסט צו מיין מאַן, ווילסטו נאָך אויך צונעהמען מיין זוהנס מאַנדראַגאָרען-עפּעלעך. האָט רחל געזאָגט: דערפֿאַר זאָל ער מיט דיר ליגען די נאַכט, פֿאַר דיין זוהנס מאַנדראַגאָרען-עפּעלעך.

16. איז יעקב געקומען פֿון פֿעלד אין אָבענד, איז איהם לֵאָה אַרויסגעגאַנגען אַקעגען און האָט געזאָגט: צו מיר זאָלסטו קומען, דען איך האָב דיך געדונגען פֿאַר מיין זוהנס מאַנדראַגאָרען-עפּעלעך. איז ער מיט איהר געלעגען יענע נאַכט.

17. און גאָט האָט דערהערט לֵאָה'ן און זי איז שוואַנגער געוואָרען און האָט יעקב'ן געבאָרען אַ פֿינפֿטען זוהן.

18. האָט לֵאָה געזאָגט: גאָט האָט מיך בעלוינט דערפֿאַר, וואָס איך האָב מיין מאַן געגעבען מיין דינסט, און זי האָט אָנגערופֿען זיין נאָמען: יִשָּׂשכָר.

19. און לֵאָה איז ווידער שוואַנגער געוואָרען און האָט יעקב'ן געבאָרען אַ זעקסטען זוהן.

20. האָט לֵאָה געזאָגט: גאָט האָט מיך בעשענקט מיט אַ שען געשאַנק; דאָס מאָל וועט שוין מיין מאַן מיט מיר וואָהנען, דען איך האָב איהם געבאָרען זעקס זוהן. און זי האָט אָנגערופֿען זיין נאָמען: זְבוּלֻן.

21. און דערנאָך האָט זי געבאָרען אַ טאָכטער, און זי האָט אָנגערופֿען איהר נאָמען דִינָה.

22. און גאָט האָט זיך דערמאָנט אָן רחל'ן, און גאָט האָט זי דערהערט און זי געמאַכט פֿרוכטבאַר.

23. און זי איז שוואַנגער געוואָרען און האָט געבאָרען אַ זוהן און האָט געזאָגט: גאָט האָט אָבגעטהון מיין חֶרְפָּה.

24. און זי האָט אָנגערופֿען זיין נאָמען: יוֹסֵף, זאָגענדיג: זאָל מיר גאָט צוגעבען נאָך אַנ'אַנדער זוהן.

25. אוּן עֶס אִיז גֶעוועֶן, ווען רחל האָט גֶעבּאָרעֶן יוֹסף'ן, האָט יעקב גֶעזאָגט צוּ לבנ'ן: שִׁיק מִיךְ אָב, ווֶעל אִיךְ גֶעהן צוּ מֵיין אָרט אוּן צוּ מֵיין לאַנד.

26. גִיעב מִיר מֵיינֶע ווייבּעֶר אוּן מֵיינֶע קִינדעֶר, וואָס אִיךְ האָבּ דִיר פאַר זֵיי גֶעדִינט, דעֶן דוּ ווייסט מֵיין אַרבּייט, וואָס אִיךְ האָבּ בּיי דִיר גֶעאַרבּייט.

27. האָט לבן צוּ אִיהם גֶעזאָגט: אוֹיבּ אִיךְ האָבּ גֶעפִינעֶן לֵייטזעֶלִיגקַייט אִין דֵיינֶע אוֹיגעֶן (זאָלסטוּ נִישט אַוועֶקגעֶהן פוּן מִיר); אִיךְ שְׁפִּיר, דאָס גאָט האָט מִיךְ גֶעבּעֶנשט צוּלִיעבּ דִיר.

28. אוּן עֶר האָט גֶעזאָגט: בּעֶשטִים מִיר דֵיין לוֹיהן, ווֶעל אִיךְ געֶבּעֶן.

29. האָט עֶר צוּ אִיהם געֶזאָגט: דוּ ווייסט, ווִי אִיךְ האָבּ דִיךְ גֶעדִינט אוּן וואָס פוּן דֵיין פִיה אִיז געֶוואָרעֶן בּיי מִיר;

30. אַז דאָס בִּיסעֶל, וואָס דוּ האָסט געֶהאַט פאַר מִיר, אִיז אִיצט פִיעל פֶערמעֶהרט גֶעוואָרעֶן, אוּן גאָט האָט דִיךְ געֶבּעֶנשט צוּ־לִיעבּ מִיר; אוּן אִיצט, ווען ווֶעל אִיךְ אוֹיךְ זאָרגעֶן פאַר מֵיין הוֹיז?

31. האָט עֶר געֶזאָגט: וואָס זאָל אִיךְ דִיר געֶבּעֶן? האָט יעקב געֶזאָגט: דוּ זאָלסט מִיר גאָרנִישט געֶבּעֶן; נאָר אוֹיבּ דוּ וועֶסט מִיר טהוּן דִי דאָזִיגֶע זאַךְ, ווֶעל אִיךְ צוּרִיקגֶעהן פּאַשעֶן אוּן הִיטעֶן דֵיינֶע שאָף:

32. אִיךְ ווֶעל דוּרכגֶעהן הַיינט דוּרךְ דֵיינֶע אַלעֶ שאָף: טֵייל אָבּ פוּן זֵיי אַלֶע געֶפִּינטעֶלטעֶ אוּן געֶפלעֶקטעֶ שאָף, אַלעֶ בּרוֹינעֶ שאָף פוּן צווישעֶן דִי לעֶמעֶר, אוּן דִי געֶפלעֶקטעֶ אוּן געֶפִּינטעֶלטעֶ פוּן צווִישעֶן דִי צִיעגעֶן, אוּן דאָס וועֶט זֵיין מֵיין לוֹיהן.

33. אוּן עֶס וועֶט עֵדוּת זאָגעֶן אוֹיף מִיר מֵיין גֶערעֶכטִיגקַייט אִין דעֶר שְׁפֶּעטעֶרעֶר צַייט, ווען דוּ וועֶסט קוּמעֶן בּעֶקוּקעֶן מֵיין לוֹיהן, אִיז דאָס, וואָס אִיז נִישט געֶפִּינטעֶלט אוּן געֶפלעֶקט צווִישעֶן דִי צִיעגעֶן אוּן בּרוֹין צווִישעֶן דִי לעֶמעֶר, האָבּ אִיךְ דאָס געֶגַנְבֶה'ט.

34. האָט לבן געֶזאָגט: גוּט, זאָל זֵיין אַזוֹי ווִי דוּ זאָגסט.

35. אוּן עֶר האָט יעֶנעֶם טאָג אָבגעֶטֵיילט דִי געֶשפּרעֶנקעֶלטעֶ

און געפֿלעקטע בעק, און אַלע געפּינטעלטע און געפֿלעקטע ציגען, אַלין וואָס האָט עפּעס ווײַסעס אין זיך און אַלין וואָס ברוין צווישען די לעמער, און האָט עס איבערגעגעבען אין די הענד פֿון זײַנע קינדער.

36. און ער האָט אָבגעטיילט דרײַ טעג רײַזע צווישען איהם און צווישען יעקב'ן. און יעקב האָט געפּאַשעט די איבעריגע לבנ'ס שאָף.

37. האָט יעקב גענומען שטעקלעך פֿון פּאַפּעל־בוימער, מאַנדעל־בוימער און קאַשטאַן־בוימער און האָט אויסגעשיילט אין זיי ווײַסע פּאַסען, דאָס עס איז געוואָרען אָבגעדעקט דאָס ווײַסע, וואָס אויף די שטעקלעך,

38. און ער האָט געשטעלט די שטעקלעך, וואָס ער האָט אויסגעשיילט, אַקעגען די שאָף אין די קאָריטעס צו'ם טרינקען וואַסער, וואו די שאָף קומען טרינקען, און וואו זיי ווערען דערהיצט, ווען זיי קומען טרינקען.

39. און די שאָף זענען דערהיצט געוואָרען קעגען די שטעקלעך, האָבען די שאָף געבאָרען געשפּרענקעלטע, געפּינטעלטע און געפֿלעקטע.

40. און די לעמער האָט יעקב אָבגעטיילט און האָט געשטעלט די שאָף מיט'ן געזיכט צו דאָס געשפּרענקעלטע און ברוינע אין לבנ'ס שאָף, און ער האָט זיך געמאַכט באַזונדער סטאַדעס און האָט זיי נישט צוגעגעבען צו לבנ'ס שאָף.

41. און עס איז געווען יעדעס מאָל, ווען עס האָבען זיך דערהיצט די שטאַרקע שאָף, האָט יעקב אַרײַנגעשטעלט די שטעקלעך אין די קאָריטעס פֿאַר די אויגען פֿון די שאָף, כּדי זיי זאָלען זיך דערהיצען פֿאַר די שטעקלעך;

42. און ווען די שאָף זענען געווען שוואַכע, האָט ער די שטעקלעך נישט געשטעלט; זענען די שוואַכע געווען פֿאַר לבנ'ען, און די שטאַרקע — פֿאַר יעקב'ן.

43. און דער מאַן איז זעהר און זעהר רייך געוואָרען און ער האָט געהאַט פיעל שאָף און דיענסטען און קנעכט און קעמלען און איזלען.

קאפיטעל 31.

1. און ער האָט געהערט, ווי לָבָנ'ס זיהן רעדען אַזוי: יַעֲקֹב האָט צוגענומען אַלץ, וואָס געהער צו אונזער פאָטער, און פון דעם, וואָס געהער צו אונזער פאָטער, האָט ער געמאַכט די דאָזיגע גאַנצע רייכקייט.

2. און יעקב האָט געזעהן לבנ'ס געזיכט, דאָס עס איז שוין נישט צו איהם אַזוי ווי נעכטען און העהרנעכטען.

3. האָט גאָט געזאָגט צו יעקב'ן: קעהר צוריק אין לאַנד פון דיינע עלטערן און אין דיין געבורטס-אָרט, און איך וועל זיין מיט דיר.

4. האָט יעקב געשיקט רופען רָחֵל'ן און לֵאָה'ן אין פעלד אַריין, צו זיינע שאָף,

5. און האָט געזאָגט צו זיי: איך זעה דאָס געזיכט פון אייער פאָטער, דאָס עס איז שוין נישט צו מיר אַזוי ווי נעכטען און העהרנעכטען, און דער גאָט פון מיין פאָטער איז געוועזען מיט מיר.

6. און איהר ווייסט, דאָס מיט מיין גאַנצער קראַפט האָב איך געדיענט אייער פאָטער;

7. און אייער פאָטער האָט געשפאָט אויס מיר און האָט אומגעביטען מיין לויהן צעהנדליגער מאָל, נאָר גאָט האָט איהם נישט געלאָזען שלעכטס טהון מיט מיר.

8. פלעגט ער זאָגען: געפינטעלטע זאָלען זיין דיין לויהן, פלעגען אַלע שאָף געבוירען געפינטעלטע; און פלעגט ער זאָגען: געשפרענקעלטע זאָלען זיין דיין לויהן, פלעגען אַלע שאָף געבוירען געשפרענקעלטע.

9. און גאָט האָט אָבגענומען די פיה פון אייער פאָטער און האָט מיר געגעבען.

10. און עס איז געוועזן, ווען די שאָף האָבען זיך דער־הויצט, האָב איך אויפגעהויבען מיינע אויגען און האָב געזעהן אין חָלום, ווי די בעק, וואָס געהען אַרויף אויף די שאָף, זענען גע־שפרענקעלטע, געפּינטעלטע און געפּלעקטע.

11. און אַ מַלְאַך פון גאָט האָט צו מיר געזאָגט אין חלום, יעקב! האָב איך געזאָגט: דאָ בין איך!

12. האָט ער געזאָגט: הויב אויף דיינע אויגען און זעה די אַלע בעק, וואָס געהען אַרויף אויף די שאָף, זענען געשפרענקעלטע, געפּינטעלטע און געפּלעקטע, דען איך האָב געזעהן אַלץ, וואָס לבן טהוט דיר.

13. איך בין דער גאָט פון בית־אֵל, וואָס דו האָסט דאָרט געזאַלבט אַ מַצֵבָה און דו האָסט דאָרט צו מיר אַ נֶדֶר געטהון. איצט שטעה אויף, געה אַרויס פון דעם דאָזיגען לאַנד, און קעהר צוריק אין דיין געבורטסלאַנד.

14. האָבען רחל און לאה געענטפערט און האָבען געזאָגט צו איהם: צי דען האָבען מיר נאָך אַ טייל און אַ יְרוּשָה אין אונזער פאָטערס הויז?

15. מיר זענען דאָך ביי איהם גערעכענט אַזוי ווי פרעמדע, דען ער האָט אונז פערקויפט, און האָט נאָך אויפגעגעסען אונ־זער געלד;

16. דען די גאַנצע רייכקייט, וואָס גאָט האָט אָבגענומען פון אונזער פאָטער, געהער עס צו אונז און צו אונזערע קינדער. און איצט, אַלץ, וואָס גאָט זאָגט צו דיר, טהו עס.

17. איז יעקב אויפגעשטאַנען און האָט גענומען זיינע קינדער און זיינע ווייבער אויף די קעמלען,

18. און האָט אַוועקגעפיהרט זיינע אַלע פיה און זיין גאַנץ פערמעגען, וואָס ער האָט אָנגעזאַמעלט, די פיה פון זיין איינגע־טום, וואָס ער האָט זיך פערשאַפט אין פַּדַן אֲרָם, אום צו קומען צו זיין פאָטער יִצחק, אין לאַנד כְּנַעַן.

19. און לבן איז געוועזן געגאַנגען שערען זיינע שאָף;

האָט רחל צוּ גֶעגַנְבֶה'ט אִיהר פֿאָטערס אָבגעטער.

20. און יעקב האָט אָבגענאַרט דאָס האַרץ פֿון לבן דעם אֲרַמִי, דען ער האָט אִיהם נִישט געזאָגט, דאָס ער אַנטלויפֿט.

21. און ער אִיז אַנטלאָפֿען, ער און אַלץ, וואָס ער האָט געהאַט, און ער אִיז אויפֿגעשטאַנען און אִיז אַרִיבערגעגאַנגען דעם טײַך און זִיך געלאָזט געהן צו'ם באַרג גִלְעָד.

22. האָט מען אָנגעזאָגט לבנ'ן אויפֿ'ן דרִיטען טאָג, דאָס יעקב אִיז אַנטלאָפֿען.

23. האָט ער מִיטגענומען מִיט זִיך זײַנע ברִידער און האָט אִיהם נאָכגעיאָגט אַ שטרעקע פֿון זִיבען טעג רײַזע, און האָט אִיהם דעריאָגט בײַ'ם באַרג גלעד.

24. אִיז גאָט געקומען צוּ לבן דעם ארמי בײַנאַכט אִין חלום און האָט צוּ אִיהם געזאָגט: הִיט זִיך, דוּ זאָלסט נִישט רעדען מִיט יעקב'ן פֿון גוּט בִּיז שלעכטס.

25. און לבן האָט דערגרײַכט יעקב'ן. און יעקב האָט אויסגעשטעלט זײַן געצעלט אויפֿ'ן באַרג, און לבן מִיט זײַנע ברִידער האָבען אויסגעשטעלט זײער געצעלט אויפֿ'ן באַרג גלעד.

26. און לבן האָט געזאָגט צוּ יעקב'ן: וואָס האָסטוּ געטהון? דוּ האָסט אָבגענאַרט מײַן האַרץ און האָסט אַוועקגעפֿיהרט מײַנע טעכטער אַזוֹי ווִי געפֿאַנגענע דורך דעם שווערד.

27. פֿאַרוואָס בִּיזטוּ אַנטלאָפֿען אִין געהײם און האָסט מִיך אָבגענאַרט, און האָסט מִיר נִישט געזאָגט, און אִיך וואָלט דאָך דִיר בעגלײט מִיט פֿרײד און מִיט געזאַנג, מִיט פּויק און מִיט פִֿידעל;

28. און דוּ האָסט מִיך נִישט געלאָזט קושען מײַנע זִיהן און טעכטער. און אַזוֹי האָסטוּ נאַרִיש געטהון.

29. אִיך בִּין אִימשטאַנד צוּ טהון אײַך שלעכטס, נאָר דער גאָט פֿון אײַער פֿאָטער האָט נעכטען צוּ מִיר אַזוֹי געזאָגט: הִיט זִיך, דוּ זאָלסט נִישט רעדען מִיט יעקב'ן פֿון גוּט בִּיז שלעכטס.

30. און אִיצט, מֵילָא וואָס דוּ בִּיזט אַוועקגעגאַנגען, ווײַל

דו האָסט זיך פֿערבענקט נאָך דײַן פֿאָטערס הויז, נאָר פֿאַרוואָס האָסטו אַוועקגעגנבה'ט מײַנע געטער?

31. האָט יעקב געענטפֿערט און האָט געזאָגט צו לבנ'ן: ווײַל איך האָב מורא געהאַט; דען איך האָב זיך געטראַכט: טאָמער וועסטו אַוועקרויבען מײַנע טעכטער פֿון מיר.

32. און וויעדער דער, בײַ וועמען דו וועסט געפֿינען דײַנע געטער, זאָל ער נישט לעבען פֿאַר אונזערע ברידער. דערקען אַלין, וואָס איך האָב מיט זיך, און נעהם דיר דײַנם. און יעקב האָט נישט געוואוסט, דאָס רחל האָט זיי צוגעגנבה'ט.

33. איז לבן געקומען אין יעקב'ס געצעלט און אין לאה'ס געצעלט און אין געצעלט פֿון די צוויי דיענסטען, און האָט נישט געפֿונען. איז ער אַרויסגעגאַנגען פֿון לאה'ס געצעלט און איז געקומען אין רחל'ס געצעלט.

34. און רחל האָט גענומען די אָבגעטער און האָט זיי אַרײַנגעלעגט אין זאָטעל פֿון קעמעל און האָט זיך געזעצט אויף זיי. האָט לבן אַרומגעטאַפּט דעם גאַנצען געצעלט און האָט נישט געפֿונען.

35. האָט זי געזאָגט צו איהר פֿאָטער: זאָל נישט פֿערדריסען מײַן העררן, דען איך קאָן נישט אויפֿשטעהן פֿאַר דיר, ווײַל בײַ מיר איז ווי דער שטייגער איז בײַ ווײַבער. האָט ער געזוכט און האָט נישט געפֿונען די אָבגעטער.

36. האָט עס יעקב'ן פֿערדראָסען, האָט ער זיך געקריעגט מיט לבנ'ן, און יעקב האָט געענטפֿערט און געזאָגט צו לבנ'ן: וואָס איז מײַן שולד און וואָס איז מײַן זינד, דאָס דו האָסט זיך נאָכגעיאָגט נאָך מיר,

37. דאָס דו האָסט אויסגעטאַפּט מײַנע אַלע זאַכען? וואָס דו האָסט געפֿונען פֿון דײַנע אַלע שטוב-זאַכען, לעג עס אַט דאָ פֿאַר מײַנע ברידער און דײַנע ברידער, און זאָלען זיי משפּט'ען צווישען אונז ביידען.

38. שוין צוואַנציג יאָהר, ווי איך בין בײַ דיר; דײַנע לעמער און דײַנע ציגען האָבען נישט פֿערוואָרפֿען; און די

בּאַראַנעם פֿון דײַנע שאָף האָב איך ניט אױפֿגעגעסען;

39. די, װאָס חיות האָבען צעריסען, האָב איך צו דיר ניט געבּראַכט: איך האָב דערפֿאַר געמוזט בעצאָהלען; פֿון מײַן האַנד האָסטו געפֿאָדערט פֿאַר דאָס, װאָס איז געגנבה'ט געװאָרען בײַ טאָג, און פֿאַר דאָס, װאָס איז געגנבה'ט געװאָרען בײַנאַכט.

40. בײַטאָג בין איך פֿערשמאַכט געװאָרען פֿון דער היץ, און פֿון קעלט — בײַנאַכט, און עס איז פֿערװאָגעלט געװאָרען מײַן שלאָף פֿון מײַנע אױגען.

41. אָט אַזױ האָב איך פֿערבראַכט צװאַנציג יאָהר אין דײַן הױז: פֿירצעהן יאָהר האָב איך דיך געדיענט פֿאַר דײַנע צװײ טעכטער, און זעקס־יאָהר — פֿאַר דײַנע שאָף, און דו האָסט אומגעביטען מײַן לױהן צעהנדליגער מאָל.

42. װען ניט דער גאָט פֿון מײַן פֿאָטער, דער גאָט פֿון אַבְרָהָם און פֿורכט פֿון יִצְחָק, װאָלט מיר בײַגעשטאַנען, װאָלסטו מיך איצט אַװעקגעשיקט מיט גאָרניט. נאָר גאָט האָט אײַנגעזעהן מײַן אָרימקײַט און די מיה פֿון מײַנע הענד, און האָט זיך נעכטען פֿאַר מיר אָנגענומען.

43. האָט לבן געענטפֿערט און געזאָגט צו יעקב'ן: די טעכטער זענען מײַנע טעכטער, און די זיהן זענען מײַנע זיהן, און די שאָף זענען מײַנע שאָף, און אַלץ, װאָס דו זעהסט, איז מײַנס, הײַנט װאָס קאָן איך איצט טהון די דאָזיגע טעכטער מײַנע, אָדער זײערע קינדער, װאָס זײ האָבען געבאָרען?

44. און איצט לאָ'מיר שליסען אַ בונד, איך און דו, און זאָל דאָס זײַן אַ עדות צװישען מיר און צװישען דיר.

45. האָט יעקב גענומען אַ שטײן און האָט איהם אױפֿגעשטעלט פֿאַר אַ דענקמאַל.

46. און יעקב האָט געזאָגט צו זײַנע ברידער: קלײַבּט אױף שטײנער. האָבען זײ גענומען שטײנער און געמאַכט אַ בערגעל און האָבען געגעסען דאָרט אױפֿ'ן בערגעל.

47. און לבן האָט עס אָנגערופֿען: יְגַר־שָׂהֲדוּתָא, און יעקב האָט עס אָנגערופֿען: גַלְעֵד.

48. און לבן האָט געזאָגט: דאָס דאָזיגע בערגעל איז אַ עדות היינט צווישען מיר און צווישען דיר; דעריבער האָט ער אָנגערופֿען זיין נאָמען: גַלְעֵד,

49. און אויך: מִצְפָּה, דען ער האָט געזאָגט: זאָל גאָט פֿון דאַנען קוקען צווישען מיר און צווישען דיר, ווען מיר וועלען פֿערשוואונדען ווערען איינער פֿון צווייטען.

50. אויב דו וועסט פּייניגען מיינע טעכטער און אויב דו וועסט נעהמען אַנדערע ווייבער אויסער מיינע טעכטער, איז האָטש מיט אונז איז נישטאָ קיין אַנדער מענש, דאָך זעה, דאָס גאָט איז אַ עדות צווישען מיר און צווישען דיר.

51. און לבן האָט געזאָגט צו יעקב'ן: אָט איז דאָס דאָזיגע בערגעל און אָט איז דער דענקמאַל, וואָס איך האָב אויפֿגעשטעלט צווישען מיר און צווישען דיר.

52. אַ עדות איז דאָס דאָזיגע בערגעל, און אַ עדות איז דער דענקמאַל, דאָס איך וועל נישט אַריבערגעהן צו דיר איבער דאָס דאָזיגע בערגעל, און דו וועסט נישט אַריבערגעהן צו מיר איבער דאָס דאָזיגע בערגעל און איבער דעם דאָזיגען דענקמאַל, שלעכטס צו טהון.

53. דער גאָט פֿון אברהם און דער גאָט פֿון נחור, דער גאָט פֿון זייער פֿאָטער זאָל משפּטען צווישען אונז. און יעקב האָט געשוואָרען אין דער פֿורכט פֿון זיין פֿאָטער יִצְחָק.

54. און יעקב האָט געשאָכטען אַ קָרְבָּן אויפֿ'ן באַרג, און ער האָט גערופֿען זיינע ברידער צו עסען ברויט, און זיי האָבען געגעסען ברויט און האָבען גענעכטיגט אויפֿ'ן באַרג.

קאַפּיטעל 32.

1. און לבן איז אויפֿגעשטאַנען גאַנץ פֿריה און האָט געקושט זיינע זיהן און טעכטער און האָט זיי געבענשט און ער איז אַוועקגעגאַנגען. און לבן האָט צוריקגעקעהרט צו זיין אָרט.

2. און יעקב איז געגאַנגען זיין וועגס, און עס האָבען איהם בעגעגענט מַלְאָכִים פֿון גאָט.

3. האָט יעקב געזאָגט, ווי ער האָט זיי געזעהן: דאָס איז גאָטס מַחֲנֶה. און ער האָט אָנגערופֿען דעם נאָמען פֿון יענעם אָרט: מַחֲנַיִם.

אכטע סֶדְרָה: וַיִשְׁלַח.

4. און יעקב האָט געשיקט פֿאָראויס שְׁלוּחִים צו זיין ברודער עֵשָׂו אין לאַנד שֵׂעִיר, אין פֿעלד אֱדוֹם.

5. און ער האָט זיי אַזוי אָנגעזאָגט: אַזוי זאָלט איהר זאָגען צו מיין העררן צו עֵשָׂו'ן: אַזוי האָט געזאָגט דיין קנעכט יעקב: ביי לָבָן'ן האָב איך געוואָהנט און האָב מיך פֿערזאָמט ביי איהם ביז איצט,

6. און איך האָב אָקסען און עזלען, שאָף און קנעכט און דיענסטען; האָב איך געשיקט דאָס צו זאָגען צו מיין העררן, צו געפֿינען לייטזעליגקייט אין דיינע אויגען.

7. זענען די שְׁלוּחִים צוריקגעקומען צו יעקב'ן און האָבען אַזוי געזאָגט: מיר זענען געקומען צו דיין ברודער עֵשָׂו'ן, און ער געהט דיר אַקעגען, און מיט איהם זענען פֿיער הונדערט מאַן.

8. האָט יעקב זעהר מוֹרָא געהאַט און עס האָט איהם באַנג געטהון; האָט ער צעטיילט דאָס פֿאָלק, וואָס ער האָט געהאַט מיט זיך, און די שאָף און די רינדער און די קעמלען אויף צוויי מַחֲנוֹת,

9. און האָט געזאָגט: אויב עֵשָׂו וועט קומען צו איין מחנה און וועט זי שלאָגען, וועט די איבעריגע מחנה אַנטרונען ווערען.

10. און יעקב האָט געזאָגט: גאָט פֿון מיין פֿאָטער אברהם און גאָט פֿון מיין פֿאָטער יִצחק, דער גאָט, וואָס זאָגט צו מיר: קעהר צוריק אין דיין לאַנד און אין דיין געבורטס-אָרט, און איך וועל דיר גוטס טהון;

11. איך בין נישט ווערט די גאַנצע גנאָד און די גאַנצע

טרײַהײַט, וואָס דו האָסט געטהון מיט דײַן קנעכט, דען מיט מײַן שטעקען בין איך אַריבערגעגאַנגען דעם דאָזיגען יַרְדֵן, און איצט האָב איך צוויי מַחֲנוֹת.

12. רעטע מיך פון מײַן ברודערס האַנד, פון עֵשָׂו׳ס האַנד, דען איך האָב מורא פאַר איהם, טאָמער קומט ער און שלאָגט מיך, די מוטער צוזאַמען מיט די קינדער.

13. און דו האָסט דאָך געזאָגט: איך וועל דיר גוטס טהון, און וועל מאַכען דײַנע קינדער אַזוי ווי דער זאַמד בײַ׳ם יַם, וואָס איז אַזוי פיעל, אַז מען קאָן דאָס נישט צעהלען.

14. און ער האָט דאָרט גענעכטיגט יענע נאַכט. און ער האָט גענומען פון דיעם, וואָס ער האָט געהאַט אונטער דער האַנד, אַ מַתָּנָה פאַר זײַן ברודער עֵשָׂו:

15. צוויי הונדערט ציגען און צוואַנציג בעק, צוויי הונדערט לעמער און צוואַנציג באַראַנעס,

16. דרײַסיג זייגענדע קעמלען און זייערע קינדער, פיערציג קיה, און צעהן אָקסען, צוואַנציג עזלינגען און צעהן קליינע עזעלעך.

17. און ער האָט דאָס געגעבען אין די הענד פון זײַנע קנעכט, יעדע סטאַדע בעזונדער, און ער האָט געזאָגט צו זײַנע קנעכט: געהט פאַר מיר פאָרויס, און איהר זאָלט מאַכען אַ צווישענשייד צווישען איין סטאַדע און דער אַנדערער.

18. און ער האָט דעם ערשטען אַזוי אָנגעזאָגט: ווען עס וועט דיך טרעפען מײַן ברודער עֵשָׂו און וועט דיך אַזוי פרעגען: וועמעס ביזטו און וואוהין געהסטו און וועמעס איז דאָס, וואָס דו האָסט פאַר דיר? —

19. זאָלסטו זאָגען: דאָס איז דײַן קנעכטס יעקב׳ס, געשיקט אַ מתנה פאַר מײַן הערר עֵשָׂו, און ער אַליין געהט אויך הינטער אונז.

20. און ער האָט אָנגעזאָגט אויך דעם צווייטען, אויך דעם דריטען, אויך די אַלע, וואָס זענען געגאַנגען נאָך די סטאַדעס, און האָט זיי געהייסען: אַזוי זאָלט איהר זאָגען צו עֵשָׂו׳ן, ווען איהר וועט איהם אָנטרעפען.

21. און אִיהר זָאלט זָאגֶען: אויך דײַן קנעֶכט יעקב גֶעהט הִינ־טעֶר אונז. דעֶן עֶר האָט געֶטראַכט: איִך ווִעל אִיהם אִיבּעֶרבּעֶטעֶן מִיט דעֶר מַתָּנָה, וואָס געֶהט פאַר מִיר, און דעֶרנאָך ווִעל איִך זעֶהן זײַן אַנגעֶזִיכט, פִילײַכט וועֶט עֶר מִיך גוּט אָנגעֶהמעֶן.

22. אִיז דִי מתנה פאָראויסגעֶגאַנגעֶן פאַר אִיהם, און עֶר האָט יעֶנעֶ נאַכט געֶנעֶכטִיגט אִין דעֶר מַחֲנֶה.

23. און עֶר אִיז אויפגעֶשטאַנעֶן בײַ נאַכט און האָט געֶנוּמעֶן זײַנעֶ צווײ ווײַבּעֶר און זײַנעֶ צווײ דִיענסטעֶן און זײַנעֶ עֶלְף קִינדעֶר און אִיז אַרִיבּעֶרגעֶגאַנגעֶן דעֶם אִיבּעֶרגאַנג יַבּוֹק;

24. און עֶר האָט זײ געֶנוּמעֶן און זײ אַרִיבּעֶרגעֶפִיהרט דעֶם טײַך און האָט אַרִיבּעֶרגעֶפִיהרט אַלץ, וואָס עֶר האָט געֶהאַט.

25. אִיז יעקב געֶבּלִיעבּעֶן אַלײן. האָט זִיך אַ מאַן מִיט אִיהם געֶראַנגעֶלט בִּיז דעֶר מאָרגעֶנשטעֶרן אִיז אויפגעֶגאַנגעֶן.

26. האָט עֶר געֶזעֶהן, דאָס עֶר קאָן אִיהם נִישט בּײַקוּמעֶן, האָט עֶר אָנגעֶרִיהרט אָן דעֶם גלִיעד פוּן זײַן זײַט, און עֶס האָט זִיך אויסגעֶלעֶנקט דאָס גלִיעד פוּן יעקב'ס זײַט, ווען עֶר האָט זִיך געֶראַנגעֶלט מִיט אִיהם.

27. און עֶר האָט געֶזאָגט: לאָז מִיך אָבּ, דעֶן דעֶר מאָרגעֶנ־שטעֶרן אִיז שוין אויפגעֶגאַנגעֶן; האָט יעקב געֶזאָגט: איִך ווִעל דִיך נִישט אָבּלאָזעֶן, בִּיז דוּ וועֶסט מִיך בּעֶנשעֶן.

28. האָט עֶר צוּ אִיהם געֶזאָגט: ווִי אִיז דײַן נאָמעֶן? האָט עֶר געֶזאָגט: יַעֲקֹב.

29. האָט עֶר געֶזאָגט: דײַן נאָמעֶן זאָל שוין מעֶהר נִישט זײַן יַעֲקֹב, נאָר יִשְׂרָאֵל, דעֶן דוּ האָסט געֶקעֶמפפט מִיט גאָט און מִיט מעֶנשעֶן און דוּ האָסט זײ בּײַגעֶקוּמעֶן.

30. האָט יעקב געֶפרעֶגט און געֶזאָגט: זאָג דײַן נאָמעֶן. האָט עֶר געֶזאָגט: צוּ וואָס פרעֶגסטוּ וועֶגעֶן מײַן נאָמעֶן? און עֶר האָט אִיהם דאָרט געֶבּעֶנשט.

31. האט יעקב אָנגעֶרוּפעֶן דעֶם נאָמעֶן פוּן אָרט: פְּנִיאֵל,

דען איך האב געזעהן גאט אנגעזיכט אין אנגעזיכט, און מיין זעלע איז געראטעט געווארען.

32. און עס האט איהם אויפגעשיינט די זון, ווען ער איז פערבייגעגאנגען פנואל, און ער האט געהינקט אויף זיין זייט.

33. דעריבער עסען נישט די קינדער פון ישראל דעם שפאנ־אדער אויפ'ן גליעד פון זייט ביז היינטיגען טאג, דען ער האט אנגערוהרט אין גליעד פון יעקב'ס זייט אין שפאנ־אדער.

קאפיטעל 33.

1. און יעקב האט אויפגעהויבען זיינע אויגען און האט געזעהן, ווי עשו קומט אן, און מיט איהם זענען פיער הונדערט מאן, האט ער צעטיילט די קינדער צווישען לאה'ן און רחל'ן און די צווי דיענסטען.

2. און ער האט געשטעלט די דיענסטען און זייערע קינדער צו'ם ערשטען, און לאה'ן און איהרע קינדער נאך זיי, און רחל'ן מיט יוסף'ן צום לעצטען.

3. און ער איז געגאנגען פארויס פאר זיי און האט זיך געבוקט צו דער ערד זיעבען מאל, ביז ער איז צוגעקומען צו זיין ברודער.

4. איז עשו געלאפען איהם א קעגען און האט איהם געהאלזט, און איז געפאלען אויף זיין האלז און האט איהם געקושט, און זיי האבען געוויינט.

5. און עשו האט אויפגעהויבען זיינע אויגען און האט געזעהן די ווייבער און די קינדער, האט ער געזאגט: ווער זענען די דאזיגע ביי דיר? האט ער געזאגט: די קינדער, וואס גאט האט געשענקט דיין קנעכט.

6. זענען צוגעגאנגען די דיענסטען, זיי און זייערע קינדער און האבען זיך געבוקט.

7. און לאה און איהרע קינדער זענען אויך צוגעגאנגען און

האָבען זיך גענבוקט, און דערנאָך איז צוגעגאַנגען יוסף און רחל און האָבען זיך געבוקט.

8. האָט ער געזאָגט: ווער איז דאָס בײַ דיר די גאַנצע מַחֲנֶה, וואָס איך האָב בעגעגענט? האָט (יעקב) געזאָגט: אום צו געפינען ליַיטזעליגקיַיט אין די אויגען פון מיַין הערן.

9. האָט עשו געזאָגט: איך האָב פיעל, מיַין ברודער, האַלט דיר דאָס, וואָס דו האָסט.

10. האָט יעקב געזאָגט: ניין דאָך, אויב איך האָב געפונען ליַיטזעליגקיַיט אין דיַינע אויגען, זאָלסטו נעהמען מיַין מַתָּנָה פון מיַין האַנד, דען דערפאַר האָב איך געזעהן דיַין אַנגעזיכט, ווי מען זעהט דאָס אַנגעזיכט פון גאָט, און דו ביזט געוועזען גוט צו מיר.

11. נעהם מיַין מתנה, וואָס איז דיר געבראַכט געוואָרען, דען גאָט האָט מיך בעשענקט, און איך האָב אַלץ. און ער האָט איהם שטאַרק געבעטען, האָט ער גענומען.

12. האָט (עשו) געזאָגט: לאָ'מיר וויַיטער ציהען און געהן, און איך וועל געהן פאַר דיר.

13. האָט (יעקב) צו איהם געזאָגט: מיַין הערר ווייס, דאָס די קינדער זענען יונג, און די שאָף און די רינדער זענען בײַ מיר זויגענדיגע, און אויב מען וועט זיי איין טאָג צופיעל טריַיבען, וועט דאָס גאַנצע שאָף אויסשטאַרבען.

14. זאָל מיַין הערר דעריבער פאָרויסגעהן פאַר זיַין קנעכט, און איך וועל מיך פיהרען פאַמעלעך, לויט די פיה, וואָס פאַר מיר וועט געהן, און לויט די קינדער וועלען געהן, ביז איך וועל קומען צו מיַין הערר קיין שֵׂעִיר

15. האָט עשו געזאָגט: לאָ'מיך בײַ דיר איבערלאָזען אייניגע פון פאָלק, וואָס מיט מיר. האָט ער געזאָגט: צו וואָס? לאָ'מיך נאָר געפינען ליַיטזעליגקיַיט אין די אויגען פון מיַין קנעכט.

16 און עשו האָט צוריקגעקעהרט יענעם טאָג אין זיַין וועג קיין שֵׂעִיר.

17. און יעקב האָט זיך געצויגען קיין סֻכּוֹת, און האָט זיך

געבויט אַ הויז. און פֿאַר זיינע פֿיה האָט ער געמאַכט ביידלעך (סוכות), דעריבער האָט ער אָנגערופֿען דעם נאָמען פֿון אָרט סֻכּוֹת.

18. און יעקב איז געקומען אין פֿריעדען אין דער שטאָדט שְׁכֶם, וואָס אין לאַנד כְּנַעַן, נאָכדעם ווי ער איז געקומען פֿון פַּדַּן אֲרָם, און ער האָט אויסגעשפּרייט זיין לאַגער פֿאַר דער שטאָדט.

19. און ער האָט געקויפֿט אַ טייל פֿון דעם פֿעלד, וואו ער האָט דאָרט אויסגעשפּרייט זיין געצעלט, פֿון די זיהן פֿון חֲמוֹר, דער פֿאָטער פֿון שְׁכֶם, פֿאַר הונדערט קְשִׂיטוֹת.

20. און ער האָט דאָרט געשטעלט אַ מִזְבֵּחַ און האָט איהם אָנגערופֿען: גאָט, דער גאָט פֿון יִשְׂרָאֵל.

קאַפּיטעל 34.

1. און דִּינָה, די טאָכטער פֿון לֵאָה, וואָס זי האָט געבאָרען יעקב'ן, איז אַרויסגעגאַנגען, צו זעהן די טעכטער פֿון לאַנד.

2. האָט שְׁכֶם, דער זוהן פֿון חֲמוֹר דער חִוִּי, דער פֿירשט פֿון לאַנד, זי דערזעהען, האָט ער זי גענומען און איז געלעגען מיט איהר און האָט זי געפּייניגט.

3. און עס האָט זיך בעהעפֿט זיין זעעלע אָן דינה'ן, יעקב'ס טאָכטער, און ער האָט ליעב בעקומען דאָס מעדעל, און האָט גערעדט צו'ם הארצען פֿון מעדעל.

4. און שכם האָט אַזוי געזאָגט צו זיין פֿאָטער חֲמוֹר: נעהם מיר דאָס דאָזיגע מעדעל פֿאַר אַ ווייב.

5. און יעקב האָט געהערט, אַז ער האָט געשענדעט זיין טאָכטער דינה, און זיינע קינדער זענען געוועזן מיט די פֿיה אין פֿעלד, האָט יעקב געשוויגען, ביז זיי זענען געקומען.

6. און חמור, שכם'ס פֿאָטער, איז אַרויסגעקומען צו יעקב'ן צו רעדען מיט איהם.

7. און יעקב'ס זיהן זענען געקומען פֿון פֿעלד. ווי זיי האָבען דערהערט, זענען די מענער אומעטיג געוואָרען און עס האָט זיי

זְעהר פֿערדראָסען, דען ער האָט געטהון אַ שאַנדע פֿאַר יִשְׂרָאֵל, צוּ שלאָפֿען מיט יעקב'ס טאָכטער, און אַזוי זאָל ניט געטהון ווערען.

8. האָט חמוֹר מיט זיי אַזוי גערעדט: די זעעלע פֿון מיין זוהן שכם האָט זיך פֿערגלוסט צו אייער טאָכטער. גיעט זי איהם פֿאַר אַ ווייב.

9. און זייט זיך מִתְחַתֵּן מיט אונז: אייערע טעכטער וועט איהר אונז געבען, און אונזערע טעכטער וועט איהר אייך נעהמען.

10. און מיט אונז וועט איהר זיצען, און דאָס לאַנד וועט זיין פֿאַר אייך, וואָהנט און האַנדעלט דאָ און פֿערשאַפֿט זיך דאָ איינגענטום.

11. און שכם האָט געזאָגט צו איהר פֿאָטער און צו איהרע ברידער: איך וויל געפֿינען לייטזעליגקייט אין אייערע אויגען, און וואָס איהר וועט מיר זאָגען, וועל איך געבען.

12. פֿערלאַנגט פֿון מיר זעהר פֿיעל גאָב און מַתָּנוֹת, און איך וועל געבען, ווי איהר וועט מיר זאָגען, און גיעט מיר דאָס מעדעל פֿאַר אַ ווייב.

13. האָבען יעקב'ס זוהן געענטפֿערט שכם'ן און זיין פֿאָטער חמור'ן און האָבען גערעדט מיט פֿאַלשקייט, דערפֿאַר, וואָס ער האָט געשענדעט זייער שוועסטער דִינָה;

14. און זיי האָבען געזאָגט צו זיי: מיר קאָנען ניט טהון די דאָזיגע זאַך, צו געבען אונזער שוועסטער צו אַ מאַן, וואָס איז ניט בעשניטען, דען דאָס איז פֿאַר אונז אַ שאַנדע;

15. נאָר דאַן וועלען מיר מיט אייך איינשטימען, אויב איהר וועט זיין ווי מיר, איהר זאָלט בעשניידען יעדען זָכָר;

16. דאַן וועלען מיר אייך געבען אונזערע טעכטער, און אייערע טעכטער וועלען מיר אונז נעהמען, און מיר וועלען זיצען מיט אייך, און מיר וועלען ווערען איין פֿאָלק.

17. און אויב איהר וועט אונז ניט פֿאָלגען, זיך צובע־שניידען, וועלען מיר נעהמען אונזער טאָכטער און מיר וועלען געהן.

18. זענען זייערע רעד געפֿעלען געוואָרען אין די אויגען

פון חֲמוֹר און אין די אויגען פון שְׁכֶם, המוֹר'ס זוהן.

19. און דער יונג האָט נישט פערזוימט צו טהון די זאַך, דען ער האָט בעגעהרט יעקב'ס טאָכטער; און ער איז געוועזען דער חָשׁוּב'סטער פון דאָס גאַנצע הויז פון זיין פאָטער.

20. און חמור און זיין זוהן שכם זענען געקומען צו'ם טויער פון זייער שטאָדט, און האָבען אַזוי גערעדט צו די מענשען פון זייער שטאָדט:

21. די דאָזיגע מענשען זענען פריעדליך מיט אונז, זאָלען זיי וואָהנען אין לאַנד און האַנדלען דאָ, און דאָס לאַנד איז זעהר ברייט פאַר זיי; זייערע טעכטער וועלען מיר אונז נעהמען פאַר ווייבער, און אונזערע טעכטער וועלען מיר זיי געבען.

22. נאָר די מענשען וועלען איינשטימען צו זיצען מיט אונז און צו זיין איין פאָלק מיט אונז נאָר דער מיט, וואָס מיר וועלען בעשניידען יעדען זָכָר, אַזוי ווי זיי ווערען בעשניטען.

23. זייער פִיה און זייער אייגענטום און אַלע זייערע בְּהֵמוֹת זענען דאָך אונזערע, ווי באַלד נאָר מיר וועלען איינשטימען מיט זיי און זיי וועלען וואָהנען מיט אונז.

24. און אַלע, וואָס געהען אריין און אַרוים דורכ'ן טויער פון זיין שטאָדט, האָבען געפאָלגט חמור'ן און זיין זוהן שכם'ן, און עס זענען בעשניטען געוואָרען אַלע זְכָרים, אַלע, וואָס געהען אריין און אַרוים דורכ'ן טויער פון זיין שטאָדט.

25. און עס איז געוועזען אין דריטען טאָג, ווען זיי האָט געשמערצט, האָבען גענומען צוויי יעקב'ס זוהן שִׁמְעוֹן און לֵוִי, דִינָה'ס ברידער, יעדער זיין שווערד, און זענען געקומען אויף דער רוהי־גער שטאָדט און האָבען געטוידט יעדען זָכָר.

26. און חמור'ן און זיין זוהן שכם'ן האָבען זיי געטוידט מיט'ן שווערד, און האָבען גענומען דינה'ן פון שכם'ס הויז און זענען אַוועקגעגאַנגען.

27. יעקב'ס זוהן זענען געקומען אויף די דערשלאָגענע און האָבען בערויבט די שטאָדט, וואו מען האָט געשענדעט זייער שוועסטער.

28. זייערע שאָף און זייערע רינדער און זייערע עזלען און וואָס איז געוועזען אין שטאָדט און וואָס איז געוועזען אין פֿעלד האָבען זיי צוגענומען.

29. און זייער גאַנץ פֿערמעגען און זייערע אַלע קליינע קינדער און זייערע ווייבער האָבען זיי געפֿאַנגען און אַוועקגערויבט, און אַלץ וואָס איז געוועזען אין די הייזער.

30. האָט יעקב געזאָגט צו שִׁמְעוֹנ'ן און צו לֵוִי'ן: איהר האָט מיך בעטריבט, דען איהר האָט מיך פֿערמיאוסט פֿאַר די איינוואָהנער פֿון לאַנד, פֿאַר די כְּנַעֲנִים און פֿאַר די פְּרִזִּים; און איך בעשטעה דאָך פֿון גאַנץ ווענינ מענשען, און זיי וועלען זיך פֿערזאַמלען קעגען מיר און מיך דערשלאָגען, און איך וועל פֿערטיליגט ווערען איך און מיין הויז.

31. האָבען זיי געזאָגט: צי דען מעג ער מאַכען מיט אונזער שוועסטער אַזוי ווי מיט אַ זונה

קאפיטעל 35.

1. און גאָט האָט געזאָגט צו יעקב'ן: שטעה אויף און געה אַרויף קיין בֵּית־אֵל און וואָהן דאָרט און מאַך דאָרט אַ מִזְבֵּחַ פֿאַר דעם גאָט, וואָס האָט זיך צו דיר בעוויזען, ווען דו ביזט אַנטלאָפֿען פֿאַר דיין ברודער עֵשָׂו'ן.

2. האָט יעקב געזאָגט צו זיין הויזגעזינד און צו אַלעם, וואָס איז געוועזען מיט איהם: טהוט אָב פֿון אייך די פֿרעמדע געטער, וואָס צווישען אייך, און ווערט גערייניגט און ביייט אום אייערע קליידער.

3. און מיר וועלען אויפשטעהן און מיר וועלען אַרויפֿגעהן אין בית־אל, און איך וועל דאָרט מאַכען אַ מזבח פֿאַר דעם גאָט, וואָס ענטפֿערט מיר אין דעם טאָג פֿון מיין אונגליק און איז געוועזען מיט מיר אין דעם וועג, וואָס איך בין געגאַנגען.

4. האָבען זיי אָבגעגעבען יעקב'ן אַלע פֿרעמדע געטער, וואָס אין זייערע האַנד, און די אויררינגלעך, וואָס אין זייערע אויערען,

און יעקב האָט זיי בעהאַלטען אונטער דעם בוים, וואָס נעבען שכם.

5. און זיי זענען אַרויסגעצויגען. און עס איז געווען די פורכט פון גאָט אויף די שטעדט, וואָס אַרום זיי, און זיי האָבען ניט נאָכגעיאָגט נאָך יעקב'ס זיהן.

6. און יעקב איז געקומען קיין לוז, וואָס אין לאַנד כְּנַעַן, דאָס איז בֵּית־אֵל, ער און דאָס גאַנצע פאָלק, וואָס מיט איהם.

7. און ער האָט דאָרט געבויט אַ מזבח און האָט אָנגערופען דאָס אָרט אֵל בית־אֵל, דען דאָרט האָט זיך צו איהם אַנטדעקט גאָט, ווען ער איז אַנטלאָפען פאַר זיין ברודער.

8. און עס איז געשטאָרבען דְבוֹרָה, רִבְקָה'ס אַם, און זי איז בעגראָבען געוואָרען אונטער בית־אֵל, אונטער דעם אייכענבוים, און ער האָט אָנגערופען זיין נאָמען אַלוֹן בָּכוּת.

9. און גאָט האָט זיך נאָך בעוויזען צו יעקב'ן, ווען ער איז געקומען פון פַּדַן אֲרָם, און האָט איהם געבענשט.

10. און גאָט האָט צו איהם געזאָגט: דיין נאָמען איז יַעֲקֹב; עס זאָל שוין מעהר ניט אָנגערופען ווערען דיין נאָמען יעקב, נאָר יִשְׂרָאֵל וועט זיין דיין נאָמען. און ער האָט אָנגערופען זיין נאָמען יִשׂרָאֵל.

11. און גאָט האָט צו איהם געזאָגט: איך בין דער אַלמעכטיגער גאָט. פרוכפער זיך און פערמעהר זיך. אַ פאָלק און אַ מענגע פעלקער זאָל ווערען פון דיר, און קעניגען זאָלען אַרויסגעהן פון דיינע לענדען.

12. און דאָס לאַנד, וואָס איך האָב געגעבען אַבְרָהָם'ן און יִצְחָק'ן, וועל איך עס דיר געבען, און דיינע קינדער נאָך דיר וועל איך געבען דאָס לאַנד.

13. און גאָט איז פון איהם אַרויפגעגאַנגען פון דעם אָרט וואו ער האָט גערעדט מיט איהם.

14. און יעקב האָט געשטעלט אַ דענקמאַל אויף דעם אָרט, וואו ער האָט גערעדט מיט איהם, אַ דענקמאַל פון שטיין, און האָט בעגאָסען אויף איהם אַ ניעסונג און האָט איהם בעגאָסען מיט בוימאייל.

15. און יעקב האָט אָנגערופֿען דעם נאָמען פֿון דעם אָרט, וואו גאָט האָט מיט איהם דאָרט גערעדט, בית-אֵל.

16. און זיי זענען אַרויסגעצויגען פֿון בית-אֵל; און עס איז נאָך געווען אַ שטרעקע ערד צו קומען קיין אֶפְרָת, האָט רחל געבאָרען, און עס איז איהר אָנגעקומען שווער.

17. און עס איז געווען, ווען זי האָט שווער געבאָרען, האָט די העבאַם צו איהר געזאָגט: האָב נישט מורא, דען אויך דער איז דיר אַ זוהן.

18. און עס איז געווען, ווען איהר נשמה איז אויסגעגאַנגען, דען זי איז געשטאָרבען, האָט זי אָנגערופֿען זיין נאָמען: בֶּן־אוֹנִי, און זיין פֿאָטער האָט איהם אָנגערופֿען: בִּנְיָמִין.

19. און רחל איז געשטאָרבען, און זי איז בעגראָבען געוואָרען אין דעם וועג קיין אֶפְרָת, דאָס איז בֵּית־לֶחֶם.

20. און יעקב האָט געשטעלט אַ מַצֵּבָה אויף איהר קֶבֶר, דאָס איז די מַצֵּבָה פֿון רָחֵל'ס קֶבֶר ביז היינטיגען טאָג.

21. און יִשְׂרָאֵל האָט געצויגען און האָט פֿערשפּרייט זיין געצעלט אויף יענער זייט פֿון טורם עֵדֶר.

22. און עס איז געווען, ווען יִשְׂרָאֵל האָט געוואָהנט אין יענעם לאַנד, איז רְאוּבֵן געגאַנגען און איז געלעגען מיט בִּלְהָה'ן, זיין פֿאָטערס קעבסווייב; האָט דאָס יִשְׂרָאֵל דערהערט.

און עס זענען געווען יעקב'ס זוהן צוועלף:

23. לֵאָה'ס זיהן: רְאוּבֵן, יַעֲקֹב'ס בְּכוֹר, און שִׁמְעוֹן און לֵוִי און יְהוּדָה און יִשָּׂשכָר און זְבוּלוּן;

24. רָחֵל'ס זיהן: יוֹסֵף און בִּנְיָמִין;

25. און די זיהן פֿון בִּלְהָה, רָחֵל'ס דינסט: דָן און נַפְתָּלִי,

26. און די זיהן פֿון זִלְפָּה, לֵאָה'ס דינסט: גָד און אָשֵׁר.

די דאָזיגע זענען יעקב'ס זיהן, וואָס זענען איהם געבאָרען געוואָרען אין פַּדַּן אֲרָם.

27. און יעקב איז געקומען צו זיין פֿאָטער יִצחק אין מַמְרֵא, אין

קִרְיַת־אַרְבַּע, דאָס איז חֶבְרוֹן, וואָס דאָרט האָט געזאָהנט אַברהם און יִצחק.

28. און עס איז געוועזען די צייט פון יִצחק'ס לעבען: הונדערט יאָהר און אַכציג יאָהר.

29. און יִצחק איז אויסגעגאַנגען און איז געשטאָרבען און איז צוגעהעפט געוואָרען צו זיין פאָלק, אַלט און זאַט מיט יאָהרען, און עס האָבען איהם בעגראָבען זיינע זיהן עֵשָׂו און יַעֲקֹב.

קאפיטעל 36.

1. און דאָס איז דאָס געשלעכט פון עֵשׂו, ער איז אֱדוֹם.

2. עֵשׂו האָט גענומען זיינע ווייבער פון די טעכטער פון כְּנַעַן: עָדָה'ן, די טאָכטער פון אֵילוֹן דעם חִתִּי, און אָהֳלִיבָמָה'ן, די טאָכטער פון עֲנָה, די טאָכטער פון צִבְעוֹן דעם חִוִּי,

3. און בָּשְׂמַת'ן, די טאָכטער פון יִשְׁמָעֵאל, די שוועסטער פון נְבָיוֹת.

4. און עָדָה האָט עֵשׂו'ן געבאָרען: אֱלִיפַז'ן, און בָּשְׂמַת האָט געבאָרען: רְעוּאֵל'ן.

5. און אָהֳלִיבָמָה האָט געבאָרען: יְעוּשׁ'ן און יַעְלָם'ן און קֹרַח'ן. די דאָזיגע זענען עֵשׂו'ס זיהן, וואָס זענען איהם געבאָרען געוואָרען אין לאַנד כְּנַעַן.

6. און עֵשׂו האָט גענומען זיינע ווייבער און זיינע זיהן און זיינע טעכטער און אַלע פערזאָנען פון זיין הויז און זיין פִיה און זיינע אַלע בְּהֵמוֹת און זיין גאַנצען אייגענטהום, וואָס ער האָט זיך פערשאַפט אין לאַנד כנען, און איז אַוועקגעגאַנגען פון זיין ברודער יעקב אין אַנ'אַנדער לאַנד.

7. דען זייער פערמעגען איז געוועזען צו פִיעל, דאָס זיי זאָלען קאָנען וואָהנען צוזאַמען, און דאָס לאַנד, וואו זיי האָבען געוואָהנט, האָט זיי נישט געקאָנט פערטראָגען צוליעב זייערע פִיה.

8. און עֵשׂו איז געזעסען אין באַרג שֵׂעִיר; עֵשׂו דאָס איז

9. און דאָס איז דאָס געשלעכט פֿון עֵשָׂו, דער פֿאָטער פֿון אֱדוֹם, אין בּאַרג שֵׂעִיר:

10. דאָס זענען די נעמען פֿון עֵשָׂו'ס זיהן: אֱלִיפַז, דער זוהן פֿון עָדָה, עֵשָׂו'ס ווייב; רְעוּאֵל, דער זוהן פֿון בָּשְׂמַת, עֵשָׂו'ס ווייב.

11. און עס זענען געוועזען די זיהן פֿון אֱלִיפַז: תֵּימָן, אוֹמָר, צְפוֹ און גַּעְתָּם און קְנַז.

12. און תִּמְנַע איז געוועזען אַ קעבס־ווייב ביי אֱלִיפַז'ן, עֵשָׂו'ס זוהן, און זי האָט אליפז'ן געבאָרען: עֲמָלֵק'ן. די דאָזיגע זענען די זיהן פֿון עָדָה, עֵשָׂו'ס ווייב.

13. און דאָס זענען רְעוּאֵל'ס זיהן: נַחַת און זֶרַח, שַׁמָּה און מִזָּה. די דאָזיגע זענען געוועזען די זיהן פֿון בשמת, עֵשָׂו'ס ווייב.

14. און די דאָזיגע זענען געוועזען די זיהן פֿון אָהֳלִיבָמָה, די טאָכטער פֿון צִבְעוֹן, עֵשָׂו'ס ווייב, און זי האָט עֵשָׂו'ן געבאָרען: יְעוּשׁ'ן און יַעְלָם'ן און קֹרַח'ן.

15. דאָס זענען די פֿירשטען פֿון עֵשָׂו'ס זיהן: די זיהן פֿון אליפז, עֵשָׂו'ס בְּכוֹר: פֿירְשְׁט תֵּימָן, פֿירְשְׁט אוֹמָר, פֿירְשְׁט צְפוֹ, פֿירְשְׁט קְנַז,

16. פֿירְשְׁט קֹרַח, פֿירְשְׁט גַּעְתָּם, פֿירשט עֲמָלֵק. דאָס זענען די פֿירשטען פֿון אליפז אין לאַנד אֱדוֹם. דאָס זענען די זיהן פֿון עָדָה.

17. און דאָס זענען די זיהן פֿון רעואל, עֵשָׂו'ס זוהן: פֿירְשְׁט נַחַת, פֿירְשְׁט זֶרַח, פֿירְשְׁט שַׁמָּה, פֿירְשְׁט מִזָּה. דאָס זענען די פֿירשטען פֿון רעואל אין לאַנד אדום. דאָס זענען די זיהן פֿון בשמת, עֵשָׂו'ס ווייב.

18. און דאָס זענען די זיהן פֿון אָהֳלִיבָמָה, עֵשָׂו'ס ווייב: פֿירְשְׁט יְעוּשׁ, פֿירְשְׁט יַעְלָם, פֿירְשְׁט קֹרַח. דאָס זענען די פֿירשטען פֿון אָהליבמה, די טאָכטער פֿון עֲנָה, עֵשָׂו'ס ווייב.

19. דאָס זענען עֵשָׂו'ס זיהן און דאָס זענען זייערע פֿירשטען; ער איז אדום.

20. דאָס זענען די זיהן פֿון שֵׂעִיר דעם חוֹרִי, וואָס האָבען געוואָהנט אין דעם לאַנד: לוֹטָן און שׁוֹבָל און צִבְעוֹן און עֲנָה,

21. און דִשׁוֹן און אֵצֶר און דִישָׁן. דאָס זענען די פירשטען פון דעם חורי, די זיהן פון שעיר אין לאַנד אדום.

22. און עס זענען געװעזען די זיהן פון לוֹטָן: חוֹרִי און הֵימָם. און לוטנ'ס שװעסטער איז געװעזען תִּמְנָע.

23. און דאָס זענען די זיהן פון שׁוֹבָל: עַלְוָן און מָנַחַת און עֵיבָל, שְׁפִי און אוֹנָם.

24. און דאָס זענען די זיהן פון צִבְעוֹן: אַיָה און עֲנָה. דאָס איז דער עֲנָה, װאָס האָט געפונען די װאַרעמע קװאַלען אין דער װיסטע, װען ער האָט געפאַשעט די עזלען פון זיין פאָטער צבעון.

25. און דאָס זענען די זיהן פון עֲנָה: דִישׁוֹן און אָהֳלִיבָמָה, עֲנָה'ס טאָכטער.

26. און דאָס זענען די זיהן פון דִישָׁן: חֶמְדָן און אֶשְׁבָּן און יִתְרָן און כְּרָן.

27. דאָס זענען די זיהן פון אֵצֶר: בִּלְהָן און זַעֲוָן און עֲקָן.

28. דאָס זענען די זיהן פון דִישָׁן: עוּץ און אֲרָן.

29. דאָס זענען די פירשטען פון דעם חוֹרִי: פירשט לוֹטָן, פירשט שׁוֹבָל, פירשט צִבְעוֹן, פירשט עֲנָה,

30. פירשט דִישׁוֹן, פירשט אֵצֶר, פירשט דִישָׁן. דאָס זענען די פירשטען פון דעם חוֹרִי, די פירשטען אין לאַנד שֵׂעִיר.

31. און דאָס זענען די קעניגען, װאָס האָבען געקעניגט אין לאַנד אדום, נאָך איידער עס האָט געקעניגט אַ קעניג ביי די זיהן פון ישראל.

32. און עס האָט געקעניגט אין אֱדוֹם בֶּלַע, דער זוהן פון בְּעוֹר, און דער נאָמען פון זיין שטאָדט איז געװעזען: דִנְהָבָה.

33. און בלע איז געשטאָרבען, און אַנשטאָט איהם האָט געקעניגט יוֹבָב דער זוהן פון זֶרַח פון בָּצְרָה.

34. און יובב איז געשטאָרבען, און אַנשטאָט איהם האָט געקעניגט חוּשָׁם פון לאַנד תֵּימָן.

35. און חושם איז געשטאָרבען, און אַנשטאָט איהם האָט געקעניגט הֲדַד דער זוהן פון בְּדַד, װאָס האָט געשלאָגען די מִדְיָנִים

אוּן פֶעלְד מוֹאָב, אוּן דֶער נָאמֶען פוּן זַיין שְׁטָאדְט אִיז גֶעוֶועזֶן: עֲוִית.

36. אוּן הֲדַד אִיז גֶעשְׁטָארְבֶּען, אוּן אַנְשְׁטָאט אִיהם הָאט גֶעקֶענִיגְט שַׂמְלָה פוּן מַשְׂרֵקָה.

37. אוּן שמלה אִיז גֶעשְׁטָארְבֶּען, אוּן אַנְשְׁטָאט אִיהם הָאט גֶעקֶענִיגְט שָׁאוּל פוּן רְחוֹבוֹת בַּיי'ם טַייךְ.

38. אוּן שאול אִיז גֶעשְׁטָארְבֶּען, אוּן אַנְשְׁטָאט אִיהם הָאט גֶעקֶענִיגְט בַּעַל חָנָן, דֶער זוּהן פוּן עַכְבּוֹר.

39. אוּן בַּעַל חָנָן, דֶער זוּהן פוּן עַכְבּוֹר, אִיז גֶעשְׁטָארְבֶּען, אוּן אַנְשְׁטָאט אִיהם הָאט גֶעקֶענִיגְט הֲדַד, אוּן דֶער נָאמֶען פוּן זַיין שְׁטָאדְט אִיז גֶעוֶועזֶן: פָּעוּ, אוּן דֶער נָאמֶען פוּן זַיין ווייבּ אִיז גֶעוֶועזֶן: מְהֵיטַבְאֵל, דִי טָאכְטֶער פוּן מַטְרֵד, דִי טָאכְטֶער פוּן מֵי זָהָב.

40. אוּן דָאס זֶענֶען דִי נֶעמֶען פוּן עֵשָׂו'ס פִירְשְׁטֶען, לוֹיט זַייעֶרֶע פַאמִילִיעֶן, לוֹיט זַייעֶרֶע עֶרְטֶער, מִיט זַייעֶרֶע נֶעמֶען: פִירְשְׁט תִּמְנָע, פִירְשְׁט עַלְוָה, פִירְשְׁט יְתֵת.

41. פִירְשְׁט אָהֳלִיבָמָה, פִירְשְׁט אֵלָה, פִירְשְׁט פִּינוֹן

42. פִירְשְׁט קְנַז, פִירְשְׁט תֵּימָן, פִירְשְׁט מִבְצָר,

43. פִירְשְׁט מַגְדִיאֵל, פִירְשְׁט עִירָם. דָאס זֶענֶען דִי פִירְשְׁטֶען פוּן אֱדוֹם, לוֹיט זַייעֶרֶע וואָהנ־עֶרְטֶער, אִין זַייעֶר עֶרְבּ־לַאנְד. עֵשָׂו אִיז דֶער פָאטֶער פוּן אדום.

ניינטע סֵדְרָה: וַיֵּשֶׁב.

קאפּיטעל 37.

1. אוּן יעקב אִיז גֶעזֶעסֶען אִין לַאנְד, וואוּ זַיין פָאטֶער הָאט גֶעוואָהנְט, אִין לַאנְד כנען.

2. דָאס אִיז דָאס גֶעשְׁלֶעכְט פוּן יעקב. יוֹסֵף, ווען עֶר אִיז אַלְט גֶעוֶועזֶן זִיעבְּצֶעהְן יָאהר, הָאט עֶר גֶעפַּאשֶׁעט מִיט זַיינֶע בְּרִידֶער דִי שָׁאף, אוּן עֶר אִיז גֶעוֶועזֶן דֶער יוּנְגְסְטֶער צְווִישֶׁען דִי זִיהן פוּן בִּלְהָה אוּן דִי זִיהן פוּן זִלְפָּה, זַיין פָאטֶערְס ווייבֶּער. אוּן יוֹסֵף

האָט דערצעהלט װעגען זײ שלעכטע רעד פֿאַר זײער פֿאָטער.

3. און ישׂראל האָט ליעב געהאַט יוסף'ן מעהר פֿון זײנע אַלע זיהן, דען ער איז געװעזען דער זוהן פֿון זײן עלטער, און ער פֿלעגט איהם מאַכען אַ לאַנגען זײדענעם מאַנטעל.

4. און װי זײנע ברידער האָבען געזעהן, דאָס זײער פֿאָטער האָט איהם מעהר ליעב װי זײנע אַלע ברידער, האָבען זײ איהם פֿײנד געהאַט און האָבען נישט געקאָנט רעדען מיט איהם אין פֿריעדען.

5. און יוסף'ן האָט זיך געחלומט אַ חלום, האָט ער איהם דערצעהלט זײנע ברידער, האָבען זײ איהם נאָך מעהר פֿײנד געהאַט.

6. און ער האָט געזאָגט צו זײ: הערט אױם דעם דאָזיגען חלום, װאָס מיר האָט זיך געחלומט:

7. װי מיר בינדען גאַרבען אין פֿעלד, און װי מײן גאַרב האָט זיך אױפֿגעשטעלט און איז געבליעבען שטעהן, און װי אײערע גאַרבען האָבען אַרומגערינגעלט און זיך געבוקט צו מײן גאַרב.

8. האָבען די ברידער צו איהם געזאָגט: צי דען װעסטו קעניגען איבער אונז? צי דען װעסטו געװעלטיגען אױף אונז? און זײ האָבען איהם נאָך מעהר פֿײנד געהאַט צוליעב זײנע חלומות און זײנע רעד.

9. און עס האָט זיך איהם געחלומט נאָך אַנ'אַנדער חלום, און ער האָט איהם דערצעהלט זײנע ברידער און האָט געזאָגט: אָט האָט זיך מיר געחלומט נאָך אַ חלום, װי די זון און די לבנה און עלף שטערען בוקען זיך צו מיר.

10. און ער האָט דאָס דערצעהלט זײן פֿאָטער און זײנע ברידער. האָט זײן פֿאָטער אױף איהם אָנגעשריען און האָט געזאָגט צו איהם: װאָס איז דאָס פֿאַר אַ חלום, װאָס דיר האָט זיך געחלומט? צי דען װעלען מיר קומען, איך און דײן מוטער און דײנע ברידער, זיך צו בוקען צו דיר ביז צו דער ערד?

11. און זײנע ברידער האָט עס פֿערדראָסען, נאָר זײן פֿאָטער האָט די זאַך גענומען אין זינען.

12. און זײַנע ברידער זענען געגאַנגען פּאַשען זײער פֿאָטערס שאָף אין שְׁכֶם.

13. האָט ישׂראל געזאָגט צו יוסף'ן: דײַנע ברידער פּאַשען דאָך אין שכם; קום, װעל איך דיך שיקען צו זײ. האָט ער געזאָגט צו איהם: איך בין בערײט.

14. האָט ער צו איהם געזאָגט: געה נאָר זעה, װאָס מאַכען דײַנע ברידער און װאָס מאַכען די שאָף, און ברענג מיר אַ ענטפֿער. און ער האָט איהם אַװעקגעשיקט פֿון טאָל חברון, און ער איז געקומען קײן שכם.

15. האָט איהם געטראָפֿען אַ מאַן, װי ער בלאָנדזשעט אין פֿעלד; האָט איהם דער מאַן אַזױ געפֿרעגט: װאָס זוכסטו?

16. האָט ער געזאָגט: מײַנע ברידער זוך איך; זאָג מיר, איך בעט דיך, װאו זײ פּאַשען?

17. האָט דער מאַן געזאָגט: זײ האָבען אָבגעצױגען פֿון דאַנען, דען איך האָב געהערט, װי זײ האָבען געזאָגט: לאָ'מיר געהן קײן דותן. איז יוסף געגאַנגען נאָך זײַנע ברידער און האָט זײ געפֿונען אין דותן.

18. האָבען זײ איהם דערזעהן פֿון דער װײַטען, און נאָך אײדער ער איז צוגעגאַנגען צו זײ, האָבען זײ אָנגעהױבען טראַכטען איהם צו טױטען.

19. און זײ האָבען געזאָגט אײנער צו'ם צװײטען: אָט קומט אָן דער דאָזיגער חלומות-מענש!

20. און איצט קומט און לאָ'מיר איהם טױטען און איהם אַרײַנװאַרפֿען אין אײנעם פֿון די גריבער, און מיר װעלען זאָגען: אַ בײזע חיה האָט איהם אױפֿגעפֿרעסען, און מיר װעלען זעהן, װאָס װעט װערען פֿון זײַנע חלומות.

21. האָט ראובן געהערט, האָט ער איהם גערעטעט פֿון זײערע הענד און האָט געזאָגט: מיר װעלען איהם נישט דערשלאָגען.

22. און ראובן האָט געזאָגט צו זײ: איהר זאָלט נישט פֿערגיסען קײן בלוט; װאַרפֿט איהם אַרײַן אין דעם דאָזיגען גרוב,

וואָס אין דער וויסטע , און קיין האַנד זאָלט איהר אויף איהם ניט אַרויפלעגען . (דאָס האָט ער גערעדט) , כדי איהם צו רעטען פון זייערע הענד און איהם צוריקברענגען צו זיין פאָטער .

23. און עס איז געוועזען , ווי יוסף איז אָנגעקומען צו זיינע ברידער , האָבען זיי אַראָבגעצויגען פון יוסף'ן זיין מאַנטעל , דעם לאַנגען זיידענעם מאַנטעל , וואָס אויף איהם ,

24. און זיי האָבען איהם גענומען און איהם אַריינגעוואָרפען אין גרוב , און דער גרוב איז געוועזען לעער , קיין וואַסער איז אין איהם ניט געוועזען .

25. און זיי האָבען זיך געזעצט עסען ברויט . האָבען זיי אויפגעהויבען זייערע אויגען און געזעהן , ווי אַ פּאַרטיי ישמעאלים קומט אָן פון גלעד , און זייערע קעמלען טראָגען געווירצען און באַל־זאַם און וויהראַך ; זיי געהען אַראָבצונידערען אין מצרים .

26. האָט יהודה געזאָגט צו זיינע ברידער : וואָס פאַר אַ נוצען וועט זיין , אויב מיר וועלען טויטען אונזער ברודער און מיר וועלען פערבאָרגען זיין בלוט ?

27. קומט און לאָ'מיר איהם פערקויפען צו די ישמעאלים , און אונזער האַנד זאָל איהם ניט אָנריהרען , דען ער איז אונזער ברודער , אונזער פלייש . האָבען זיינע ברידער געפאָלגט .

28. און ווען עס זענען פאָריבערגעגאַנגען מענשען סוחרים פון מדין , האָבען זיי אַרויסגעצויגען יוסף'ן פון גרוב , און האָבען פערקויפט יוסף'ן צו די ישמעאלים פאַר צוואַנציג זילבער־מטבעות , און זיי האָבען געבראַכט יוסף'ן קיין מצרים .

29. און ראובן האָט צוריקגעקעהרט צו'ם גרוב , און אָט איז יוסף נישטאָ אין גרוב ; האָט ער צעריסען זיינע קליידער ;

30. און ער האָט צוריקגעקעהרט צו זיינע ברידער און האָט געזאָגט : דאָס קינד איז נישטאָ , און וואו וועל איך איצט הינקומען ?

31. האָבען זיי גענומען יוסף'ס מאַנטעל און האָבען געשאָכטען אַ ציגען־באָק און האָבען איינגעטונקט דעם מאַנטעל אין בלוט .

32. און האָבען געשיקט דעם לאַנגען זיידענעם מאַנטעל

און האָבען אִיהם געבראַכט צוּ זײער פאָטער און האָבען געזאָגט: דאָס האָבען מִיר געפונען; דערקען, צִי אִיז דאָס דײן זוהנס מאַנטעל, אָדער נִיין?

33. האָט ער אִיהם דערקענט און האָט געזאָגט: דאָס אִיז מײן זוהנס מאַנטעל; אַ בײזע חַיָּה האָט אִיהם אויפגעפרעסען; צער־רִיסען אִיז יוסף געוואָרען.

34. און יעקב האָט צעריסען זײנע קלײדער און האָט אַרויפ־געלעגט אַ זאַק אַרום זײנע לענדען און האָט געטרויערט אויף זײן זוהן פִיעל טעג.

35. און עס זענען אויפגעשטאַנען זײנע אַלע זִיהן און זײנע אַלע טעכטער אִיהם צוּ טרײסטען, האָט ער נִישט געוואָלט זִיך טרײסטען, און ער האָט געזאָגט: אִיך וועל פערטרויערט אַראָב־גִיעדערן צוּ מײן זוהן אִין גרוּב. און זײן פאָטער האָט אִיהם בעװײנט.

36. און דִי מְדָנִים האָבען (יוסף'ן) פערקויפט אִין מִצְרַיִם פּוֹטִיפַר'ן, פַּרְעֹה'ס הויפמאַן, דעם הויפטמאַן פון זײן לײבוואַכע.

קאַפּיטעל 38.

1. און עס אִיז געוועזען אִין יענער צײט, האָט יהודה אַראָב־געגִיעדערט פון זײנע בּרִידער און אִיז דערגאַנגען בִּיז צוּ אַ מאַן פון עֲדוּלָּם, וואָס זײן נאָמען אִיז געוועזען חִירָה.

2. און יהודה האָט דאָרט געזעהען דִי טאָכטער פון אײנעם אַ כְּנַעֲנִי, וואָס זײן נאָמען אִיז געוועזען שׁוּעַ, האָט ער זִי גענומען און אִיז געקומען צוּ אִיהר.

3. אִיז זִי שוואַנגער געוואָרען און האָט געבאָרען אַ זוהן, האָט ער אָנגערופען זײן נאָמען: עֵר.

4. און זִי אִיז ווִידער שוואַנגער געוואָרען און האָט געבאָרען אַ זוהן און האָט אָנגערופען זײן נאָמען: אוֹנָן.

5. און זִי האָט ווִידער געבאָרען אַ זוהן און האָט אָנגערופען זײן נאָמען: שֵׁלָה. און (יְהוּדָה) אִיז געוועזען אִין כְּזִיב, ווען זִי האָט אִיהם געבאָרען.

6. און יהודה האָט גענומען אַ ווייב פֿאַר זיין עלטסטען זוהן ער, און איהר נאָמען איז געוועזען: תָּמָר.

7. און ער, יהודה'ס עלטסטער זוהן, איז געוועזען שלעכט אין די אויגען פֿון גאָט, האָט איהם גאָט געטויט.

8. האָט יהודה געזאָגט צו אוֹנָן: קום צו דיין ברודערס ווייב, און זיי זי מְיַבֵּם (נעהם זי פֿאַר אַ ווייב) און שטעל אויף אַ זאָמען פֿאַר דיין ברודער.

9. און אונן האָט געוואוסט, אַז נישט פֿאַר איהם וועט זיין דער זאָמען, און דעריבער, ווען ער פֿלעגט קומען צו זיין ברודערס ווייב, האָט ער (דעם זאָמען) פֿערדאָרבען אויף דער ערד, כדי נישט צו געבען קיין זאָמען פֿאַר זיין ברודער.

10. און עס איז געוועזען שלעכט אין די אויגען פֿון גאָט דאָס, וואָס ער האָט געטהון, און ער האָט איהם אויך געטויט.

11. האָט יהודה געזאָגט צו זיין שנור תָּמָר: זיץ אַלס אַלְמָנָה אין דיין פֿאָטערס הויז, ביז עס וועט אויפֿוואַקסען מיין זוהן שֵׁלָה; דען ער האָט געטראַכט: טאָמער וועט ער אויך שטאַרבען ווי זיינע ברידער. און תמר איז געגאַנגען און האָט געוואָהנט אין איהר פֿאָטערס הויז.

12. און עס זענען פֿאָריבערגעגאַנגען פֿיעל טעג, און שׁוּעַ'ס טאָכטער, יהודה'ס ווייב, איז געשטאָרבען. און יהודה האָט זיך געטרייסט און איז אַרויפֿגעגאַנגען קיין תִּמְנָת צו די שערער פֿון זיינע שאָף, ער און זיין פֿריינד חִירָה פֿון עֲדוּלָם.

13. און תמר'ן האָט מען אַזוי אָנגעזאָגט: אָט געהט דיין שווער אַרויף קיין תִּמְנָת, צו שערען זיינע שאָף.

14. האָט זי אַראָבגענומען פֿון זיך איהרע אַלמנה-קליידער, און האָט זיך פֿערדעקט מיט אַ שלייער און זיך איינגעהילט, און האָט זיך געזעצט ביי'ם טויער פֿון עֵינַיִם, וואָס אויפֿ'ן וועג קיין תִּמְנָת, דען זי האָט געזעהן, דאָס שלה איז שוין אויפֿגעוואַקסען און זי איז איהם נישט געגעבען געוואָרען פֿאַר אַ ווייב.

15. האָט זי יהודה געזעהן און האָט זי געהאַלטען פאַר אַ זוֹנָה, דען זי האָט פערדעקט איהר געזיכט.

16. האָט ער אָבגעטרעטען פון וועג צו איהר און האָט געזאָגט: וויז, לאָ'מיך קומען צו דיר, — דען ער האָט ניט געוואוסט, דאָס זי איז זיין שנור. האָט זי געזאָגט: וואָס וועסטו מיר געבען דערפאַר, וואָס דו וועסט קומען צו מיר?

17. האָט ער געזאָגט: איך וועל דיר שיקען אַ ציעג פון די שאָף. האָט זי געזאָגט: אויב דו וועסט געבען אַ מַשְׁכּוֹן ביז דו וועסט שיקען.

18. האָט ער געזאָגט: וואָס איז דער משכון, וואָס איך זאָל דיר געבען? האָט זי געזאָגט: דיין שטעמפעל און דיין שנירעל און דיין שטעקען, וואָס דו האָסט אין האַנד. האָט ער איהר דאָס געגעבען און איז געקומען צו איהר און זי איז שוואַנגער געוואָרען פון איהם.

19. און זי איז אויפגעשטאַנען און איז אַוועקגעגאַנגען, און האָט אַראָבגענומען פון זיך דעם שלייער און האָט אָנגעקליידט איהרע אַלמנה-קליידער.

20. און יהודה האָט געשיקט די ציעג דורך זיין פריינד פון עֲדוּלָם, ער זאָל נעהמען דעם משכון פון דער האַנד פון דער פרוי, נאָר ער האָט זי ניט געפונען.

21. האָט ער געפרעגט די מענשען פון דעם אָרט: וואו איז די זוֹנָה, וואָס געבען עֵינַיִם אויפ'ן וועג? האָבען זיי געזאָגט: דאָ איז ניט געווען קיין זונה.

22. האָט ער צוריקגעקעהרט צו יהודה'ן און האָט געזאָגט: איך האָב זי ניט געפונען, און אויך די מענשען פון אָרט האָבען געזאָגט: דאָ איז ניט געווען קיין זונה.

23. האָט יהודה געזאָגט: זאָל זי דאָס נעהמען, אום מיר זאָלען ניט ווערען צו שאַנד; אָט האָב איך איהר געשיקט די דאָזיגע ציעג און דו האָסט זי ניט געפונען.

24. און עס איז געווען אין דריי מאָנאַטען אַרום, האָט מען

יהודה'ן אַזוי אָנגעזאָגט: דיין שנור תָּמָר האָט מְזַנֶה געוועזען און זי איז אויך שוואַנגער פֿון זנות. האָט יהודה געזאָגט: פֿיהרט זי אַרויס און זאָל זי פֿערברענט ווערען.

25. ווי זי איז אַרויסגעפֿיהרט געוואָרען האָט זי געשיקט צו איהר שווער אַזוי צו זאָגען: פֿון דעם מענשען, וואָס דאָס געהער צו איהם, בין איך שוואַנגער. און זי האָט געזאָגט: דערקען, וועמענס איז די דאָזיגע שטעמפעל, שנירעל און שטעקען?

26. האָט יהודה דערקענט און האָט געזאָגט: זי איז גערעכטער ווי איך, דערפֿאַר, וואָס איך האָב זי נישט געגעבען מיין זוהן שֵׁלָה'ן. און ער האָט זי שוין מעהר נישט דערקענט.

27. און עס איז געוועזען אין דער צייט, ווען זי האָט געבאָרען, און אָט איז געוועזען אַ צווילינג אין איהר בויך.

28. און עס איז געוועזען, ווען זי האָט געבאָרען, האָט (איינער) אַרויסגעשטעקט אַ האַנד. האָט די היבאַם גענומען און האָט אָנגעבונדען אויף זיין האַנד אַ רויטען פֿאָדעם, זאָגענדיג: דער איז אַרויס צו'ם ערשטען.

29. און עס איז געוועזען, ווען ער האָט צוריקגעצויגען די האַנד, איז אַרויסגעקומען זיין ברודער. האָט זי געזאָגט: וואָס האָסטו אום דיינעטוועלען אַזאַ ריס געריסען? — און מען האָט אָנגערופֿען זיין נאָמען: פֶּרֶץ.

30. און דערנאָך איז אַרויסגעקומען זיין ברודער, וואָס אויף זיין האַנד איז געוועזען דער רויטער פֿאָדעם, און מען האָט אָנגערופֿען זיין נאָמען: זֶרַח.

קאַפּיטעל 39.

1. און יוֹסֵף איז אַראָבגעבראַכט געוואָרען קיין מִצְרַיִם, און פּוֹטִיפַר, פַּרְעֹה'ס הויפּטמאַן, דער הויפּטמאַן פֿון דער לייבוואַכע, אַ מִצְרִי, האָט איהם אָבגעקויפֿט פֿון די יִשְׁמְעֵאלִים, וואָס האָבען איהם אַהין אַראָבגעבראַכט.

2. און גאָט איז געוועזען מיט יוסף'ן, און ער האָט בעגליקט און האָט געוואָהנט אין הויז פון זיין הערךן דעם מִצְרִי.

3. און זיין הערר האָט געזעהן, דאָס גאָט איז מיט איהם, און דאָס אלץ, וואָס ער טהוט, מאַכט גאָט בעגליקען אין זיינע הענד,

4. האָט יוסף געפונען ליַיטזעליגקיַיט אין זיינע אויגען און ער האָט איהם בעדיענט. און (זיין הערר) האָט איהם אויפגענומען איבער זיין הויז, און אַלץ, וואָס ער האָט געהאַט, האָט ער איבער-געגעבען אין זיין האַנד.

5. און עס איז געוועזען פון זינט ער האָט איהם אויפגענומען איבער זיין הויז און איבער אַלץ, וואָס ער האָט געהאַט, האָט גאָט געבענשט דעם מִצְרִי'ס הויז צוליעב יוסף'ן, און עס איז געוועזען גאָטס בְּרָכָה אין אלץ, וואָס ער האָט געהאַט אין הויז און אין פעלד.

6. און ער האָט איבערגעלאָזט אַלץ, וואָס ער האָט געהאַט, אין יוסף'ס הענד, און ער האָט פון קיין זאַך נישט געוואוסט, אויסער דעם ברויט, וואָס ער האָט געגעסען. און יוסף איז געוועזען שעֶן פון געשטאַלט און שעֶן פון אויסזעהן.

7. און עס איז געוועזען נאָך דער דאָזיגער געשיכטע, האָט זיין הערךנס וויַיב געוואָרפען אַ אויג אויף יוסף'ן און האָט געזאָגט: ליעג מיט מיר.

8. האָט ער נישט געוואָלט און האָט געזאָגט צו זיין הערךנס וויַיב: מיין הערר וויים דאָך נישט פון קיין זאַך, וואָס עס טהוט זיך אין הויז, און אַלץ, וואָס ער האָט, האָט ער אָבגעגעבען אין מיינע הענד;

9. עס איז נישטאָ אין דעם דאָזיגען הויז קיין גרעסערער פון מיר, און ער האָט פון מיר נישט פערהיהלט קיין זאַך אויסער דיר, דען דו בּיזט זיין וויַיב, הייַנט ווי אַזוי קאָן איך טהון דאָס דאָזיגע גרויסע שלעכטס און זינדיגען פאַר גאָט?

10. און עס איז געוועזען, ווי זי האָט גערעדט צו יוסף'ן טאָג ביַי

טאָג, און ער האָט איהר נישט געפֿאָלגט צו ליעגען מיט איהר און צו זײַן מיט איהר;

11. און עס איז געוועזען אין יענעם טאָג, און (יוסף) איז געקומען אין שטוב צו טהון זײַן אַרבײַט, און קיין מענש פֿון די שטוב-מענשען איז אין שטוב נישט געוועזען,

12. האָט זי אָנגעכאַפּט אָן זײַן קלייד און געזאָגט: ליעגע מיט מיר. האָט ער איבערגעלאָזט זײַן קלייד אין איהר האַנד, און איז אַנטלאָפֿען און איז אַרויסגעגאַנגען אויף דרויסען.

13. און ווי זי האָט דערזעהן, דאָס ער האָט איבערגעלאָזט זײַן קלייד אין איהר האַנד און איז אַנטלאָפֿען אין דרויסען,

14. האָט זי גערופֿען איהרע שטוב-מענשען און האָט צו זיי אַזוי געזאָגט: זעהט, ער האָט צו אונז געבראַכט אַ עבֿרי, צו שפּאָטען פֿון אונז; ער איז געקומען צו מיר צו ליעגען מיט מיר, האָב איך געשריען מיט אַ הויכע שטימע,

15. און ווי ער האָט דערהערט, דאָס איך האָב אויפגעהויבען מײַן שטימע און האָב געשריען, האָט ער איבערגעלאָזט זײַן קלייד בײַ מיר, און איז אַנטלאָפֿען און איז אַרויסגעגאַנגען אויף דרויסען.

16. און זי האָט אַוועקגעלעגט זײַן קלייד בײַ זיך, ביז זײַן העֶרר איז געקומען אין זײַן הויז.

17. און זי האָט צו איהם גערעדט די דאָזיגע ווערטער: עס איז געקומען צו מיר דער קנעכט דער עבֿרי, וואָס דו האָסט צו אונז געבראַכט, צו שפּאָטען פֿון מיר,

18. און ווי איך האָב אויפגעהויבען מײַן שטימע און האָב געשריען, האָט ער איבערגעלאָזט זײַן קלייד בײַ מיר און איז אַנטלאָפֿען אין דרויסען.

19. און עס איז געוועזען, ווי זײַן העֶרר האָט דערהערט די רעד פֿון זײַן ווײַב, וואָס זי האָט צו איהם גערעדט: אַזוי האָט מיר אָבגעטהון דײַן קנעכט, — האָט אויפגעברענט זײַן צאָרן.

20. און יוסף'ס העֶרר האָט איהם גענומען און איהם אַרײַנ-

געזעצט אין געפענגניש־הויז, אין דעם אָרט, וואו עס זענען איינגעשלאָסען דעם קעניגס געפאַנגענע. און ער איז דאָרט געוועזען אין געפענגניש.

21. און גאָט איז געוועזען מיט יוסף'ן, און האָט צו איהם צוגעניינט זיין גנאָד און האָט איהם געלאָזט געפינען ליטזעליגקייט אין די אויגען פון דעם הויפּט פון געפענגניש.

22. און דער הויפּט פון געפענגניש האָט אָבגעגעבען אין יוסף'ס האַנד אַלע געפאַנגענע, וואָס אין געפענגעניש, און אַלץ, וואָס זיי האָבען דאָרט געטהון, האָט ער געהאַט צו שאַפען.

23. דער הויפּט פון געפענגניש האָט נישט נאָכגעקוקט נאָך קיין זאַך, וואָס אין זיין האַנד, דען גאָט איז געוועזען מיט איהם, און וואָס ער האָט געטהון, האָט גאָט בעגליקט.

קאפיטעל 40.

1. און עס איז געוועזען נאָך דעם אַלעם האָבען געזינדיגט דער שענקער פון קעניג פון מִצְרַיִם און דער בעקער פאַר זייער הערר, דעם קעניג פון מִצְרַיִם.

2. און פַּרְעֹה האָט געצאָרנט אויף זיינע צוויי הויפּט־לייט, אויפ'ן הויפּט פון די שענקער און אויפ'ן הויפּט פון די בעקער;

3. און ער האָט זיי אַריינגעזעצט אין וואַך אין הויז פון הויפּטמאַן פון דער לייבוואַכע, אין געפענגניש, וואו יוסף איז דאָרט געוועזען איינגעשלאָסען.

4. און דער הויפּטמאַן האָט אויפגענומען יוסף'ן איבער זיי, און ער האָט זיי בעדיענט. און זיי זענען געוועזען אַ צייט אין דער וואַך.

5. און זיי האָט זיך בײדען געחלומט אַ חָלוֹם, יעדער פון זיי זיין איינגענער חלום אין איין נאַכט, און יעדענס חלום האָט געהאַט אַ בעזונדערן בעשייד, אי דער שענקער אי דער בעקער פון דעם קעניג פון מצרים, וואָס זענען געוועזען איינגעשלאָסען אין געפענגניש.

6. און יוסף איז צו זיי געקומען אין דער פֿריה און האָט זיי געזעהן, ווי זיי זענען טרוריג.

7. האָט ער געפֿרעגט די הויפּלייט פֿון פּרעה, וואָס מיט איהם אין געפֿענגניש פֿון זיין הערנס הויז: פֿאַר וואָס זעהט איהר היינט שלעכט אויס?

8. האָבען זיי געזאָגט צו איהם: אַ חלום האָט זיך אונז געחלומט, און עס איז נישטאָ, ווער עס זאָל איהם בעשיידען. האָט יוסף צו זיי געזאָגט: דער בעשייד איז דאָך ביי גאָט; דערצעהלט דאָס מיר.

9. האָט דער הויפּט פֿון די שענקער דערצעהלט יוסף'ן זיין חלום און האָט צו איהם געזאָגט: מיר האָט זיך געחלומט, ווי פֿאַר מיר שטעהט אַ וויינשטאָק,

10. און דער וויינשטאָק האָט דריי צווייגען, און ווי ער האָט נאָר אָנגעהויבען בליהען, האָט זיך אויף איהם בעוויזען בליהונג און עס זענען צייטיג געוואָרען די וויינטרויבען.

11. און פּרעה'ס בעכער איז געווען אין מיין האַנד, האָב איך גענומען די וויינטרויבען און האָב זיי אויסגעקוועטשט אין פּרעה'ס בעכער און האָב דערלאַנגט דעם בעכער אין פּרעה'ס האַנד.

12. האָט יוסף צו איהם געזאָגט: דאָס איז זיין בעשייד: די דריי צווייגען זענען דריי טעג.

13. אין דריי טעג אַרום וועט פּרעה דערהויבען דיין קאָפּ און וועט דיך צוריקשטעלען אויף דיין שטעלע, און דו וועסט דערלאַנגען פּרעה'ס בעכער אין זיין האַנד, אַזוי ווי עס איז געווען פֿריהער, ווען דו ביזט געווען זיין שענקער.

14. נאָר דו זאָלסט אָן מיך געדענקען, ווען עס וועט דיר גוט ווערען, און זאָלסט מיר טהון אַ גנאָד, און זאָלסט מיך דערמאָהנען פֿאַר פּרעה'ן, און זאָלסט מיך אַרויסנעהמען פֿון דעם דאָזיגען הויז;

15. דען איך בין אַוועקגעגנבה'ט געוואָרען פֿון דעם לאַנד

פֿון די עִבְרִים, און אויך דאָ האָב איך קיין זאַך נישט געטהון, פֿאַר וואָס זיי זאָלען מיך איינזעצען אין גרוב.

16. און דער הויפּט פֿון די בעקער האָט געזעהן, דאָס ער האָט גוט בעשיידט, האָט ער געזאָגט צו יוסף'ן: אויך מיר האָט זיך געחלומט, ווי דריי געלעכערטע קערב זענען אויף מיין קאָפּ;

17. און אין דעם אויבערשטען קאָרב געפֿינט זיך פֿון אַלערליי עסענוואַרג פֿון פּרעה, צוגעגרייט דורך בעקער, און די פֿויגעל עסען דאָס פֿון קאָרב, וואָס אויף מיין קאָפּ.

18. האָט יוסף געענטפֿערט און האָט געזאָגט: דאָס איז זיין בעשייד: די דריי קערב דאָס זענען דריי טעג;

19. אין דריי טעג אַרום וועט פּרעה דערהויבען דיין קאָפּ פֿון דיר, און וועט דיך אויפֿהענגען אויף אַ בוים, און די פֿויגעל וועלען עסען דיין פֿליייש פֿון דיר.

20. און עס איז געוועזען אין דעם דריטען טאָג, אין דעם געבורטס־טאָג פֿון פּרעה, האָט ער געמאַכט אַ מאָלצייט פֿאַר זיינע אַלע קנעכט, און ער האָט זיך דערמאָהנט אויך אָן דעם הויפּט פֿון די שענקער און דעם הויפּט פֿון די בעקער צווישען זיינע קנעכט;

21. און ער האָט צוריקגעשטעלט דעם הויפּט פֿון די שענקער אויף זיין שענק־אַמט; און ער האָט דערלאַנגט דעם בעכער אין פּרעה'ס האַנד;

22. און דעם הויפּט פֿון די בעקער האָט ער אויפֿגעהאַנגען, אַזוי ווי יוסף האָט זיי בעשיידט.

23. און דער הויפּט פֿון די שענקער האָט נישט געדענקט יוסף'ן און האָט איהם פֿערגעסען.

צעהנטע סִדְרָה: מִקֵּץ.

קאַפּיטעל 41.

1. און עס איז געוועזען צו דער ענדע פֿון צוויי יאָהר, האָט זיך פּרעה'ן געחלומט, ווי ער שטעהט ביי'ם טייך.

2. און אָט געהען אַרויף פֿון טײַך זיעבען קיה, שענע פֿון געשטאַלט און פֿעטע און פֿלייש, און זיי האָבען זיך געפּאַשעט אויפ'ן גראָז.

3. און אָט געהען נאָך זיי אַרויף פֿון טײַך זיעבען אַנדערע קיה, שלעכטע פֿון געשטאַלט און מאָגערע און פֿלייש, און זיי האָבען זיך געשטעלט נעבען די קיה בײַ'ם ברעג פֿון טײַך.

4. און די קיה, די שלעכטע פֿון געשטאַלט און מאָגערע און פֿלייש, האָבען אויפֿגעפֿרעסען די זיעבען קיה, די שענע פֿון געשטאַלט און די פֿעטע. און פרעה האָט זיך אויפֿגעכאַפּט.

5. און ער איז אײַנגעשלאָפֿען און עס האָט זיך איהם ווידער געחלומט, ווי אויף איין שטענגעל וואַקסען אויף זיעבען פֿעטע און גוטע זאַנגען.

6. און אָט גלײַך נאָך זיי שפּראָצען אויף זיעבען זאַנגען דינע און אויסגעטריקענטע פֿון מִזְרַח־ווינד.

7. און די דינע זאַנגען האָבען אײַנגעשלונגען די זיעבען פֿעטע און פֿולע זאַנגען. און פרעה האָט זיך אויפֿגעכאַפּט, און אָט איז עס גאָר אַ חָלום.

8. און עס איז געווען אין דער פֿריה, איז זײַן גײַסט געווען בעקימערט; האָט ער געשיקט רופֿען אַלע כישוף־מאַכער פֿון מִצְרַיִם און זײַנע אַלע קלוגע לײַט, און פרעה האָט זיי דערצעהלט זײַן חלום, נאָר קיינער פֿון זיי האָט איהם נישט געקאָנט בעשיידען פֿאַר פרעה'ן.

9. האָט דער הויפט פֿון די שענקער אַזוי גערעדט צו פרעה'ן: מײַנע זינד דערמאָהן איך איצט.

10. פרעה האָט געהאַט געצאָרנט אויף זײַנע קנעכט, און האָט מיך אַרײַנגעזעצט אין וואַך אין הויז פֿון הויפּטמאַן פֿון דער לײַבוואַכע, מיך און דעם הויפט פֿון די בעקער.

11. און אונז האָט זיך געהלומט אַ חלום אין איין נאַכט, מיר מיט איהם, יעדען פֿון אונז האָט זיך געהלומט אַ חלום לויט זײַן בעדײַטונג.

12. און דאָרט איז מיט אונז (געווען) אַ יונגעל, אַ עִבְרִי, אַ קנעכט פון דעם הויפּטמאַן פון דער לייבוואַכע, האָבען מיר איהם דערצעהלט, און ער האָט בעשיידט אונזערע חֲלוֹמוֹת, יעדען האָט ער בעשיידט לויט זיין חָלוֹם.

13. און עס איז געוועזן, אַזוי ווי ער האָט בעשיידט, אַזוי איז געוואָרען: מיך האָט מען צוריקגעזעצט אויף מיין שטעלע, און איהם האָט מען אויפגעהאַנגען.

14. האָט פרעה געשיקט רופען יוסף'ן, האָט מען איהם גיך אַרויסגענומען פון גרוב, און ער האָט זיך אָבגעגאָלט און אומגעביטען זיינע קליידער, און איז געקומען צו פרעה'ן.

15. האָט פרעה געזאָגט צו יוסף'ן: מיר האָט זיך געחלומט אַ חלום, און עס איז נישטאָ, ווער ער זאָל איהם בעשיידען; און איך האָב געהערט זאָגענדיג וועגען דיר: דו פערשטעהסט צו בע-שיידען אַ חלום.

16. האָט יוסף געענטפערט פרעה'ן אַזוי: נישט איך; גאָט וועט ענטפער'ן צו'ם פריעדען פון פרעה.

17. האָט פרעה גערעדט צו יוסף'ן: מיר האָט זיך געחלומט, אַז איך שטעה ביי'ם ברעג טייך;

18. און אָט געהען אַרויף פון טייך זיבען קיה פעטע און פליישיג און שענע פון געשטאַלט, און זיי האָבען זיך געפּאַשעט אויפ'ן גראָז.

19. און אָט געהען נאָך זיי אַרויף זיבען אַנדערע קיה, דאַרע און זעהר שלעכטע פון געשטאַלט און מאָגערע אין פלייש; איך האָב אין גאַנצען לאַנד מִצְרַיִם נישט געזעהן אַזעלכע מאָגערע ווי זיי.

20. און די מאָגערע און דאַרע קיה האָבען אויפגעפרעסען די ערשטע זיבען פעטע קיה.

21. און זיי זענען אַריין אין זיי, און דאָך איז נישט געווען צו דערקענען, דאָס זיי זענען אַריין אין זיי, און זיי האָבען אויס-געזעהן שלעכט ווי פריהער. און איך האָב מיך אויפגעכאַפּט.

22. און איך האָב געזעהן אין מיין חלום, ווי אויף איין שטענגעל וואַקסען אויף זיעבען זאַנגען פֿולע און גוטע.

23. און אָט שפּראָצען אויף נאָך זיי זיעבען זאַנגען דאַרע, דינע און אויסגעטריקענטע פֿון מזרח-ווינד.

24. און די דינע זאַנגען האָבען איינגעשלונגען די גוטע זאַנגען. האָב איך דאָס געזאָגט צו די כשוף-מאַכער, נאָר קיינער זאָגט מיר נישט (דעם בעשייד).

25. האָט יוסף געזאָגט צו פּרעה'ן: פּרעה'ס חלום איז איינער; וואָס גאָט טהוט, דאָס האָט ער אָנגעזאָגט פּרעה'ן.

26. די זיעבען גוטע קיה זענען זיעבען יאָהר, און די זיעבען גוטע זאַנגען זענען זיעבען יאָהר; דאָס איז איין חלום.

27. און די זיעבען מאָגערע און שלעכטע קיה, וואָס געהען אַרויף נאָך זיי, זענען זיעבען יאָהר, און די זיעבען לעדיגע זאַנגען, די אויסגעטריקענטע פֿון מזרח-ווינד, וועלען זיין זיעבען הונגער-יאָהרען.

28. דאָס איז עס די זאַך, וואָס איך האָב גערעדט צו פּרעה'ן: דאָס, וואָס גאָט טהוט, האָט ער געוויזען פּרעה'ן.

29. אָט קומען אָן זיעבען יאָהר פֿון גרויסער זעטיגקייט אין גאַנצען לאַנד מִצְרַיִם.

30. און עס וועלען אָנקומען נאָך זיי זיעבען הונגער-יאָהרען, און עס וועט פֿערגעסען ווערען די גאַנצע זעטיגקייט אין לאַנד מצרים, און דער הונגער וועט פֿערדאַרבען דאָס לאַנד.

31. און עס וועט נישט אָנדערקענט ווערען די (פֿריהערינגע) זעטיגקייט אין לאַנד צוליעב יענעם שפּעטערדיגען הונגער, דען ער וועט זיין זעהר שווער.

32. און דאָס, וואָס דער חלום האָט זיך פּרעה'ן ווידערהאָלט צוויי מאָל, (איז אַ בעווייז), דאָס די זאַך איז בעשלאָסען פֿון גאָט, און גאָט איילט דאָס צו טהון.

33. און איצט זאָל זיך פּרעה שאַפֿען אַ פֿערשטענדיגען און אַ קלוגען מאַן און זאָל איהם שטעלען איבער'ן לאַנד מצרים.

34. זאָל פַּרעה בעפֿעהלען און אויפֿנעהמען בעאַמטע איבער'ן
לאַנד און זאָל אָבנעהמען אַ פֿינפֿט-חֵלֶק פֿון לאַנד מִצְרַיִם אין די
זיעבען זאַטע יאָהרען.

35. און זיי זאָלען אויפֿקלייבען אַלע שפּייזען פֿון די דאָזיגע
גוטע יאָהרען, וואָס קומען אָן, און זיי זאָלען פֿערזאַמלען די תְּבוּאָה
אונטער פּרעה'ס האַנד, אַלס שפּייז אין די שטעדט, און זאָלען
דאָס היטען.

36. וועט די שפּייז זיין צוגעגרייט אין לאַנד פֿאַר די
זיעבען הונגער-יאָהרען, וואָס וועלען זיין אין לאַנד מצרים, און דאָס
לאַנד וועט נישט אומקומען אוים הונגער.

37. איז די זאַך געפֿעלען געוואָרען אין פּרעה'ס אויגען און
אין די אויגען פֿון זיינע אַלע קנעכט.

38. און פּרעה האָט געזאָגט צו זיינע קנעכט: צי וועלע
מיר געפֿינען אַזאַ מאַן ווי דער, וואָס גאָטס גייסט איז אין איהם?

39. און פּרעה האָט געזאָגט צו יוסף'ן: אַזוי ווי גאָט האָט
דאָס אַלץ דיר בעקאַנט געמאַכט, איז נישטאָ קיין פֿערשטענדיגערער
און קלוגערער פֿאַר דיר.

40. דו וועסט זיין איבער מיין הויז, און דורך דיר זאָל
געשפּייזט ווערען מיין גאַנץ פֿאָלק, נאָר מיט'ן טראָן וועל איך זיין
גרעסער פֿון דיר.

41. און פּרעה האָט געזאָגט צו יוסף'ן: זעה, איך האָב דיך
געשטעלט איבער'ן גאַנצען לאַנד מצרים.

42. און פּרעה האָט אַראָבגענומען דעם רונג פֿון זיין האַנד
און האָט איהם אַרויפֿגעזעצט אויף יוסף'ס האַנד און האָט איהם
אָנגעקליידט טייערע קליידער און האָט אויף זיין האַלז אַרויפֿגעלעגט
די גאָלדענע-קייט.

43. און ער האָט איהם געלאָזט פֿאָהרען אין זיין צווייטען
וואָגען, און מען האָט אויסגערופֿען פֿאַר איהם: קעניגליכער פֿירשט,
און ער איז אויפֿגענומען געוואָרען איבער דאָס גאַנצע לאַנד מצרים.

44. און פּרעה האָט געזאָגט צו יוסף'ן: איך בין פּרעה;

נאָר אָהן דיר זאָל קיינער נישט אויפהויבען זיין האַנד און זיין פוס און גאַנצען לאַנד מצרים .

45. און פרעה האָט אָנגערופען יוסף'ס נאָמען : צָפְנַת־פַּעְנֵחַ, און ער האָט איהם געגעבען אָסְנַת'ן , די טאָכטער פון פּוֹטִי־פֶרַע , דער פריסטער פון און פאַר אַ ווייב . און יוסף איז אַרויסגעגאַנגען צו געהן איבער דאָס לאַנד מצרים .

46. און יוסף איז אַלט געווען דרייסיג יאָהר , ווען ער האָט זיך געשטעלט פאַר פרעה'ן , דעם קעניג פון מצרים . און יוסף איז אַרויסגעגאַנגען פון פרעה'ן און איז דורכגעגאַנגען איבער דאָס גאַנצע לאַנד מצרים .

47. און (די איינוואָהנער פון) לאַנד האָבען אָנגעזאַמעלט און די זיבען זאַטע יאָהרען מאַסענווייז .

48. און ער האָט אויפגעקליבען די גאַנצע שפּייז פון זיבען יאָהר , וואָס איז געווען אין מצרים , און האָט אַריינגעלעגט די שפּייז אין די שטעדט ; די שפּייז פון די פעלדער , וואָס אַרום דער שטאָדט , האָט ער אַריינגעלעגט אין שטאָדט ,

49. און יוסף האָט אָנגעזאַמעלט זעהר פיעל תְּבוּאָה , אַזוי ווי דער זאַמד בייּ'ם ים , ביז ער האָט אויפגעהערט צו צעהלען , ווען עס איז קיין צאָהל געווען .

50. און ביי יוסף'ן זענען געבאָרען געוואָרען צוויי זיהן , נאָך איידער דאָס הונגער־יאָהר איז אָנגעקומען ; דאָס האָט איהם געבאָרען אָסְנַת , די טאָכטער פון פּוֹטִי־פֶרַע , דער פריעסטער פון און .

51. און יוסף האָט אָנגערופען דעם נאָמען פון עלטערן : מְנַשֶּׁה , וויל ער האָט געזאָגט : גאָט האָט מיך געמאַכט פערגעסען מיין גאַנץ אונגליק און דאָס גאַנצע הויז פון מיין פאָטער .

52. און דעם נאָמען פון צווייטען האָט ער אָנגערופען : אֶפְרַיִם , וויל ער האָט געזאָגט : גאָט האָט מיך געמאַכט פרוכטבאַר אין'ם לאַנד פון מיין עלענד .

53. און עס האָבען זיך אויסגעלאָזען די זיבען זאַטע יאָהרען , וואָס זענען געווען אין לאַנד מצרים .

54. און עס האָבען זיך אָנגעהויבען די זיבען הונגער-יאָהרען, אַזוי ווי יוסף האָט געזאָגט. און עס איז געוועזען אַ הונגער אין אַלע לענדער, נאָר אין גאַנצען לאַנד מִצְרַיִם איז געוועזען ברויט.

55. און ווען דאָס גאַנצע לאַנד מצרים האָט געהונגערט און דאָס פֿאָלק האָט געשריען צו פרעה'ן וועגען ברויט, האָט פרעה געזאָגט צו גאַנץ מצרים: גיהט צו יוסף'ן; וואָס ער וועט אייך זאָגען, זאָלט איהר טהון.

56. און דער הונגער איז געוואָרען איבערן גאַנצען לאַנד. און יוסף האָט אויפגעעפֿענט אַלע היַיזער מיט תְּבוּאוֹת, און האָט פֿערקויפט תְּבוּאָה די מִצְרִים. און דער הונגער האָט זיך פֿערשטאַרקט אין לאַנד מצרים.

57. און פֿון דער גאַנצער ערד איז מען געקומען קיין מצרים צו קויפען תבואה פֿון יוסף'ן, דען דער הונגער האָט זיך פֿער-שטאַרקט אויף דער גאַנצער ערד.

קאַפּיטעל 42.

1. און יעקב האָט געזעהן, דאָס מען בעקומט צו קויפען תבואה אין מצרים, האָט יעקב געזאָגט צו זיינע זיהן: צו וואָס זאָלט איהר זיך לאַנג אַרומקוקען?

2. און ער האָט געזאָגט: אָט האָב איך געהערט, דאָס מען בעקומט צו קויפען תבואה אין מצרים; ניעדערט אַהין אַראָב און קויפט אונז פֿון דאָרטען תבואה, וועלען מיר לעבען און נישט שטאַרבען.

3. זענען צעהן יוסף'ס ברידער אַראָבגעניעדערט קיין מצרים צו קויפען תבואה.

4. און בִּנְיָמִינ'ן, יוסף'ס ברודער, האָט יַעֲקֹב נישט געשיקט מיט זיינע ברידער, דען ער האָט געזאָגט: טאָמער טרעפט איהם אַן אונגליק.

5. און ישראל'ס זיהן זענען געקומען קויפען תבואה צוזאַמען מיט אַלע קומענדע, דען עס איז געוואָרען אַ הונגער אין לאַנד כנען.

6. און יוסף איז געוועזן דער הערשער איבערן לאַנד, ער האָט פֿערקויפֿט תבואה דעם גאַנצען פֿאָלק פֿון לאַנד. זענען יוסף'ס ברידער געקומען און האָבען זיך געבוקט צו איהם מיט'ן אַנ־געזיכט צו דער ערד.

7. האָט יוסף געזעהן זיינע ברידער און האָט זיי דערקענט. האָט ער זיך געמאַכט פֿאַר זיי פֿרעמד און האָט גערעדט מיט זיי האַרטע ווערטער און האָט געזאָגט צו זיי: פֿון וואַנען קומט איהר? האָבען זיי געזאָגט: פֿון לאַנד כנען, צו קויפֿען שפּייז.

8. און יוסף האָט דערקענט זיינע ברידער, נאָר זיי האָבען איהם נישט דערקענט.

9. און יוסף האָט זיך דערמאָהנט די חלומות, וואָס איהם האָט זיך געחלומט וועגען זיי, און ער האָט געזאָגט צו זיי: איהר זענט אויסקוקער, איהר זענט געקומען אויסקוקען די שוואַכע אונ־בעפֿעסטיגטע ערטער פֿון לאַנד.

10. האָבען זיי געזאָגט צו איהם: ניין, מיין הערר, נאָר דיינע קנעכט זענען געקומען קויפֿען שפּייז.

11. מיר אַלע זענען די זיהן פֿון איין מאַן, עהרליכע זענען מיר, דיינע קנעכט זענען נישט געוועזן קיין אויסקוקער.

12. האָט ער געזאָגט צו זיי: ניין, נאָר איהר זענט געקומען אויסקוקען די שוואַכע אונבעפֿעסטיגטע ערטער פֿון לאַנד.

13. האָבען זיי געזאָגט: צוועלף ברידער זענען מיר דיינע קנעכט, די זיהן פֿון איין מאַן אין לאַנד כנען, און איצט איז דער קלענסטער (געבליבען) מיט אונזער פֿאָטער, און איינער איז נישטאָ.

14. האָט יוסף צו זיי געזאָגט: אָט דאָס איז עס טאַקי, וואָס איך האָב אייך געזאָגט: אויסקוקער זענט איהר.

15. דערמיט וועט איהר אויסגעפּרובט ווערען: איך שווער ביי פּרעה'ס לעבען, דאָס איהר וועט פֿון דאַנען נישט אַוועקגעהן, סיידען אייער קלייגער ברודער וועט קומען אַהער.

16. שיקט איינעם פֿון אייך, און זאָל ער נעהמען אייער ברודער, און איהר וועט דאָ בלייבען געפֿאַנגען, אום אייערע

דער זאָלען אויסגעפּרובט ווערען, צי דער אֱמֶת איז מיט אייך, אָדער ניין. איך שווער ביי פּרעה'ס לעבען, דאָס איהר זענט אויסקוקער.

17. און ער האָט זיי פֿערזאַמעלט אין דער וואַך אויף דריי טעג.

18. און אויפֿ'ן דריטען טאָג האָט יוסף צו זיי געזאָגט: דאָס זאָלט איהר טהון, וועט איהר לעבען, דען איך האָב מורא פֿאַר גאָט;

19. אויב איהר זענט עהרליכע, זאָל איין ברודער פֿון אייך בלייבען געפֿאַנגען אין אייער וואַך, און איהר געהט, ברענגט תבואה צו שטילען דעם הונגער פֿון אייערע הייזער.

20. און אייער קליינעם ברודער זאָלט איהר ברענגען צו מיר, וועלען בעשטעטיגט ווערען אייערע ווערטער און איהר וועט נישט שטאַרבען. האָבען זיי אַזוי געטהון.

21. און זיי האָבען געזאָגט איינער צו'ם צווייטען: יאָ ווירקליך, מיר זענען שולדיג צוליעב אונזער ברודער, דען מיר האָבען געזעהן די אַנגסט פֿון זיין זעעלע, ווען ער האָט זיך ביי אונז געבעטען, און מיר האָבען איהם נישט דערהערט, דעריבער איז אויף אונז געקומען די דאָזיגע צָרָה.

22. האָט רְאוּבֵן זיי אַזוי געענטפֿערט: צי דען האָב איך אייך נישט געזאָגט: איהר זאָלט נישט זינדיגען פֿאַר'ן קינד, נאָר איהר האָט נישט געפֿאָלגט, און איצט, אָט ווערט געמאָהנט זיין בלוט.

23. און זיי האָבען נישט געוואוסט, דאָס יוסף פֿערשטעהט, דען צווישען זיי איז געווען אַ פֿערטייטשער.

24. האָט ער זיך אָבגעווענדעט פֿון זיי און האָט געוויינט, און איז צוריקגעקומען צו זיי און האָט גערעדט צו זיי און האָט פֿון זיי צוגענומען שִׁמְעוֹנ'ן און האָט איהם געבונדען פֿאַר זיי אין די אויגען.

25. און יוסף האָט אָנגעזאָגט, דאָס מען זאָל אָנפֿילען זייערע זעק מיט תבואה, און מען זאָל צוריקגעבען זייער געלד יעדען אין

זיין זאַק, און מען זאָל זיי געבען שפּייז אויפ'ן וועג. און מען האָט זיי אַזוי געטהון.

26. און זיי האָבען אַרויפגעלעגט די תבואה אויף די עזלען און זענען פון דאָרטען אַוועקגעגאַנגען.

27. האָט איינער פון זיי אויפגעעפענט זיין זאַק צו געבען פּאַשע זיין עזעל אין דער העֶרבעֶרג, האָט עֶר דעֶרזעהן זיין געלד, ווי עֶס ליעגט אין דער עֶפנונג פון זיין זאַק.

28. האָט עֶר געזאָגט צו זיינע ברידער: מיין געלד איז צוריקגעגעבען געוואָרען און עֶס ליעגט אויך אין מיין זאַק. איז זיי דאָס האַרץ אויסגעגאַנגען און זיי זענען דערשראָקען געוואָרען, זאָגענדיג איינער צו'ם אַנדערן: וואָס האָט דאָס גאָט מיט אונז געטהון?

29. זענען זיי געקומען צו זייער פאָטער יעקב אין לאַנד כּנען און האָבען איהם דערצעהלט אַלץ, וואָס זיי האָט געטראָפען, און האָבען אַזוי געזאָגט:

30. עֶס האָט גערעדט מיט אונז דער מאַן, דער הערר פון לאַנד, האַרטע ווערטער, און עֶר האָט אונז געהאַלטען פאַר אויסקוקער דאָס לאַנד.

31. האָבען מיר געזאָגט צו איהם: עֶהרליכע זענען מיר, מיר זענען נישט געוועֶן קיין אויסקוקער;

32. צוועלף ברידער זענען מיר, די זיהן פון אונזער פאָטער; איינער איז נישטאָ, און דער קלענסטער איז איצט מיט אונזער פאָטער אין לאַנד כּנען.

33. האָט צו אונז געזאָגט דער מאַן, דער הערר פון לאַנד: דערמיט וועל איך וויסען, דאָס איהר זענט עֶהרליכע: איין ברודער פון אייך לאָזט איבער מיט מיר, און די תבואה צו שטילען דעם הונגער פון אייער הויזגעזינד, נעהמט און געהט,

34. און ברענגט אייער קלענעם ברודער צו מיר, וועל איך וויסען, דאָס איהר זענט נישט קיין אויסקוקער, דאָס איהר זענט עֶהרליכע, וועל איך אייך אָבגעבען אייער ברודער און איהר וועט קאָנען אומגעהן אין לאַנד.

35. און עס איז געוועזען, ווען זיי האבען אויסגעלעדיגט זייערע זעק, און אט האט יעדער (געפונען) זיין בינדעל געלד אין זיין זאק. האבען זיי דערזעהן זייערע בינדלעך געלד, זיי און זייער פאטער, האבען זיי מורא געהאט.

36. האט זייער פאטער יעקב צו זיי געזאגט: מיך האט איהר געמאכט קינדערלאז: יוסף איז נישטא און שמעון איז נישטא און בנימין'ן ווערט איהר צונעהמען; דאס אלץ מוז איך אויסשטעהן.

37. האט ראובן אזוי געזאגט צו זיין פאטער: מיינע צוויי זיהן וועסטו טויטען, אויב איך וועל איהם דיר נישט ברענגען; גיעב איהם איבער אין מיין האנד און איך וועל איהם דיר צוריק ברענגען.

38. האט ער געזאגט: מיין זוהן וועט מיט אייך נישט אראבגיעהן, דען זיין ברודער איז געשטארבען, און ער איז געבליבען איינער אליין, און טאמער טרעפט איהם א אומגליק אין וועג, און וועלכען איהר געהט, וועט איהר דערפיהרען מיין עלטער אין טרויער אין גרוב אריין.

קאפיטעל 43.

1. און דער הונגער האט זיך פערשטארקט אין לאנד.

2. און עס איז געוועזען, ווען זיי האבען גענענדיגט עסען די תבואה, וואס זיי האבען געבראכט פון מצרים, האט זייער פאטער צו זיי געזאגט: געהט ווידער, קויפט אונז אביסעל שפייז.

3. האט יהודה צו איהם אזוי געזאגט: דער מאן האט אונז געווארנט און אנגעזאגט: איהר זאלט נישט זעהן מיין אנגעזיכט, סיידען אייער ברודער וועט זיין מיט אייך.

4. אויב דו וועסט מיטשיקען אונזער ברודער מיט אונז, וועלען מיר אראבגיעהן און מיר וועלען דיר קויפען עסען.

5. און אויב דו וועסט נישט מיטשיקען, וועלען מיר נישט אראבגיעהן, דען דער מאן האט צו אונז געזאגט: איהר זאלט נישט זעהן מיין אנגעזיכט, סיידען אייער ברודער וועט זיין מיט אייך.

6. האָט יִשְׂרָאֵל געזאָגט: פאַרוואָס האָט איהר מיר אַזאַ רָעָה געטהון און געזאָגט דעם מאַן, דאָס איהר האָט נאָך אַ ברודער.

7. האָבען זיי געזאָגט: דער מאַן האָט זיך נאָכגעפרעגט וועגען אונז און וועגען אונזער פאַמיליע, און האָט געזאָגט: צי לעבט נאָך אייער פאָטער? צי האָט איהר אַ ברודער? האָבען מיר איהם דערצעהלט לויט די דאָזיגע ווערטער. צי דען האָבען מיר געקאָנט וויסען, דאָס ער וועט זאָגען: ברענגט אַראָב אייער ברודער?

8. און יהודה האָט געזאָגט צו זיין פאָטער ישראל: שיק דאָס יונגעל מיט מיר, און מיר וועלען אויפשטעהן און געהן, און מיר וועלען לעבען און נישט שטאַרבען, אי מיר, אי דו, אי אונזערע קינדער.

9. איך וועל פאַר איהם זיין פעראַנטוואָרטליך, פון מיין האַנד וועסטו איהם מאָהנען; אויב איך וועל איהם נישט ברענגען צו דיר און איהם אַוועקשטעלען פאַר דיר, וועל איך זיין זינדיג פאַר דיר אַלע טעג.

10. ווען מיר וואָלטען זיך נישט ביז איצט פערזאַמט, וואָלטען מיר דאָך שוין צוויי מאָל צוריקגעקומען.

11. האָט ישראל צו זיי געזאָגט: אויב אַזוי, זאָלט איהר אַזוי טהון: נעמט פון די בעסטע פרוכטען פון לאַנד אין אייערע כֵּלִים, און ברענגט אַראָב דעם מאַן אַ מַתָּנָה. אַ ביסעל באַלזאַם און אַ ביסעל האָניג, געווירצען און ווייהראַך, פיסטאַציען און מאַנדלען.

12. און דאָפּעלט געלד נעהמט אין אייערע הענד, און דאָס געלד, וואָס איז צוריקגעלעגט געוואָרען אין דער עפנונג פון אייערע זעק, זאָלט איהר צוריקגעבען מיט אייערע הענד, פיליכט איז דאָס אַ טָעוּת.

13. און אייער ברודער נעהמט, און שטעהט אויף, קעהרט צוריק צו דעם מאַן.

14. און דער אַלמעכטיגער גאָט זאָל אייך געבען באַרמהערציגקייט פאַר דעם מאַן, און ער זאָל אייך אָבשיקען מיט אייער

אַנדערן ברודער און מיט בנימינ'ן, און איך, אויב איך מוז שוין בלייבען קינדערלאָז, וועל איך בלייבען קינדערלאָז.

15. האָבען די מענער גענומען די דאָזיגע מִנְחָה, און דאָפּעלט געלד האָבען זיי גענומען אין זייערע הענד און בנימינ'ן, און זיי זענען אויפגעשטאַנען און אַראָבגעניעדערט קיין מצרים און האָבען זיך געשטעלט פאַר יוסף'ן.

16. האָט יוסף געזעהן בנימינ'ן מיט זיי, האָט ער געזאָגט צו דעם, וואָס איז געווען איבער זיין הויז: ברענג די מענער אין הויז און שעכט צו'ם עסען און ברייט צו, דען מיט מיר וועלען די מענער עסען צו מיטאָג.

17. האָט דער מאַן געטהון, ווי יוסף האָט געזאָגט, און דער מאַן האָט געבראַכט די מענער אין יוסף'ם הויז.

18. האָבען די מענער זיך דערשראָקען דערפאַר, וואָס זיי זענען געבראַכט געוואָרען אין יוסף'ם הויז, און זיי האָבען געזאָגט: דאָס איז צוליעב דעם געלד, וואָס איז צוריקגעלעגט געוואָרען פריהער אין אונזערע זעק, ווערען מיר געבראַכט, כדי צו מאַכען אויף אונז אַ בִּלְבּול און צו בעפאַלען אויף אונז און צונעהמען פאַר קנעכט אונז און אונזערע עזלען.

19. זענען זיי צוגעגאַנגען צו'ם מאַן, וואָס איז געווען אויפגענומען איבער יוסף'ם הויז, און האָבען גערעדט צו איהם אין טהיר פון הויז,

20. און האָבען געזאָגט: איך בעט מיין הערן! מיר זענען שוין פריהער אַראָבגעקומען קויפען שפּייז;

21. און עס איז געווען, ווען מיר זענען געקומען אין דער הערבערג, האָבען מיר אויפגעעפענט אונזערע זעק, און אָט איז יעדענס געלד געלעגען אין דער עפנונג פון זיין זאַק, אונזער געלד לויט זיין וואָג; האָבען מיר עס צוריקגעבראַכט אין אונזערע הענד.

22. און אויך אַנדער געלד האָבען מיר אַראָבגעבראַכט אין אונזערע הענד, צו קויפען שפּייז. מיר וויסען ניט, ווער עס האָט אַריינגעלעגט אונזער געלד אין אונזערע זעק.

23. האָט ער געזאָגט: זײַט רוהיג, האָט ניש מורא; אײַער גאָט און דער גאָט פֿון אײַער פֿאָטער האָט אײַך געגעבען אַ אוצר און אײַערע זעק. אײַער געלד איז צו מיר אָנגעקומען. און ער האָט צו זיי אַרויסגעפֿיהרט שמעון׳ן.

24. און דער מאַן האָט געבראַכט די מענער אין יוסף׳ס הויז, און ער האָט געגעבען וואַסער, האָבען זיי אָבגעוואַשען זייערע פֿיס, און ער האָט געגעבען פֿאַשע פֿאַר זייערע אייזלען.

25. און זיי האָבען אָנגעגרייט די מתנה אייידער יוסף איז געקומען צו מיטאָג, דען זיי האָבען געהערט, דאָס דאָרטען וועלען זיי עסען ברויט.

26. און ווען יוסף איז געקומען אין הויז, האָבען זיי איהם געבראַכט די מתנה, וואָס אין זייערע הענד, אין הויז אַריין, און זיי האָבען זיך צו איהם געבוקט ביז צו דער ערד.

27. האָט ער זיי געפֿרעגט, וואָס זיי מאַכען, און האָט געזאָגט: צי איז געזונד אײַער אַלטער פֿאָטער, וואָס איהר האָט געזאָגט? צי לעבט ער נאָך?

28. האָבען זיי געזאָגט: דײַן קנעכט אונזער פֿאָטער איז געזונד, ער לעבט נאָך. און זיי האָבען זיך געניינט און געבוקט.

29. האָט ער אויפֿגעהויבען זײַנע אויגען און האָט געזעהן זײַן ברודער בנימין, זײַן מוטערס זוהן, האָט ער געזאָגט: איז דאָס אײַער קליינער ברודער, וועגען וועלכען איהר האָט מיר געזאָגט? און ער האָט געזאָגט: זאָל דיך גאָט בעגנעדיגען, מײַן זוהן!

30. און יוסף האָט געאײַלט (אַוועקצוגעהן), דען עס האָט אויפֿגעברענט אין איהם זײַן צערטליכקייט צו זײַן ברודער, און ער האָט געוואָלט וויינען. איז ער געקומען אין אַנ׳אַנדער צימער און האָט דאָרט געוויינט.

31. און ער האָט אָבגעוואַשען זײַן געזיכט און איז אַרויסגעגאַנגען און האָט זיך געשטאַרקט. און ער האָט געזאָגט: דערלאַנגט צום עסען.

32. האָבען זיי דערלאַנגט פֿאַר איהם בעזונדער, און פֿאַר

זיי בעזונדער, און פֿאַר די מִצרים, וואָס האָבען געגעסען מיט איהם, בעזונדער, דען די מִצרים קאָנען נישט עסען מיט די עִברים ברויט, ווייל עס איז מִיאוּס פֿאַר די מִצרים.

33. און זיי האָבען זיך געזעצט פֿאַר איהם, דער עלטערער לויט זיין עלטער און דער יונגערער לויט זיין יוגענד. האָבען זיך די מענער געוואונדערט איינער פֿאַר'ן צווייטען.

34. און מען האָט געטראָגען שפּייזען פֿון איהם צו זיי, אין בנימינ'ס חלק שפּייז איז געוועזען גרעסער פֿון אַלעמענס חלקים, פֿינף מאָל אַזוי פֿיעל. און זיי האָבען געטרונקען און זיך אָנגעשיכּורט מיט איהם.

קאַפּיטעל 44.

1. און ער האָט אַזוי בעפֿויהלען דעם, וואָס איז געוועזען אויפֿגענומען איבער זיין הויז: מאַך פֿול די זעק פֿון די מענער מיט שפּייז, וויפֿיעל זיי קאָנען נאָר טראָגען, און לעג אַריין יעדענס געלד אין דער עפֿנונג פֿון זיין זאַק.

2. און מיין בעכער, דעם זילבערנעם בעכער, זאָלסטו אַריינלעגען אין דער עפֿנונג פֿונ'ם קלענסטענס זאַק, און אויך דאָס געלד פֿאַר זיין תבואה. און ער האָט געטהון לויט יוסף'ס רעד, וואָס ער האָט גערעדט.

3. ווי דער פֿריהמאָרגען האָט אויפֿגעלויכטען, זענען די מענער אַרויסגעשיקט געוואָרען, זיי און זייערע עזלען.

4. זיי זענען אַרויסגעגאַנגען פֿון שטאָדט, און נאָך אידער זיי האָבען זיך דערווייטערט, האָט יוסף געזאָגט צו דעם, וואָס איז אויפֿגענומען איבער זיין הויז: שטעה אויף, יאָג נאָך די מענער, און דו זאָלסט זיי דעריאָגען און זאָלסט זאָגען צו זיי: פֿאַר וואָס האָט איהר אָבגעצאָהלט שלעכטס פֿאַר גוטס?

5. דאָס איז דאָך דער (בעכער), וואָס פֿון איהם טרינקט מיין הערר, און אויך מאַכט ער דורך איהם כּישוף; איהר זענט זיך שלעכט בעגאַנגען, וואָס איהר האָט דאָס געטהון.

6. האָט ער זיי דעריאָגט און האָט צו זיי גערעדט די דאָזיגע ווערטער.

7. האָבען זיי געזאָגט צו איהם: וואָרום זאָל רעדען מיין הערר אַזעלכע ווערטער? עס איז אונמעגליך פאַר דיינע קנעכט צו טהון אַזאַ זאַך.

8. דען דאָס געלד, וואָס מיר האָבען געפונען אין דער עפנונג פון אונזערע זעק, האָבען מיר דאָך צוריקגעבראַכט צו דיר פון לאַנד כנען, היינט ווי אַזוי וועלען מיר גַנְבֶה'נען פון דיין הערר'ס הויז זילבער אָדער גאָלד?

9. דער פון דיינע קנעכט, וואָס ביי איהם וועט זיך געפינען (דער בעכער), זאָל ער שטאַרבען, און אויך מיר וועלען מיר זיין קנעכט ביי מיין העררן.

10. האָט ער געזאָגט: דאָס מאָל זאָל זיין אַזוי ווי איהר זאָגט; דער, וואָס ביי איהם וועט ער זיך געפינען, זאָל מיר ווערען אַ קנעכט, און איהר וועט זיין ריין.

11. האָבען זיי געאיילט און אַראָבגענומען יעדער זיין זאַק אויף דער ערד, און האָבען אויפגעעפענט יעדער זיין זאַק.

12. און ער האָט געזוכט; פון גרויסען האָט ער אָנגעהויבען און ביי'ם קליינעם האָט ער געענדיגט. און דער בעכער איז געפונען געוואָרען אין בנימינ'ס זאַק.

13. האָבען זיי צעריסען זייערע קליידער און יעדער האָט אַרויפגעלאָדען (די מַשָׂא) אויף זיין עזעל, און זיי האָבען צוריקגעקעהרט אין שטאָדט.

14. און יהודה און זיינע ברידער זענען געקומען אין יוסף'ס הויז, און ער איז נאָך דאָרט געווען, זענען זיי געפאַלען פאַר איהם צו דער ערד.

15. האָט יוסף צו זיי געזאָגט: וואָס איז דאָס די דאָזיגע זאַך, וואָס איהר האָט געטהון? צי דען האָט איהר נישט געוואוסט, דאָס אַזאַ מענש ווי איך טהוט כישוף?

16. האָט יהודה געזאָגט: וואָס זאָלען מיר זאָגען צו מיין

הערן, וואס זאלען מיר רעדען און וואס זאָלען מיר זיך פֿערענט־שע־ן! גאָט האָט איינגעפֿונען די זינד פֿון דיינע קנעכט. מיר זענען קנעכט ביי אונזער הערר, אי מיר, אי דער, וואָס אין זיין האַנד איז געפֿונען געוואָרען דער בעכער.

17. האָט (יוסף) געזאָגט: חָלִילָה, איך זאָל דאָס טהון! דער מענש, וואָס אין זיין האַנד איז געפֿונען געוואָרען דער בעכער, דער וועט זיין ביי מיר אַ קנעכט, און איהר גענט זיך אַרויף אין פֿריע־דען צו אייער פֿאָטער.

עלפטע סֵדְרָה: וַיִּגַּשׁ.

18. איז יְהוּדָה צוגעגאַנגען צו איהם און האָט געזאָגט: איך בעט דיך, מיין הערר! זאָל דיין קנעכט רעדען אַ וואָרט פֿאַר די אויערען פֿון מיין העררן, און זאָל דיין צאָרן נישט אויפֿברענען אויף דיין קנעכט, דען דו ביזט דאָך ווי פַּרְעֹה.

19. מיין הערר האָט זיינע קנעכט אַזוי געפֿרעגט: צי האָט איהר אַ פֿאָטער אָדער אַ ברודער?

20. האָבען מיר געזאָגט צו מיין העררן: מיר האָבען אַ אַל־טען פֿאָטער און ער האָט אַ קליין קינד פֿון דער עלטער, וואָס זיין ברודער איז געשטאָרבען, און ער איז געבליבען אַליין ביי זיין מוטער, און זיין פֿאָטער האָט איהם ליעב.

21. האָסטו געזאָגט צו דיינע קנעכט: ברענגט איהם אַראָב צו מיר, וועל איך אַקוק טהון אויף איהם.

22. האָבען מיר געזאָגט צו מיין העררן: דאָס יונגעל קאָן נישט פֿערלאָזען זיין פֿאָטער, דען אויב עס וועט פֿערלאָזען זיין פֿאָטער, וועט עס שטאַרבען.

23. האָסטו געזאָגט צו דיינע קנעכט: אויב אייער קלענער ברודער וועט נישט אַראָבקומען מיט אייך, זאָלט איהר מעהר נישט זעהן מיין אַנגעזיכט.

24. און עס איז געווען, ווען מיר זענען אַרויפֿגעקומען צו

דיין קנעכט, מיין פֿאָטער, האָבען מיר איהם געזאָגט מיין הערר'נס ווערטער;

25. האָט אונזער פֿאָטער געזאָגט: קעהרט צוריק, קויפֿט אונז אַביסעל שפּייז.

26. האָבען מיר געזאָגט: מיר קאָנען נישט אַראָבגיידערן. אויב אונזער קליינער ברודער וועט זיין מיט אונז, וועלען מיר אַראָבגיידערן, דען מיר קאָנען נישט זעהן דעם מאַנס אַנגעזיכט, וועהרענד אונזער קליינער ברודער איז נישט מיט אונז.

27. האָט דיין קנעכט, מיין פֿאָטער, געזאָגט צו אונז: איהר ווייסט, דאָס צוויי האָט מיר מיין ווייב געבאָרען,

28. און איינער איז אַוועקגעגאַנגען פֿון מיר, און איך האָב געזאָגט: ער איז געוויס צערריסען געוואָרען, און איך האָב איהם ביז איצט נישט געזעהן;

29. און איצט וועט איהר אויך דעם צונעהמען פֿון מיר, און אויב עס וועט איהם טרעפֿען אַ אונגליק, וועט איהר אַראָבפֿיהרען מיינע עלטער מיט טרויער אין גרוב אַריין.

30. און איצט, אויב איך וועל קומען צו דיין קנעכט, מיין פֿאָטער, און דאָס יונגעל וועט מיט אונז נישט זיין, און זיין זעעלע איז צוגעבונדען צו זיין זעעלע,

31. און ווי ער וועט דערזעהן, אַז דאָס יונגעל איז נישטאָ, וועט ער שטאַרבען, און דיינע קנעכט וועלען אַראָבפֿיהרען די עלטער פֿון דיין קנעכט, אונזער פֿאָטער, מיט טרויער אין גרוב אַריין.

32. דען איך, דיין קנעכט, האָב ערב געוועזען מיין פֿאָטער פֿאַר'ן יונגעל און האָב געזאָגט: אויב איך וועל איהם דיר נישט ברענגען, וועל איך זיין זינדיג פֿאַר מיין פֿאָטער אַלע טעג.

33. און איצט לאָ'ם איך, דיין קנעכט, בלייבען אַנשטאָט דעם יונגעל אַ קנעכט ביי מיין הערר'ן, און דאָס יונגעל זאָל אַרויפֿגעהן מיט זיינע ברידער.

34. דען ווי אַזוי קאָן איך אַרויפֿקומען צו מיין פֿאָטער, ווען דאָס יונגעל איז נישטאָ מיט מיר, און איך קאָן דערזעהן דאָס אונגליק, וואָס עס וועט מיין פֿאָטער טרעפֿען.

קאַפּיטעל 45.

1. האָט זיך יוסף שוין מעהר ניט געקאָנט איינהאַלטען פֿאַר די אַלע, וואָס זענען געשטאַנען נעבען איהם, און ער האָט אויסגערופֿען: פֿיהרט אַרויס יעדען מאַן פֿון מיר. און עס איז קיין מאַן ניט געבליעבען שטעהן, ווען ער האָט זיך געמאַכט דערקענען פֿאַר זיינע ברידער.

2. און ער האָט אָנגעהויבען הויך וויינען, האָבען דאָס געהערט די מִצְרִים און מען האָט דאָס דערהערט אין פּרעה׳ס הויז.

3. און יוסף האָט געזאָגט צו זיינע ברידער: איך בין יוסף. צי לעבט נאָך מיין פֿאָטער? נאָר זיינע ברידער האָבען איהם ניט געקאָנט ענטפֿערן, דען זיי זענען דערשראָקען געוואָרען פֿאַר איהם.

4. האָט יוסף געזאָגט צו זיינע ברידער: קומט צו צו מיר. זענען זיי צוגעגאַנגען. האָט ער געזאָגט: איך בין אייער ברודער יוסף, וואָס איהר האָט מיך פֿערקויפֿט קיין מצרים.

5. און איצט זאָלט איהר ניט זיין טרויעריג און עס זאָל אייך ניט פֿערדריסען, וואָס איהר האָט מיך פֿערקויפֿט אַהער, דען צו דערהאַלטען אייער לעבען האָט מיך גאָט געשיקט אַהער פֿאַר אייך.

6. דען שוין צוויי יאָהר, ווי דער הונגער (הערשט) אין לאַנד, און נאָך פֿינף יאָהר וועט מען ניט אַקערען און שניידען.

7. האָט מיך גאָט געשיקט פֿאַר אייך, כּדי צו לאָזען אייך איבערבלייבען אויף דער ערד און צו דערהאַלטען אייער לעבען דורך אַ גרויסער רעטונג.

8. אַלזאָ ניט איהר האָט מיך אַהער געשיקט, נאָר גאָט, און ער האָט מיך געמאַכט פֿאַר פּרעה׳ס פֿאָטער און פֿאַר אַ הערר איבער זיין גאַנץ הויז און אַ הערשער אין גאַנצען לאַנד מצרים.

9. איילט און געהט אַרויף צו מיין פֿאָטער און זאָגט איהם: אַזוי האָט דיין זוהן יוסף געזאָגט: גאָט האָט מיך געמאַכט פֿאַר אַ הערר איבער גאַנץ מצרים. קום אַראָב צו מיר, זאַם זיך ניט.

10. און דו וועסט זיצען אין לאַנד גושן און וועסט זיין

נאָהנט צו מיר, דו און דיינע קינדער און דיינע קינדסקינדער און דיינע שאָף און דיינע רינדער און אַלץ, וואָס דו האָסט.

11. און איך וועל דיך דאָרט שפּייזען, דען נאָך פינף יאָהר וועט זיין אַ הונגער, אום דו זאָלסט נישט פערדאָרעמט ווערען, דו און דיין הויז און אַלץ, וואָס דו האָסט.

12. און אַט זעהען דאָך אייערע אויגען און די אויגען פון מיין ברודער בנימין, דאָס מיין מויל רעדט דאָס צו אייך.

13. און איהר זאָלט דערצעהלען מיין פאָטער מיין גאַנצען כּבוד אין מִצְרַיִם און אַלץ, וואָס איהר האָט געזעהן, און איהר זאָלט גיך אַראָבברענגען מיין פאָטער אַהער.

14. און ער איז געפאַלען אויפ'ן האַלז פון זיין ברודער בנימין און האָט געוויינט, און בנימין האָט געוויינט אויף זיין האַלז.

15. און ער האָט געקושט זיינע אַלע ברידער און האָט גע-וויינט מיט זיי, און דערנאָך האָבען זיינע ברידער גערעדט מיט איהם.

16. און דער קלאַנג איז אָנגעקומען אין פּרעה'ס הויז און מען האָט געזאָגט: יוסף'ס ברידער זענען געקומען. איז די זאַך געפעלען געוואָרען פּרעה'ן און זיינע קנעכט.

17. און פּרעה האָט געזאָגט צו יוסף'ן: זאָג דיינע ברידער: אַזוי זאָלט איהר טהון: בעלאַדעט אייערע בהמות און געהט און קומט אין לאַנד כנען,

18. און נעהמט אייער פאָטער און אייער הויזגעזינד און קומט צו מיר, און איך וועל אייך געבען דאָס בעסטע אין לאַנד מצרים און איהר וועט עסען דאָס פעטס פון לאַנד.

19. און דיר איז בעפוילען זיי צו זאָגען: אַזוי זאָלט איהר טהון: נעהמט אייך פון לאַנד מצרים וואָגענס פאַר אייערע קליינע קינדער און פאַר אייערע ווייבער, און נעהמט אייער פאָטער און קומט.

20. און איהר זאָלט נישט שאָנען אייערע זאַכען, דען דאָס בעסטע פון גאַנצען לאַנד מצרים איז אייערם.

21. און יִשְׂרָאֵל'ס זיהן האָבען אַזוי געטהון, און יוסף האָט

זיי געגעבען וואגענם לויט פרעה'ס בעפעהל, און ער האט זיי גע-געבען שפייז אויפ'ן וועג.

22. אלעמען האט ער געגעבען א אנצוג קליידער יעדען, און בנימינ'ן האט ער געגעבען דריי-הונדערט זילבער-מַטְבְּעוֹת און פִינְף אנצוגער קליידער.

23. און פאר זיין פאטער האט ער געשיקט פאלגענדעם: צעהן עזלען, וואס טראגען פון דאס בעסטע פון מצרים, און צעהן עזלינען, וואס טראגען תבואה און ברויט און שפייז פאר זיין פאטער אויפ'ן וועג.

24. און ער האט אבגעשיקט זיינע ברידער און זיי זענען אוועקגעגאנגען, און ער האט געזאגט צו זיי: איהר זאלט זיך נישט קריגען אין וועג.

25. און זיי זענען ארויסגעגאנגען פון מצרים און זענען גע-קומען אין לאנד כנען צו זייער פאטער יעקב,

26. און זיי האבען איהם אנגעזאגט: יוסף לעבט נאך און הערשט אין גאנצען לאנד מצרים, איז איהם דאס הארץ אבגע-שוואכט געווארען, דען ער האט זיי נישט געגלויבט.

27. האבען זיי איהם דערצעהלט אלע יוסף'ס ווערטער, וואס ער האט גערעדט צו זיי, און ער האט געזעהן די וואגענס, וואס יוסף האט געשיקט איהם צו פיהרען, האט דער גייסט פון זייער פאטער יעקב אבגעלעבט.

28. און ישראל האט געזאגט: גענוג, עס לעבט נאך מיין זוהן יוסף! איך וועל געהן און וועל איהם זעהן איידער איך וועל שטארבען.

קאפיטעל 46.

1. און ישראל און אליץ, וואס ער האט געהאט, האט גע-צויגען און איז געקומען קיין בְּאֵר־שֶׁבַע, און ער האט געשאכטען קָרְבָּנוֹת פאר דעם גאט פון זיין פאטער יִצְחָק.

2. און גאָט האָט געזאָגט צו ישראל'ן אין דער נאַכט-זעהעניש: יעקב, יעקב! האָט ער געזאָגט: דאָ בין איך.

3. האָט ער געזאָגט: איך בין דער גאָט, דער גאָט פון דיין פאָטער. דו זאָלסט נישט מורא האָבען אַראָבצוגיידערן קיין מצרים, דען איך וועל פון דיר דאָרט מאַכען אַ גרויס פאָלק.

4. איך וועל אַראָבגיידערן מיט דיר קיין מצרים, איך וועל דיך אויך צוריק אַרויספיהרען, און יוסף וועט לעגען זיין האַנד אויף דיינע אויגען.

5. און יעקב איז אויפגעשטאַנען פון באר-שבע, און ישראל'ס זיהן האָבען געפיהרט זייער פאָטער יעקב און זייערע קליינע קינדער און זייערע ווייבער אין די וואָגענס, וואָס פרעה האָט געשיקט איהם צו פיהרען.

6. און זיי האָבען גענומען זייערע פיה און זייער פערמעגען, וואָס זיי האָבען אָנגעזאַמעלט אין לאַנד כנען, און זענען געקומען קיין מצרים, יעקב און זיינע אַלע קינדער מיט איהם.

7. זיינע זיהן און די זיהן פון זיינע זיהן מיט איהם, זיינע טעכטער און די טעכטער פון זיינע זיהן און זיינע אַלע קינדער האָט ער געבראַכט מיט זיך קיין מצרים.

8. און דאָס זענען די נעמען פון ישראל'ס קינדער, וואָס זענען געקומען קיין מצרים. יעקב און זיינע זיהן. יעקב'ס בכור: ראובן.

9. און ראובנ'ס זיהן: חנוך און פלוא און חצרון און כרמי.

10. און שמעונ'ס זיהן: ימואל און ימין און אהד און יכין און צוחר און שאול דער זוהן פון אַ כנענית.

11. און לוי'ס זיהן: גרשון, קהת און מררי.

12 און יהודה'ס זיהן: ער און אונן און שלה און פרץ און זרח. און ער און אונן זענען געשטאָרבען אין לאַנד כנען, און פרץ'ס זיהן זענען געווען: חצרון און חמול.

13. און יששכר'ס זיהן: תולע און פוה און יוב און שמרון.

14. און זבולונ'ס זיהן: סרד און אלון און יחלאל

15. דאָס זענען לאה'ס זיהן, וואָס זי האָט יעקב'ן געבאָרען

אין פַּדַּן אֲרָם, און אויך זיין טאָכטער דִּינָה. אַלֶע פּערזאָנען פון זיינע זיהן און טעכטער (זענען) דריי און דרייסיג.

16. און גָּד׳ס זִיהְן: צִפְיוֹן און חַגִּי, שׁוּנִי און אֶצְבּוֹן, עֵרִי און אֲרוֹדִי און אַרְאֵלִי.

17. און אָשֵׁר׳ס זִיהְן: יִמְנָה און יִשְׁוָה און יִשְׁוִי און בְּרִיעָה און זייער שוועסטער שֶׂרַח, און בְּרִיעָה׳ס זִיהְן: חֶבֶר און מַלְכִּיאֵל.

18. דאָס זענען די זיהן פון זִלְפָּה, וואָס לָבָן האָט געגעבען זיין טאָכטער לֵאָה׳ן, און זי האָט די דאָזיגען געבאָרען יעקב׳ן: זעכצעהן פערזאָן.

19. די זיהן פון רָחֵל, יַעֲקֹב׳ס ווייב: יוֹסֵף און בִּנְיָמִין.

20. און ביי יוסף׳ן זענען געבאָרען געוואָרען אין לאַנד מצרים, וואָס עס האָט איהם געבאָרען אָסְנַת, די טאָכטער פון פּוֹטִיפֶרַע, דער פּריסטער פון און: מְנַשֶּׁה׳ן און אֶפְרַיִם׳ן.

21. און בִּנְיָמִנ׳ס זִיהְן: בֶּלַע און בֶּכֶר און אַשְׁבֵּל, גֵּרָא און נַעֲמָן, אֵחִי און רֹאשׁ, מֻפִּים און חֻפִּים און אָרְד.

22. דאָס זענען רחל׳ס זיהן, וואָס זענען געבאָרען געוואָרען ביי יעקב׳ן: פירצעהן פערזאָנען.

23. און דָּנ׳ס זִיהְן: חוּשִׁים.

24. און נַפְתָּלִי׳ס זיהן: יַחְצְאֵל און גּוּנִי און יֵצֶר און שִׁלֵּם.

25. דאָס זענען די זיהן פון בִּלְהָה, וואָס לבן האָט געגעבען זיין טאָכטער רחל׳ן, און זי האָט געבאָרען יעקב׳ן די דאָזיגע: זיעבען פערזאָנען.

26. אַלֶע פערזאָנען, וואָס זענען געקומען מיט יעקב׳ן אין מצרים, וואָס זענען אַרויסגעגאַנגען פון זיינע לענדען, אויסער די ווייבער פון יעקב׳ס זיהן, זענען געוועזען זעקס און זעכציג.

27. און יוסף׳ס זיהן, וואָס זענען ביי איהם געבאָרען געוואָרען אין מצרים, זענען געוועזען צוויי פערזאָנען. אַלע פערזאָנען פון יעקב׳ס הויז, וואָס זענען געקומען אין מצרים, זענען געוועזען זיעבציג.

28. און יהודה׳ן האָט ער געשיקט פאָרויס צו יוסף׳ן, ער

זאָל איהם פאָרויס ווייזען (דעם וועג) קיין גושן. און זיי זענען געקומען אין לאַנד גושן.

29. און יוסף האָט איינגעשפּאַנט זיין וואָגען און ער איז אַרויסגעפאָהרען קעגען זיין פאָטער ישׂראל קיין גושן; און ער האָט זיך מיט איהם געזעהן און איז געפאַלען אויף זיין האַלז און האָט לאַנג געוויינט אויף זיין האַלז.

30. האָט ישׂראל געזאָגט צו יוסף'ן: איצט קאָן איך שטאַרבען, נאָכדעם ווי איך האָב געזעהן דיין אַנגעזיכט, דאָס דו לעבסט נאָך.

31. און יוסף האָט געזאָגט צו זיינע ברידער און צו זיין פאָטערס הויזגעזינד: איך וועל געהן און דערצעהלען פּרעה'ן און וועל זאָגען צו איהם: מיינע ברידער און מיין פאָטערס הויזגעזינד פון לאַנד כנען זענען געקומען צו מיר.

32. און די מענער זענען געוועזען פּאַסטוכער פון שאָף, דען זיי האָבען זיך בעשעפטיגט מיט פיה, און זיי האָבען מיטגעבראַכט זייערע שאָף און רינדער און אַלץ, וואָס זיי האָבען געהאַט.

33. און עס וועט זיין, ווען פּרעה וועט אייך רופען און וועט זאָגען: וואָס איז אייער בעשעפטיגונג?

34. זאָלט איהר זאָגען: מיט פיה האָבען זיך דיינע קנעכט בעשעפטיגט פון אונזער יוגענד און ביז איצט, אַזוי מיר, אַזוי אויך אונזערע עלטערן, — אום איהר זאָלט וואָהנען אין לאַנד גושן, דען פאַר די מִצְרים איז מיאוס יעדער פּאַסטוך פון שאָף.

קאַפּיטעל 47.

1. און יוסף איז געקומען און האָט דערצעהלט פּרעה'ן און האָט געזאָגט: מיין פאָטער און מיינע ברידער און זייערע שאָף און רינדער און אַלץ, וואָס זיי האָבען, זענען געקומען פון לאַנד כנען. און זיי זענען אין לאַנד גושן.

2. און פון צווישען זיינע ברידער האָט ער גענומען פינף מענער און האָט זיי פאָרגעשטעלט פאַר פּרעה'ן.

3. און פרעה האָט געזאָגט צו זיינע ברידער: וואָס איז אייער בעשעפטיגונג? האָבען זיי געזאָגט צו פרעה'ן: פאַסטוכער פון שאָף זענען דיינע קנעכט, אַזוי מיר אַזוי אויך אונזערע עלטערן.

4. און זיי האָבען געזאָגט צו פרעה'ן: צו וואָהנען אין לאַנד זענען מיר געקומען, דען עס איז נישטאָ קיין פאַשע פאַר די שאָף פון דיינע קנעכט, וויל דער הונגער איז שווער אין לאַנד כנען, און איצט זאָלען דיינע קנעכט זיצען אין לאַנד גושן.

5. האָט פרעה אַזוי געזאָגט צו יוסף'ן: דיין פאָטער און דיינע ברידער זענען געקומען צו דיר;

6 דאָס לאַנד מצרים איז פאַר דיר; און דעם בעסטען אָרט פון לאַנד בעזעץ דיין פאָטער און דיינע ברידער; זאָלען זיי וואָהנען אין לאַנד גושן. און אויב דו ווייסט, דאָס עס זענען פערהאַן צווישען זיי טיכטיגע לייט, זאָלסטו זיי אויפנעהמען פאַר אָבער־אויפזעהער איבער מיינע פיה.

7. און יוסף האָט געבראַכט זיין פאָטער יעקב און האָט איהם פאָרגעשטעלט פאַר פרעה'ן, און יעקב האָט געבענשט פרעה'ן.

8. האָט פרעה געזאָגט צו יעקב'ן: וויפיעל זענען די טעג פון דיינע לעבענס־יאָהרען?

9. האָט יעקב געזאָגט צו פרעה'ן: די טעג פון מיינע וואַנדערונגס־יאָהרען זענען הונדערט און דרייסיג יאָהר. ווייניג און שלעכט זענען געוועזען די טעג פון מיינע לעבענס־יאָהרען און זיי האָבען נישט דערגרייכט די טעג פון מיינע עלטערנס לעבענס־יאָהרען אין די טעג פון זייער וואַנדערשאַפט.

10. און יעקב האָט געבענשט פרעה'ן און איז אַרויסגעגאַנגען פון פרעה'ס אַנגעזיכט.

11. און יוסף האָט בעזעצט זיין פאָטער און זיינע ברידער און ער האָט זיי געגעבען אַ אייגענטהום אין לאַנד מצרים, אין דעם בעסטען טהייל פון לאַנד, אין לאַנד רַעְמְסֵס, אַזוי ווי פרעה האָט בעפוילען.

12. און יוסף האָט געשפייזט זיין פאָטער און זיינע ברידער

און דאָס גאַנצע הויז-געזינד פֿון זײַן פֿאָטער מיט ברויט לויט דער צאָהל פֿון די קינדער.

13. און עס נישט געוועזען קיין ברויט אין גאַנצען לאַנד, דען דער הונגער איז זעהר שווער געוואָרען, און עס איז פֿער-שמאַכט געוואָרען דאָס לאַנד מצרים און דאָס לאַנד כנען פֿון דעם הונגער.

14. און יוסף האָט אויפֿגעזאַמעלט דאָס גאַנצע געלד, וואָס האָט זיך געפֿונען אין לאַנד מצרים און אין לאַנד כנען, פֿאַר די תבואָה, וואָס זיי האָבען געקויפֿט, און יוסף האָט געבראַכט דאָס געלד אין פרעה'ס-הויז.

15. און עס איז אויסגעגאַנגען דאָס געלד פֿון לאַנד מצרים און פֿון לאַנד כנען, זענען אַלע (איינוואָהנער פֿון) מצרים געקומען צו יוסף'ן און האָבען געזאָגט: גיעב אונז ברויט! דען פֿאַרוואָס זאָלען מיר שטאַרבען פֿאַר דיר? דען עס איז אויסגעגאַנגען דאָס געלד.

16. האָט יוסף געזאָגט: גיעט אײַערע פיה, וועל איך אײַך געבען (תבואָה) פֿאַר אײַערע פיה, אויב דאָס געלד איז אויס-געגאַנגען.

17. האָבען זיי געבראַכט זייערע פיה צו יוסף'ן, און יוסף האָט זיי געגעבען ברויט פֿאַר די פֿערד און פֿאַר די סטאַדעס שאָף און פֿאַר די סטאַדעס רינדער און פֿאַר די עזלען, און ער האָט זיי בעזאָרגט מיט ברויט אין יענעם יאָהר פֿאַר זייערע אַלע פיה.

18. און עס האָט זיך אויסגעלאָזט יענעם יאָהר, זענען זיי געקומען צו איהם אין צווייטען יאָהר און האָבען געזאָגט צו איהם: מיר וועלען נישט פֿערלייקענען פֿון אונזער הערר, דאָס עס איז אויסגעגאַנגען דאָס געלד, און די פיה און בהמות (זענען איבערגע-גאַנגען) צו מײַן הערען; עס איז שוין נישט געבליבען פֿאַר אונזער הערן נאָר אונזער קערפּער און אונזער ערד.

19. פֿאַרוואָס זאָלען מיר שטאַרבען פֿאַר דיר אין די אויגען, אי מיר, אי אונזער ערד? קויף אונז און אונזער ערד פֿאַר ברויט, און מיר וועלען זײַן, מיר און אונזער ערד, קנעכט בײַ פרעה'ן,

און גיעב זאָמען, וועלען מיר לעבען און ניט שטאַרבען, און די ערד וועט נישט פֿערוויסט ווערען.

20. האָט יוסף אָבגעקויפֿט דאָס גאַנצע ערד פֿון מצרים פֿאַר פּרעה'ן, דען די מִצְרִים האָבען פֿערקויפֿט יעדער זיין פֿעלד, דען דער הונגער האָט זיך ביי זיי געשטאַרקט; איז די גאַנצע ערד גע־וואָרען פּרעה'ס.

21. און דאָס פֿאָלק האָט ער אַריבערגעפֿיהרט אין די שטעדט, פֿון איין עק פֿון מצרים'ס גרענעץ ביז'ן אַנדערן עק.

22. נאָר די ערד פֿון די פּריעסטער האָט ער נישט געקויפֿט, דען די פּריעסטער האָבען בעקומען אַ בעשטימטען טייל פֿון פּרעה'ן, און זיי האָבען געגעסען דעם בעשטימטען טייל, וואָס פּרעה האָט זיי געגעבען, דעריבער האָבען זיי נישט פֿערקויפֿט זייער ערד.

23. און יוסף האָט געזאָגט צום פֿאָלק: אַזוי ווי איך האָב היינט אָבגעקויפֿט אייך און אייער ערד פֿאַר פּרעה'ן, דעריבער נאַט אייך זאָמען און זייעט די ערד.

24. און עס וועט זיין, ווען איהר וועט שניידען די תבואות, זאָלט איהר אַ פֿינפֿט־חֵלֶק געבען פּרעה'ן, און פֿיער־טייל זאָל זיין פֿאַר אייך אויף צו זייען דאָס פֿעלד און צו'ם עסען פֿאַר אייך און פֿאַר אייערע הויזגעזינדער און פֿאַר אייערע קליינע קינדער.

25. האָבען זיי געזאָגט: דו האָסט אונז דערהאַלטען ביי'ם לעבען; לאָ'מיר געפֿינען ליבטזעליגקייט אין די אויגען פֿון מיין הערר, און מיר וועלען זיין קנעכט ביי פּרעה'ן.

26. און יוסף האָט דאָס געמאַכט פֿאַר אַ געזעץ ביז היינטיגען טאָג אויף דער ערד פֿון מצרים, דאָס אַ פֿינפֿט־חלק געהער פּרעה'ן; נאָר די ערד פֿון די פּריעסטער אַליין איז נישט געוואָרען פּרעה'ס.

27. און ישראל איז געזעסען אין לאַנד מצרים, אין לאַנד גושן, און עס איז געוואָרען זייער אייגענטום, און זיי האָבען זיך זעהר געפֿרוכפּערט און פֿערמעהרט.

צוועלפטע סדרה: ויחי.

28. און יעקב האָט געלעבט אין לאַנד מצרים זיבעצעהן יאָהר. און עס איז געווען די צייט פֿון יעקב'ס לעבען: זיעבען יאָהר און פֿירציג און הונדערט יאָהר.

29. און עס איז אָנגעקומען ישראל'ס צייט צו שטאַרבען. און ער האָט גערופֿען זיין זוהן יוסף'ן און האָט געזאָגט צו איהם: אויב איך האָב געפֿונען ליעבליכקייט אין דיינע אויגען, לעג אַרונ־טער דיין האַנד אונטער מיין זייט, און זאָלסט טהון מיט מיר אַ גנאָד און אַ טרייהייט: דו זאָלסט מיך ניט בעגראָבען אין מצרים.

30. נאָר איך וועל ליעגען מיט מיינע פֿאָטערס; און דו זאָלסט מיך אַוועקטראָגען פֿון מצרים און זאָלסט מיך בעגראָבען אין זייער בעגרעבניש. האָט (יוסף) געזאָגט: איך וועל טהון לויט דיינע ווערטער.

31. האָט ער געזאָגט: שווער מיר צו. האָט ער איהם גע־שוואָרען. און ישראל האָט זיך געבוקט אויפֿ'ן צוקאָפּענס פֿון בעט.

קאַפּיטעל 48.

1. און עס איז געווען נאָך די דאָזיגע געשעהענישען, האָט מען אָנגעזאָגט יוסף'ן: דיין פֿאָטער איז קראַנק. האָט ער גענומען זיינע צוויי זיהן מיט זיך: מנשה'ן און אפרים'ן.

2. און מען האָט וויסען געגעבען יעקב'ן און מען האָט גע־זאָגט: אָט קומט אָן צו דיר דיין זוהן יוסף. האָט זיך ישראל גע־שטאַרקט און האָט זיך געזעצט אויפֿ'ן בעט.

3. און יעקב האָט געזאָגט צו יוסף'ן: דער אַלמעכטיגער גאָט האָט זיך צו מיר בעוויזען אין לוז אין לאַנד כנען, און האָט מיך געבענשט,

4. און האָט געזאָגט צו מיר: איך וועל דיך מאַכען פֿרוכט־באַר און וועל דיך פֿערמעהרען און וועל מאַכען פֿון דיר אַ מענגע

פֿעלקער, און וועל אָבגעבען דאָס דאָזיגע לאַנד דיינע קינדער נאָך דיר פֿאַר אַ עבּיגעם איינגעטום.

5. און איצט, דיינע צוויי זיהן, וואָס זענען ביי דיר גע־בּאָרען געוואָרען אין לאַנד מצרים, איידער איך בין געקומען צו דיר קיין מצרים, זאָלען זיי מיינע זיין; אֶפְרַיִם און מְנַשֶּׁה זאָלען מיינע זיין אַזוי ווי רְאוּבֵן און שִׁמְעוֹן.

6. און דיינע קינדער, וואָס וועלען ביי דיר געבּאָרען ווערען נאָך זיי, זאָלען זיי דיינע זיין, אויפֿ'ן נאָמען פֿון זייערע ברידער זאָלען זיי אָנגערופֿען ווערען אין זייער עֶרב־טייל.

7. און איך, ווען איך בין געקומען פֿון פַּדָּן, איז מיר גע־שטאָרבען רָחֵל אין לאַנד כנען, אין וועג, ווען עס איז נאָך געווען אַ שטרעקע ערד צו קומען קיין אֶפְרָת, און איך האָב זי דאָרט בּע־גראָבען אויפֿ'ן וועג קיין אפרת, דאָס איז בֵּית־לֶחֶם.

8. און יִשְׂרָאֵל האָט דערזעהן יוסף'ס זיהן, האָט ער געזאָגט: ווער זענען די?

9. האָט יוסף געזאָגט צו זיין פֿאָטער: דאָס זענען מיינע זיהן, וואָס גאָט האָט מיר דאָ געגעבען. האָט יעקב געזאָגט: פֿיהר זיי צו צו מיר, וועל איך זיי בּענשען.

10. און יִשְׂרָאֵל'ס אויגען זענען שווער געוואָרען פֿון אַלטקייט, ער האָט נישט געקאָנט זעהן. און (יוסף) האָט זיי צו איהם צוגע־פֿיהרט, האָט ער זיי געקושט און זיי געהאַלזט.

11. און יִשְׂרָאֵל האָט געזאָגט צו יוסף'ן: איך האָב מיך שוין נישט גערייכט אפילו דיך צו זעהן, און אָט האָט מיך גאָט געוויזען אויך דיינע קינדער.

12. האָט יוסף זיי אַרויסגענומען פֿון צווישען זיינע קניה און האָט זיך געבוקט מיט'ן אַנגעזיכט צו דער ערד.

13. און יוסף האָט גענומען זיי ביידען: אפרים'ן בּיי זיין רעכטער זייט, אַקעגען יִשְׂרָאֵל'ס לינקער זייט, און מנשה'ן בּיי זיין לינקער זייט, אַקעגען יִשְׂרָאֵל'ס רעכטער זייט, און האָט זיי צוגעפֿיהרט צו איהם.

14. האָט ישראל אויסגעשטרעקט זיין רעכֿטע האַנד און האָט אַרויפֿגעלעגט אויף אפרים'ס קאָפּ, אויבוואָהל ער איז געוועזען דער יונגערער, און זיין לינקע האַנד (האָט ער אַרויפֿגעלעגט) אויף מנשה'ס קאָפּ. ער האָט אומישנע פֿערלעגט זיינע הענד, אויבוואָהל מנשה איז געוועזען דער בכור.

15. און ער האָט געבענשט יוסף'ן און האָט געזאָגט: דער גאָט, וואָס פֿאַר איהם זענען אַרומגעגאַנגען מיינע עלטערן אברהם און יצחק, דער גאָט, וואָס ערנעהרט מיך פֿון זינט איך לעב ביז היינטיגען טאָג,

16. דער מלאך, וואָס לעזט מיך אויס פֿון יעדעם שלעכֿטס, זאָל בענשען די דאָזיגע קינדער, און עס זאָל ווערען און זיי אָנגערופֿען מיין נאָמען און דער נאָמען פֿון מיינע פֿאָטערס אברהם און יצחק, און זיי זאָלען זיך שטאַרק פֿערמעהרען אויף דער ערד.

17. און יוסף האָט געזעהן, דאָס זיין פֿאָטער האָט אַרויפֿגעלעגט זיין רעכֿטע האַנד אויף אפרים'ס קאָפּ, איז עס איהם נישט געפֿעלען געוואָרען, און ער האָט אָנגענומען זיין פֿאָטערס האַנד, זי אַראָבצונעהמען פֿון אפרים'ס קאָפּ (און אַרויפֿצולעגען) אויף מנשה'ס קאָפּ.

18. און יוסף האָט געזאָגט צו זיין פֿאָטער: נישט אַזוי, מיין פֿאָטער, דען דער איז דער בכור; לעג אַרויף דיין רעכֿטע האַנד אויף זיין קאָפּ.

19. האָט זיין פֿאָטער נישט געוואָלט און האָט געזאָגט: איך ווייס, מיין זוהן, איך ווייס; אויך פֿון איהם וועט ווערען אַ פֿאָלק און אויך ער וועט גרויס זיין, נאָר זיין קלענערער ברודער וועט זיין גרעסער פֿון איהם, און פֿון זיינע קינדער וועלען ווערען אַ מענגע פֿעלקער.

20. און ער האָט זיי יענעם טאָג געבענשט און האָט אַזוי געזאָגט: מיט דיר וועט ישראל בענשען און וועט אַזוי זאָגען: זאָל דיך גאָט מאַכֿען אַזוי ווי אפרים און מנשה. און ער האָט געשטעלט אפרים'ן פֿאַר מנשה'ן.

21. און יִשׂראֵל האָט געזאָגט צו יוסף'ן אָט וועל איך שטאַר-בען, און גאָט וועט זיין מיט אייך און וועט אייך צוריק ברענגען און לאַנד פון אייערע פאָטערס.

22. און איך גיב דיר איין טייל מעהר ווי דיינע ברידער, וואָס איך האָב צוגענומען פון דעם אֱמוֹרִי מיט מיין שווערד און מיט מיין בויגען.

קאַפּיטעל 49.

1. און יעקב האָט גערופען זיינע קינדער און האָט געזאָגט: פערזאַמעלט זיך, וועל איך אייך זאָגען, וואָס עס וועט אייך טרעפען אין די שפּעטערדיגע צייטען.

2. פערזאַמעלט זיך און הערט, יעקב'ס זיהן, און הערט אייער פאָטער יִשׂראֵל'ן.

3. ראובן! דו ביזט מיין בְּכוֹר, מיין קראַפט און מיין ערשטע מאַכט, די גרעסטע ווירדע און די גרעסטע שטאַרקייט.

4. נאָר וויל דו ביזט געוועזען לייכטזיניג ווי וואַסער, דעריבער זאָלסטו נישט זיין גרעסער (ווי דיינע ברידער), דען דו ביזט אַרויפ-געגאַנגען אויף דיין פאָטערס געלעגער, דאַן האָסטו פערשוועכט מיין געלעגער מיט דיין אַרויפגעהן.

5. שמעון און לוי זענען ברידער, זייערע שווערדען זענען ווערקצייג פון רויב.

6. און זייער ראַט זאָל מיין זעעלע נישט קומען, און זייער פערזאַמלונג זאָל נישט פעראייניגט ווערען מיין עהרע, דען און זייער צאָרען האָבען זיי געהרגעט מענשען און מיט זייער ווילען האָבען זיי אויסגעריסען אָקסען.

7. פערפלוכט זאָל זיין זייער כּעס, דען ער איז שטאַרק, און זייער צאָרן, דען ער איז האַרט. איך וועל זיי צעטיילען צווישען יעקב און וועל זיי פערשפּרייטען צווישען יִשׂראֵל.

8. אָבער דו יהודה, דיך וועלען לויבען דיינע ברידער.

דיין האנד וועט זיין אויף דעם נאקען פון דיינע פיינד. צו דיר וועלען זיך בוקען דיין פאטערס זיהן.

9. א יונגער לייב איז יהודה. פון רויב, מיין זוהן, ביזטו אויפגעקומען. ער האט געקניהט און האט זיך געלעגט אזוי ווי א לייב און אזוי ווי א לייבין; ווער וועט איהם אויפשטעלען?

10. עס וועט נישט אבגעטהון ווערען דער סצעפטער פון יהודה און קיין געזעצגעבער פון צווישען זיינע קינדער, ביז עס וועט קומען דער, וואס צו איהם געהער די הערשאפט, און איהם וועלען פאלגען פעלקער.

11. ער בינדט צו צו'ם ווייַנשטאק זיין יונגען עזעל און צו'ם עדעלסטען וויינשטאק — דעם זוהן פון זיין עזעלין. ער וואשט מיט וויין זיין קלייד און מיט בלוט פון וויינטרויבען זיין מאנטעל.

12. די אויגען רויט פון וויין, און וויים די צייהן פון מילך.

13. זבולון וועט וואהנען ביי'ם ברעג פון ים און ביי'ם האפען פון שיפען, און זיין גרענעץ וועט דערגרייכען ביז צידון.

14. יששכר איז א ביינערדיגער עזעל, ער ליעגט צווישען די גרענעצען.

15. און ווי ער האט דערזעהן די רוהע, ווי גוט זי איז, און דאס לאנד, ווי זיס זי איז, האט ער איינגעבויגט זיין אקסעל צו טראגען דעם יאך און איז געווארען א קנעכט, וואס צאהלט צינזען.

16. דן וועט קעמפפען פאר זיין פאלק, אזוי ווי איינער פון ישראל'ס שבטים.

17. דן וועט זיין א שלאנג אויפ'ן וועג, א נאטער-שלאנג אויפ'ן שטעג, וואס בייסט דעם פערדס פערזען, און דער וואס רייט אויף איהם פאלט אויף הינטען.

18. צו דיין הילף, גאט, האף איך!

19. אויף גד'ן וועט א מחנה באפאלען צו'ם קאמפף, נאר ער וועט די מחנה בעזיעגען און וועט פערפאלגען איהרע טריט.

20. וועגען אשר'ן: פעט וועט זיין זיין ברויט, און ער וועט צושטעלען קעניגליכע שפייזען.

21. נפתלי איז אַ פלינקע הינדין, וואָס גיעט אַרויס שענע קינדערלעך.

22. אַ פרוכטבאַרער צווייג איז יוסף, אַ פרוכטבאַרער צווייג בייַ'ם קוואַל, די צווייגען פערשפרייטען זיך אַרויף איבערן מויער.

23. און מען האָט איהם ערביטערט, און מען האָט זיך גע־קריעגט מיט איהם, און עס האָבען איהם פייַנד געהאַט די מענער מיט די פייַלען.

24. נאָר שטאַרק איז געבליבען זייַן בויגען, און פלינק זענען געווען די אָרעמס פון זייַנע הענד, דורך די הענד פון דעם מעכטיגען (גאָט) פון יעקב, דורך דעם פאַסטוך און דעם פעלזען פון ישראל,

25. דורך דעם גאָט פון דייַן פאָטער, וואָס וועט דיר העלפען, און פון דעם אַלמעכטיגען, וואָס וועט דיך בענשען מיט בְּרָכוֹת פון הימעל פון דער הויך, מיט ברכות פון אָבגרונד, וואָס ליגט אונטען, מיט ברכוה פון בריסט און מוטערלייַב.

26. די ברכות פון דייַן פאָטער זאָלען בעהעפט ווערען מיט די ברכות פון מייַנע עלטערן, און זאָלען דערגרייכען ביז די גרע־נעצען פון די עביגע בערג, און זיי זאָלען אַלע זייַן אויף יוסף'ס קאָפּ און אויף דעם קאָפּ פון דעם געקרוינטען צווישען זייַנע ברידער.

27. בנימין וועט זייַן אַ רייַסענדער וואָלף. אין דער פריה וועט ער עסען דעם רויב און אין אָווענד וועט ער אויסטיילען דעם רויב.

28. די אַלע זענען יִשְׂרָאֵל'ס צוועלף שְׁבָטִים, און דאָס איז עס, וואָס זייער פאָטער האָט צו זיי גערעדט, און ער האָט זיי גע־בענשט, יעדען לויט זייַן בְּרָכָה האָט ער זיי געבענשט.

29. און ער האָט זיי בעפוילען און האָט געזאָגט צו זיי: איך ווער בעהעפט צו מייַן פאָלק, בעגראָבט מיך מיט מייַנע עלטערן אין דער הויהל, וואָס אין פעלד פון עֶפְרוֹן דעם חִתִּ'ער,

30. אין דער הויהל, וואָס אין דעם פעלד מַכְפֵּלָה, וואָס פאַר מַמְרֵא אין לאַנד כנען, דאָס פעלד, וואָס אברהם האָט געקויפט פון עֶפְרוֹן דעם חת'ער פאַר אַנ'אייגענעם בעגרעבניש־אָרט.

31. דאָרט האָט מען בעגראָבען אברהם'ן און זייַן ווייַב שרה'ן,

דאָרט האָט מען בעגראָבען יִצחק'ן און זײַן ווײַב רבקה'ן, און דאָרט האָב איך בעגראָבען לאָה'ן.

32. דאָס פֿעלד און די הויהל, וואָס אין איהם, איז געקויפֿט פֿון די זיהן פֿון חת.

33. און יעקב האָט געענדיגט אָנזאָגען זײַנע זיהן, און ער האָט צונויפֿגעלעגט זײַנע פֿיס אויפֿ'ן בעט, און ער איז אויסגעגאַנגען און איז בעהעפֿט געוואָרען צו זײַן פֿאָלק.

קאַפּיטעל 50.

1. און יוסף איז געפֿאַלען אויף זײַן פֿאָטערס אַנגעזיכט און האָט געוויינט אויף איהם און האָט איהם געקושט.

2. און יוסף האָט בעפֿוילען זײַנע קנעכט די רופֿאים אײַנצובאַלזאַמירען זײַן פֿאָטער, און די רופֿאים האָבען אײַנגעבאַלזאַמירט יִשׂראל'ן.

3. און עס זענען פֿערגאַנגען פֿירציג טעג, דען אַזוי פֿיעל טעג געדויערט דאָס אײַנבאַלזאַמירען, און די מִצרים האָבען איהם בעוויינט זיעבציג טעג.

4. און ווען עס זענען פֿערבײַגעגאַנגען די טעג פֿון בעוויינען איהם, האָט יוסף גערעדט צו פּרעה'ס לײַט און האָט אַזוי געזאָגט: אויב איך האָב געפֿונען לײַטזעליגקײַט אין אײַערע אויגען, רעדט צו פּרעה'ן און זאָגט צו איהם אַזוי:

5. מײַן פֿאָטער האָט מיך אַזוי בעשוואָרען: אָט שטאַרב איך, אין דעם קֶבֶר וואָס איך האָב מיר אויסגעגראָבען אין לאַנד כנען, דאָרט זאָלסטו מיך בעגראָבען. און איצט לאָ'ם איך אַרויפֿגעהן און בעגראָבען מײַן פֿאָטער און צוריקומען.

6. האָט פּרעה געזאָגט: געה אַרויף און בעגראָב דײַן פֿאָטער, אַזוי ווי ער האָט דיך בעשוואָרען.

7. און יוסף איז אַרויפֿגעגאַנגען צו בעגראָבען זײַן פֿאָטער, און מיט איהם זענען אַרויפֿגעגאַנגען פּרעה'ס אַלע קנעכט, די עלטסטע פֿון זײַן הויז און אַלע עלטסטע פֿון לאַנד מצרים,

8. און דאָס גאַנצע הויזגעזינד פֿון יוסף און זײַנע ברידער און זײַן פֿאָטערס הויזגעזינד, נאָר זײַערע קליינע קינדער און זײַערע שאָף און רינדער האָבען זיי איבערגעלאָזט אין לאַנד גושן.

9. און עס זענען מיט איהם אַרויפֿגעגאַנגען אויך וואָגענס און רײַטער, און די מחנה איז געווען זעהר גרויס.

10. און זיי זענען געקומען ביז גֹּרֶן־הָאָטָד. וואָס אין יענער זײַט יַרְדֵן, און זיי האָבען איהם דאָרט בעקלאָגט אַ גרויסען שטאַרקען קלאָג, און ער האָט געמאַכט נאָך זײַן פֿאָטער אַ טרויער פֿון זיבען טעג.

11. און ווי די אײַנוואָהנער פֿון לאַנד, די כְּנַעֲנִים, האָבען געזעהן דעם טרויער אין גורן־האטד, האָבען זיי געזאָגט: דאָס איז אַ גרויסער טרויער פֿאַר מצרים. דעריבער האָט מען אָנגערופֿען דעם נאָמען פֿון אָרט: אָבֵל־מִצְרַיִם (מצרים־טרויער), וואָס אין יענער זײַט ירדן.

12. און זײַנע זיהן האָבען מיט איהם געטהון, אַזוי ווי ער האָט זיי אָנגעזאָגט.

13. און זײַנע זיהן האָבען איהם געטראָגען אין לאַנד כנען און האָבען איהם בעגראָבען אין דער הויהל פֿון פֿעלד מכפלה, דאָס פֿעלד, וואָס אברהם האָט געקויפֿט פֿאַר אַ אייגענעם בעגרעבניש־אָרט, פֿון עפֿרון דעם חת'ער בײַ ממרא.

14. און יוסף האָט צוריקגעקעהרט קיין מצרים, נאָכדעם ווי ער האָט בעגראָבען זײַן פֿאָטער, ער און זײַנע ברידער און אַלע, וואָס זענען מיט איהם אַרויפֿגעגאַנגען צו בעגראָבען זײַן פֿאָטער.

15. און ווי יוסף'ס ברידער האָבען געזעהן, דאָס זייער פֿאָטער איז געשטאָרבען, האָבען זיי געזאָגט: פֿילײַכט וועט אונז יוסף איצט פֿײַנד האָבען, און וועט אונז אָבצאָהלען פֿאַר דאָס גאַנצע שלעכטס, וואָס מיר האָבען איהם געטהון.

16. און זיי האָבען געלאָזט יוסף'ן אַזוי זאָגען: דײַן פֿאָטער האָט פֿאַר זײַן טויט אַזוי אָנגעזאָגט:

17. אַזוי זאָלט איהר זאָגען צו יוסף'ן: איך בעט דיך, פֿערגיב די שולד פֿון דײַנע ברידער און זייער זינד, דען זיי האָבען דיר אָנגעטהון שלעכטס; און איצט פֿערגיב די שולד פֿון די קנעכט

פון דיין פאטערס גאט. האט יוסף געוויינט, ווען זיי האבען גערעדט צו איהם.

18. זענען אויך זיינע ברידער געגאנגען צו איהם און זענען געפאלען פאר איהם און האבען געזאגט: אט זענען מיר דיינע קנעכט.

19. האט יוסף צו זיי געזאגט: איהר זאלט נישט מורא האבען; צי דען בין איך אנשטאט גאט?

20. און דאס, וואס איהר האט גערעכענט שלעכטס פאר מיר, האט דאס גאט גערעכענט צו'ם גוטען, אום עס זאל געשעהן ווי עס איז היינטיגען טאג, צו דערהאלטען ביי'ם לעבען פיעל פאלק.

21. און יעצט זאלט איהר נישט מורא האבען; איך וועל שפייזען אייך און אייערע קליינע קינדער. און ער האט זיי געטרייסט און האט גערעדט צו זייער הארצען.

22. און יוסף איז געזעסען אין מצרים, ער און זיין פאטערס הויז-געזינד, און יוסף האט געלעבט הונדערט און צעהן יאהר.

23. און יוסף האט געזעהן ביי אפרים'ן קינדער ביז'ן דריטען דור; אויך די קינדער פון מכיר, מנשה'ס זוהן, זענען געבארען געווארען אויף יוסף'ס קניה.

24. און יוסף האט געזאגט צו זיינע ברודער: איך שטארב; נאר גאט וועט אייך אויפריכטען און וועט אייך ארויפברענגען פון דעם דאזיגען לאנד אין דאס לאנד, וואס ער האט צוגעשווארען אברהם'ן, יצחק'ן און יעקב'ן.

25. און יוסף האט בעשווארען ישראל'ס זיהן און האט אזוי געזאגט: ווען גאט וועט אייך אויפריכטען, זאלט איהר ארויפברענגען מיינע ביינער פון דאנען.

26. און יוסף איז געשטארבען, זייענדיג אלט הונדערט און צעהן יאהר. און מען האט איהם איינגעבאלזאמירט און אריינגעלעגט אין א ארון אין מצרים.